STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06689

DARVINIZM UN ATEIZM

G. A. Guryev

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאַטשקאָווסקיס
„פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק"

ג. א. גוריעוו

דאַרוויניזם און אטעיזם

פּאָפּולערע סקיצן

ייִדיש: ש. לעווין

וואַרשע—ניו־יאָרק 1931

Printed in Poland

Darwinizm i Ateizm — G. A. Gurewa
Wyd. Pop. Naukowe Jaczkowskiego
Warszawa, Twarda 8.

D uk. B-cia Lewin-Epstein, Pawia 38

מספרי
שלום און שפרה קרישטאַלקע
ביבליאָטעק

אַ ר י י נ פ י ר

דאַרוויניזם, רעליגיע און רעאַקציע

צווישן די וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס וועט זי, קוים געפינען אַזאַ, וואָס זאָל צווישן די ברייטע מאַסן פון די, וועלכע פאַרטראַכטן זיך איבער זייער וועלט-אָנשויונג, זיין מער באַקאַנט, ווי די טעאָריע, וואָס איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פונם ענגלענדער טשאַרלז דאַרווין. קיין איין דיסקוסיע, קיין איין שמועס אָדער פאָרטראַג וועגן די פראַגן פון רעליגיע גייט נישט דורך, אַז מען זאָל נישט דערמאָנען דעם **דאַרוויניזם**, מען זאָל נישט דיסקוטירן איבער דערדאָזיקער פראַגע. גלייכצייטיק דערוועקט נישט קיין איין וויסנשאַפטלעכע אידיי אַזעלכע „ליידנשאַפטן" אויסער די ראַמען פון „ריינער וויסנשאַפט", ווי די אידיי, וועלכע ס'האָט פּראָקלאַמירט דאַרווין. און דידאָזיקע „ליידנשאַפטן" זענען נישט בײַ אַלעמען דיזעלביקע: בײַ אייניקע רופט די דאָזיקע אידיי אַרויס הייסע סימפּאַטיעס, בײַ אַנדערע — ליידנשאַפטלעכע אויפרעגונג.

וואָס זשע צייכנט אויס דעם דאַרוויניזם פון צווישן אַנדערע וויסנשאַפטלעכע אָנשויונגען?

די זאַך באַשטייט אין פאָלגנדיקן: צווישן די טויזנטער גרויסע פראַגן, וואָס שטעלן זיך פאַר'ן אומרויִקן שכל פונם מענטשן, איז קוים דאָ נאָך איינע אַזאַ, וואָס זאָל האָבן אַ מער דערהויבענעם אינטערעס, ווי די אַלטע קשיא וועגן דעם אָרט, וואָס דער מענטש פאַרנעמט אין דער נאַטור. פון **וואַנען** **האָט זיך גענומען אונזער מין**, ס'אַרא איז זיין באַציונג צו דער אַרומיקער נאַטור אַלס גאַנצעס — דאָס איז די

„פראַגע פון אַלע פראַגן" פון דער מענטשהייט, אַ פּראָבלעם, איבער וועלכן עס מוז זיך פאַרטראַכטן יעדער פעיקער צום דענקען מענש, באַמיענדיק זיך עס צו פאַרענטפערן אויף דעם אָדער יענעם אופן. דאַרווין איז דאָס געווען יענער גרויסער געלערטער, וואָס האָט געלייזט דידאָזיקע שווערע אויפגאַבע, וואָס האָט אַנטדעקט דעמדאָזיקן „סוד סודות" פון דער מענטש-הייט. נאָר זיין דאָזיקע „טאַט" האָט נישט געקענט נישט אויפ-רודערן אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער מענטשהייט, ווייל ער האָט געגעבן אַ דערשלאָגנדיקן, דערשיטערנדיקן קלאַפּ דער גאנצער פילהונדערטיעריקער געביידע פון דער רעליגיעזער וועלט-אַנשויונג.

דאַרווין האָט פאַרענדיקט די זאַך, וועל-כע ס'האָט אָנגעהויבן קאָפּערניק. ער האָט אויפן געביט פון דער וויסנשאַפט וועגן דער באַלעבטער נאַטור, אויפן געביט פון ביאָלאָגיע אויפגעטון דאָסזעלבע, וואָס ס'האָט אין זעכצנטן יאָרהונדערט אויפגעטון דער גרויסער אַסטראָנאָם אויפן געביט פון דער וויסנשאַפט וועגן דער אַל-וועלט.

ווי באַוווסט, איז פאַר קאָפּערניקן אין יסוד נישט בלויז פון דער רעליגיע, נאָר אויך פון אַלע וויסנשאַפטן געלעגן די געאָצענטרישע אַנשויונג:*) אַלע זענען געווען זיכער, אַז די ערד איז דער אומבאַוועגלעכער „צענטר פון דער וועלט", אַז זי פאַרנעמט דאָס סאַמע פּריווילעגירטע אָרט אין דער אַל-וועלט. דער געדאַנק וועגן דעם, אַז די ערד איז נישט עפּעס אַן אויסנאַם-זאַך אין דער וועלט, האָט זיך גערעכנט נישט נאָר פאַר לעכערלעך און אומזיניק, נאָר איז אויך אָנערקענט געוואָרן פאַר זינדיק, אַפּיקורסיש, קעגנעריש צו דער „הייליקער" שריפט. קאָפּערניק האָט צעשטערט די געאָצענטרישע פאָרשטע-לונג וועגן דער וועלט און האָט געמאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין די יאָרהונדערטער אַלטע ביבליש-רעליגיעזע אַנשויונגען; ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די ערד איז נישט דער יסוד פון דער וועלט, נאָר אַ קליינער הימלישער קערפּער, פאַרוואָרפן אין דער אומענדלעכקייט פונם וועלט-רוים.

אָבער דער מענטש איז אַלץ געבליבן שטיין אין צענטר

---

*) אַן אַנשויונג, לויט וועלכער די ערד געפינט זיך אין צענטר פון דער וועלט (געאָ-ערד). — באַמערקונג פון איבערז.

פון דער גאַנצער באַלעבטער נאַטור, אַלס „מלך פון אַלע באַשעפענישן״: מען האָט אים באַטראַכט פאַר אַ גאַנץ באַזונדער אויסנאַם-וועזן, וואָס האָט קיין שום בשותּפותדיקעס נישט מיט קיין שום בעלי-חיים, וואָס איז נישט פאַרגלייכלעך צו קיין שום „באַשעפעניש״. די דאָזיקע פאָרשטעלונג וועגן דער לאַגע פונם מענטש אין דער אָרגאַנישער וועלט דערגענצט דעם געאָצענט-ריזם און הייסט די אַ נ ט ר אָ פּ אָ צ ע נ ט ר י ש ע וועלט-אָ נ ש ו י ו נ ג *). דערביי האָט זי, פונקט ווי די געאָצענטרישע, אירע וואָרצלען אין דער רעליגיע און די „הייליקע״ ספרים. מיר לעזן דאָך אין תּנ״ך, אַז אַלץ — די ערד, הימלישע לייכטער, די בעלי-חיים, די געוויקסן א. א. וו. — אַלץ איז געשאַפן לויט „גאָטס ווילן״ אויסשליסלעך פאַר מענטשנס געברויך**) און אַז דער מענטש אַליין איז באַשאַפן „בצלם אלהים״ (לויט גאָטס געשטאַלט און פאָרם). סיי דער מענטש און סיי יעדער לעבעדיקער אָרגאַניזם (בעלי-חיים און געוויקסן) זענען דערשינען פּלוצלונג, אַלס רעזולטאַט פון אַ באַזונדערן שאַפונג-אַקט, אין זייער גאַנצער פולקאָמענהייט. זיי זענען דורכן „אַלמעכטיקן און אַל-קלוגסטן בורא״ געשאַפן געוואָרן באַזונדער, אָן שום פאַרבינדונג צווישן זיך און זייט דאַמאָלס געפינען זיי זיך כּסדר אינם זעלבן אומפאַרענדערלעכן, אומבאַוועגלעכן, אַזוי ווי פאַרגליווערטן מצב, דערפילנדיק די זיי אָנגעצייכנטע „באַשטימונג״. בכלל, זענען אַלע זאַכן און אַלע וועזנס באַשאַפן געוואָרן דורך גאָט שוין אין דעם פאַרטיקן צושטאַנד, ווי מיר זעען זיי איצט, אַזוי אַז די וועלט אַנטוויקלט זיך נישט, ענדערט זיך נישט: זי בלייבט שטענדיק אַזאַ, ווי זי איז איינמאָל באַשאַפן געוואָרן.

מיט איין וואָרט, דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער רעליגיעז-ביבלישער וועלט-אָנשויונג איז: 1) די אָנערקענונג פון דער אומפאַרענדערלעכקייט 2) דאָס פעלן פון אַ קעגנזייטיקער

*) אַן אָנשויונג, לויט וועלכער דער מ ע נ ט ש געפינט זיך אין צענטר פון דער וועלט (אַנטראָפּאָס-מענטש). — באַמערקונג פון איבערז.

**) היינע, אויסלאַכנדיק דאָס דאָזיקע זיך אַליין גרויס מאַכן פונם מענטש, האָט געשריבן: „אַן אָקס איז באַשאַפן, כּדי מען זאָל פון אים מאַכן אַ שטאַרקן בוליאָן, אַן אייזל, כּדי מען זאָל אים פאַרגלייכן מיט אַ מענטש, און אַ מענטש? — כּדי צו עסן בוליאָן און נישט צו זיין ענלעך צו אַן אייזל״.

אָרגאַנישער פאַרבינדונג און 3) „אַגייסטיקע סבה“ פון דער אַנטשטייונג פון די וועזנס. בכן, באַשטייט די וועלט לויט דערדאָזיקער וועלט-אָנשויונג פון פאַרטיקע זאַכן, וואָס זענען אויסגעגאָסן אין פעסטע, באַשטימטע פאָרמען: „אַזוי איז געווען און אַזוי וועט זיין“ (מה שהיה הוא שיהיה) און „נישטאָ קיין נייס אונטער דער זון“ (אין כל חדש תחת השמש) — דאָס איז דער באַצייכנענדיקער סימן פון דערדאָזיקער „געטלעכער“ אָנשויונג וועגן דער נאַטור.

דאַרווין האָט אַנטגילטיק פאַרניכטעט אַלע יסודות פון דער אַנטראָפאָצענטרישער וועלט-אָנשויונג און גלייכצייטיק אויך די דערמאָנטע דאָגמען פון דער רעליגיעזער אָנשויונג וועגן די אָרגאַניזמען — די דאָגמען וועגן אומפאַרענדערלעכקייט, „נישט זיין פאַרבונדן“ און גייסטיקער סבה ד. ה. פון אַ „באַשעפער“. דאַרווין האָט דערוויזן, אַז דער מענטש איז איינער פון די מינים פון די בעלי-חיים, אַז צווישן מענטש און בעל-חי איז נישטאָ קיין עיקרדיקער פרינציפיעלער אונטערשייד, אַז די גאַנצע בעלי-חיים-וועלט בילדעט מיט זיך אַ מין געמיינזאַמע אומצערייסלעכע קייט, אין וועלכער דער מענטש איז נאָר איין רינגעלע. דאָס באַדייט, אַז דער מענטש שטעלט מיט זיך פאָר נאָר אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער בעלי-חיים-וועלט, איר המשך, אַזוי, אַז קיין ערשטער מענטש, קיין אדם הראשון, איז קיינמאָל נישט געווען, פונקט אַזוי, ווי ס'איז נישט געווען קיין ערשטער הונט, קיין ערשטצר פיש, קיין ערשטע פליג. דער „מלך היקום“, פונקט ווי בכלל אַלע „בריאות“, „באַשעפענישן“ איז קיינמאָל נישט „באַשאַפן“ געוואָרן: זיי זענען אונטערגעוואָרפן פאַרענדערונגען, האָבן דערגרייכט זייער איצטיקן צושטאַנד נישט פלוצים, לויט אַ באַפעל, נאָר שטופנווייז, אַלס פועל-יוצא פון אַ לאַנגן אַנטוויקלונג-פראָצעס און זענען דערביי צווישן זיך פאַרבונדן דורך אַ געמיינזאַמער אָפשטאַמונג, מיט באַנדן פון בלוט-קרובהשאַפט.

נאָר דאַרווין שטעלט זיך באַ דעם נישט אָפּ: ער האָט נישט נאָר באַוויזן, אַז די וועלט פון לעבעדיקע וועזנס איז אַ רעזולטאַט פון עוואָלוציע, נאָר ער האָט אויך אָנגעוויזן אויף אייניקע פון די באַוועגנדיקע כּוחות, די „שפּרינג-פעדער“ פונם דאָזיקן פּראָצעס, ד. ה. ער האָט אַנטדעקט די וויכטיקסטע סבּות, וואָס האָבן דערפירט צו דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די מינים בעלי־חיים און געוויקסן און צום אַנטשטיין פון דעם מין, וואָס ווערט אָנגערופן מענטש. אַזוי אַרום האָט דאַרווין געענטפערט אויף דער אַלטער גרויסער קשיא: פאַרוואָס זענען די בעלי־חיים און געוויקסן אַזעלכע, ווי מיר זעען זיי? ווי אַזוי האָבן זיי זיך אויסגעבילדעט? ווי אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט דער מענטש „אַליין“? און זיין שטרענג-באַגרינדעטער, קלאָרער און דייטלעכער ענטפער האָט נישט געלאָזט קיין שטיין אויף אַ שטיין פון דער „געהייליקטער“ דורך יאָרהונדערטער רעליגיעז-ביבלישער אָנשויונג וועגן דער נאַטור.

ווי מען זעט, איז דאַרווינס לערע אַ פאַקט פון פונקט אַזאַ וועלט-באַדייטונג, ווי קאָפּערניקס לערע. נישט בחנם האָט מען דאַרווינען אָנגערופן „דער קאָפּערניק פון דער וויסנשאַפט וועגן דער אָרגאַנישער וועלט“.

די ערשטע מעלדונג וועגן זיינע אידייען האָט דאַרווין געגעבן אין לאָנדאָן דעם 1-טן יולי 1858 יאָר אויף אַ זיצונג פון געלערטע, מיטגלידער פון דער ליננעי-געזעלשאַפט, אין אַ קליינעם שריפטלעכן פּאָרטראַג. ער אַליין האָט נישט געקענט אָנוועזנד זיין אויף דער זיצונג צוליב זיין שטענדיקער קרענק (ער איז בכלל קיינמאָל נישט אַרויסגעטרעטן עפנטלעך אויף געלערטע פאַרזאַמלונגען און זיך נישט פאַרוויקלט אין קיין פּאָלעמיק), נאָר דער איינדרוק פון די אייניקע איבערגעלעזענע זייטלעך איז געווען זייער אַ שטאַרקער. „אַלע זענען זיך צעגאַנגען פון דער זיצונג מיט יענעם אומבאַשטימטן געפיל, וואָס דער שכל פילט, ווען פאַר אים עפענען זיך נייע, אומדערוואַרטעטע האָריזאָנטן און עס וויקלט זיך אויף א קייט פון קאָמפּליצירטע באַווייזן, אין וועלכע ער קען זיך נישט אַנטשליסן

צו גלויבן און אין וועלכע ער קען זיך נישט מיט אַמאָל פאַ-באַנדערקלייבן"*).

ווען אָבער ס'איז דערשינען דעם 24 נאָוועמבער 1859 יאָר דאַרווינס בוך, וווּ ער אַנטוויקלט געניי זיין לערע, דאָס בוך מיטן נאָמען „די אָפּשטאַמונג פון די מינים דורכן נאַטיר-לעכן אָפּקלייב, אָדער דאָס עקזיסטירן בלייבן פון די אויסדער-ווילטע מינים אינם קאַמף פאַר עקזיסטענץ", — איז אינם אָוונט פונם זעלבן טאָג די גאַנצע אויפלאַגע שוין געווען פאַרקויפט**).

דאָסדאָזיקע בוך האָט דערשטוינט, שטאַרק אויפגערודערט די גאַנצע געלערטע און נישט-געלערט וועלט. אין טאָג פון איר דערשיינען איז פאָרגעקומען אַן אמתער „גייסטיקער שטורם", וואָס האָט געמאַכט אַ דערשטוינענדיקע איבערקערעניש אין אַלע מוחות. לויטן אויסגעצייכנטן אויסדרוק פונם באַרימטן פיזיאָלאָג דיובואַ-ריימאָן, איז דאָס „געווען אַן אויפרייס, וואָס די וויסנ-שאַפט האָט נאָך נישט געזען: לויטן פאַרנעם און באַדייטונג פון דעם אָנגעמאַכטן חורבן, לויטן אָפּקלאַנג, וואָס האָט זיך אָפּגערופן אין די ווייטסטע געביטן פון מענטשלעכן געדאַנק, איז דאָס געווען אַ וויסנשאַפטלעכע גרויס-טאַט, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו זיך".

די קראַפט פונם דאָזיקן „אויפרייס" האָבן קודם-כל און דערהויפּט געמוזט דערפילן אַלע אָנהענגער פון דער רעליגיעזער וועלט-אָנשויונג, ווייל דער ענטפער פון דאַרוויניזם אויף דער פראַגע וועגן דער „אָפּשטאַמונג פון די מינים" איז גלייכצייטיק אויך אַ וויסנשאַפטלעכע אָפּלייקענונג פון די רעליגיעזע דאָגמען. דערפאַר טאַקע איז זייט דעם פאַרעפנטלעכן דידאָזיקע לערע דורך דאַרווינען געוואָרן דער לאָזונג פון דער קירך — קריג קעגן דערדאָזיקער לערע, וועלכע דאַרווין אַליין האָט אין אַ וויץ אָנגערופן דאָס „עוואַנגעליום פונם שטן".

---

*) נעקראַסאָוו „דער קאַמף פאַרן דאַרוויניזם", 1926 (רוסיש).

**) פאַר דאַרווינען אַליין איז דערדאָזיקער דערפאָלג געווען גאַנץ אומדערוואַרטעט: ער האָט די גאַנצע צייט מורא געהאַט, אַז דאָס בוך וועט זיך נישט פאַרקויפן און ער האָט עטלעכע מאָל אין זיין אומענדלעכער גוטמוטיקייט בעהאָרנט זייַן פאַרלעגער נישט צו נעמען אויף זיך די ריזיקע.

שוין אין יאָר 1860 איז דער בישאָף אואָלבערפאָרס אָנגעפאַלן אויפן דאַרוויניזם דערפאַר, ווייל דידאָזיקע לערע איז אין סתירה צו דער הייליקער שריפט און צו דער געטלעכער אַנטפּלעקונג, לייקנט אָפּ דעם באַשעפער און איז נישט פאַריינלעך מיט זיין פולן רום". דערביי האָט דער בישאָף געמאַכט פון דאַרוויניזם יענע אפּיקורסישע אויספירן, וועלכע דאַרווין אַליין האָט געוואָלט פאַרעפנטלעכן נאָר נאָך אַ געוויסער צייט. נעמלעך, דערדאָזיקער מונטערער „גאָטס קאָזאַק", פאַרשטייענדיק תּיכּף, אַז דאַרווינס לערע פירט צו דעם „אוממאָראַלישן אויספיר", אַז **דער מענטש שטאַמט פון דער חיה**, פון מאַלפּעס-ענלעכע וועזנס, איז אַרויסגעטראָטן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג פון געלערטע אין דער גרויסער איבערגעפולטער אוידיטאָריע אין אָקספאָרד מיט אַ פאָרטראַג, אין וועלכן ער איז שאַרף אָנגעפאַלן אויף די אָנהענגער פון דאַרוויניזם צוליבן דאָזיקן זעלבסטפאַרשטענדלעכן אויספיר. אויף דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג איז אָנוועזנד געווען אַלס צוהערער דאַרווינס פריינט, דער באַרימטער ביאָלאָג, פּראָפעסאָר העקסלי, וואָס האָט באַ דאַרוויגען געשפּילט די ראָל, ווי דער לעצטער פלעגט אין אַ וויץ זאָגן, פון אַן „אומזיסטן גענעראַל-אַגענט" (נישט אומזיסט האָט מען אים שפּעטער גערופן דער „אַפּאָסטאָל פּוילוס פון עוואָלוציאָניזם"). ווענדנדיק זיך צו העקסלין, האָט דער בישאָף מיט שפּאָט געזאָגט:

— „איך וואָלט געוואָלט פרעגן דעם פּראָפעסאָר העקסלי, וואָס ער קלערט וועגן דער אָפּשטאַמונג פונם מענטש פון אַ מאַלפּע? צי רעכנט ער, אַז ער שטאַמט אַליין פון אַ מאַלפּע פון דעם זיידנס צד אָדער פון דער באָבעס צד?".

פאַרשטענדלעך, העקסלי איז נישט געבליבן קיין בעל-חוב און האָט אין אַ שאַרפער פאָרם צעקלאַפּט דעם בישאָפס „אַרגומענטאַציע", באַווייזנדיק איר גאַנצער לעכערלעכקייט, איר פולשטענדיקע וויסנשאַפטלעכע אומבאַגרינדעטקייט. גלייכצייטיק האָט ער אָנגענומען דעם בישאָפס אַרויסרוף וועגן דער אָפּשטאַמונג פונם מענטש פון בעלי-חיים, אָנווייזנדיק, אַז מען דאַרף דאָס נישט פאַרשטיין צו-פּשוט. עס רעדט זיך דאָ נאָר וועגן דער אָפּשטאַמונג פונם מענטש דורך טויזנטער דורות, פון אַ

בשותּפותדיקן אור-פּאָטער מיט אַ מאַלפּע און שעמען זיך מיט אַזאַ אור-פּאָטער האָט דער מענטש נישט וואָס.

„אויב ס'איז דאָ — האָט ער געזאָגט, — אַן אורפּאָטער, וועלכן איך וואָלט דערמאָנט פאַרשעמט, איז דאָס אַ מענטש, וועלכער לאָזט זיך אַריין אין וויסנשאַפטלעכן געביט, וואָס איז אים אין דער ווירקלעכקייט אומבאַקאַנט, בלויז מיטן צוועק צו פאַר-טונקלען דעם אמת און צו דינען די רעליגיעזע פּאַראורטיילן".

צום שלוס האָט העקסלי אין אַ געהעכערטן טאָן געזאָגט:

— „ס'איז בעסער צו זיין אַ פאַרפולקאָמטע מאַלפּע, ווי אָפּצושטאַמען פון דעגענערירטע אָדם'ס, וואָס מיסבּרויכן מיט דער וויסנשאַפט און מיטן וואָרט בכדי אויסצולאַכן די יעניקע, וואָס ווידמען זייער גאַנץ לעבן אויף זוכן דעם אמת".

דער איינדרוק, וואָס האָט זיך געשאַפן דורך דעם ענט-פער, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איינע פון די אָנוועזנדיקע דאַמען איז געפאַלן אין חלשות.

נאָך דעמדאָזיקן בישאָף האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַן אָרגאַניזירטע אַרויסטרעטונג פון די גייסטלעכע, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו באַווייזן די „טויט-זינד" פון דערדאָזיקער אַפּי-קורסישער לערע און אַרויסצורוקן אין פאָדערגרונט איר מכלומרשט אוממאָראַלישן כאַראַקטער. די גלחים און זייערע אָנהענגער האָבן באַוויזן, אַז דער דאַרוויניזם איז קעגנזעצלעך צו דער קריסט-לעכער לערע וועגן ליבע צום נאָענטן, אַז דידאָזיקע לערע פירט איין מלחמה, קאַמף פאַר עקזיסטענץ דאָרט, ווו עס דאַרף הערשן אַלגעמיינע ליבע. די גייסטלעכע האָבן באַזונדערס אָנגעגריפן דעם אויספיר — אין דעם פאַל, פאַרשטענדלעך, נישט אָן גרונט,— וואָס פליסט לאָגיש אַרויס פון דאַרוויניזם, אַז דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, דאָס אונטערגיין פון די שוואַכע מינים ברענגט צום צווייפלען אין דער עקזיסטענץ פון געטלעכער גערעכטיקייט א. א. וו. מיט איין וואָרט, **דער קלער האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז דער דאַרוויניזם איז אַ דערשלאָגנ-דיקער קלאַפּ איבער אַלע יסודות פון דער רעליגיעזער וועלט-אָנשויונג.**

די שלאָגעדיקייט פונם דאַרווינישן קלאַפּ וועט אונז זיין

נאָך מער פאַרשטענדלעך, אויב מיר וועלן ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אויף פאָלגנדיקן אומשטאַנד. ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, באַשטייט די וועלט, לויט דער רעליגיעזער וועלט-אָנשויונג פון פאַרטיקע זאַכן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער אומפאַרענדערלעכקייט און פולקאָמענקייט: אַלץ, וואָס עקזיסטירט איז שטענדיק, אייביק, איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסגעגאָסן אין פעסטע און פאַרענדיקטע פאָרמען: „אַזוי איז געווען, אַזוי וועט זיין!" אָבער אַזאַ פאָרשטעלונג קען דעם מענטש נישט ראַטן עפּעס בעסערס, ווי די עצה „לייד!", ד. ה. אַריבערצוטראָגן אַלץ פּאַסיוו, נישט באַמיען זיך איבערצובויען די וועלט, ווייל... גאָט אַליין האָט געוואָלט, אַז דאָס, וואָס עקזיסטירט זאָל זיין אומפאַרענדערלעך! דער דאַרוויניזם טוט אָבער פונקט פאַרקערט: אָנערקענענדיק, אַז „אַלץ פליסט", אַלץ פאַרענדערט זיך, אַז אַלץ אויף דער וועלט געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון געוויינלעכע, נאַטירלעכע, מאַטעריעלע סבות, וואָס זענען צוגענגלעך אויך פאַרן מענטשלעכן איינפלוס, אַז אַלץ גייט אומפאַרמיידלעך איבער פון איין פאָרם אין דער צווייטער — זאָגט ער אונז: „*אַזוי איז געווען, אָבער אַזוי וועט נישט זיין*". דידאָזיקע אָנשויונג דיקטירט דעם מענטש: „זע פאָר און ווירק!", ד. ה. נישט צו זיין קיין פּשוטער צושויער פון די דערשיינונגען פון דער ווירקלעכקייט (פון דער נאַטור און פון דער געזעלשאַפט), נאָר „איבערצובויען די וועלט", ווייל ס'איז נישטאָ קיין אומפאַרענדערלעכע זאַך, וואָס איז איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך עפּעס אַ „העכערער" געטלעכער קראַפט. ס'איז קלאָר, אַז *דער דאַרוויניזם, לויט זיין מהות, איז נישט נאָר אַן אַטעיסטישע, נאָר צוזאַמען דערמיט אויך אַ רעוואָלוציאָנערע טעאָריע*: נישט נאָר, וואָס זי „*דערקלערט די וועלט*" (אָן דער ווירקונג פון איבערנאַטירלעכע כוחות), נאָר זי זאָגט אונז אויך, אַז מען קען „*די וועלט ענדערן*" ומיט דער הילף פון נאַטירלעכע פאַקטאָרן, צו וועלכע עס געהערט דער מענטש אַליין אויך). אָט פאַרוואָס אין אַלע לענדער זענען העלפער פונם קלער אינם קאַמף קעגן דערדאָזיקער

„שעדלעכער" לערע געווען די רעאַקציאָנערע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. און פאַרקערט, דידאָזיקע לערע, צוזאַמען מיטן מאַרקסיזם (היסטאָרישן מאַטעריאַליזם), וואָס איז די דערגענצונג און פאַרפולקאָמונג פון דאַרוויניזם, איז שטענדיק געווען די פאָן פון יענעם געזעלשאַפטלעכן קלאַס, וואָס קעמפט מיט אַלעם פאַר־גליווערטן, פאַרשטיינערטן, — מיר מיינען דעם פ ר אָ ל ע־ ט אַ ר י אַ ט *).

אין יענער צייט, ווען ס'איז פראָקלאַמירט געוואָרן דער דאַרוויניזם, איז אין לאַגער פון די נאַטור־פאָרשער געווען נאָך אַסך אָנהענגער פון דער רעליגיע, פאַרוויגטע אין זיסן שלאָף פון פאָראורטיילן. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געשפּאָרט קיין כּוחות אויף צו צעשטערן דידאָזיקע לערע: אין דיקע ביכער און אין אומצייליקע אַרטיקלען האָבן זיי מכלומרשט אויס־געזוכט כּלערליי באַווייזן, אַז דידאָזיקע טעאָריע איז פאַנטאַס־טיש, פאַלש פון אָנהויב ביז צום סוף, נישט באַגרינדעט אויף פאַקטן, נישט וויסנשאַפטלעך, פעלערהאַפט אין אירע פועל־יוצאס, „געפערלעך" אין אירע אויספירן א. א. וו.**).

---

*) נישט אומזיסט האָט העקסלי אנגעהויבן פראָפּאַגאַנדירן דאַרווינס אידייען — דידאָזיקע „מעכטיקע שטיצע פון פרייַדענקערײַ", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אין די ארבעטער־קוואַרטאַלן און דווקא פאַר אַן אַרבעטער־אוידי־טאָריע האָט ער צום ערשטן מאָל אַנטוויקלט זיינע געדאַנקען וועגן דער אָפּשטאַ־מונג פונם מענטש פון בעלי־חיים. די אַרבעטער־אוידיטאָריע איז אויף זיינע לעקציעס שטענדיק געווען איבערגעפולט און זיך צוגעהערט מיט אַ באַזונדערער אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט.

**) דער באַרימטער ביאָלאָג העקקעל, וועלכן מען האָט גערופן „דער דייטשער דאַרווין" האָט דערציילט אין זיין רעדע אויף דער פאַרזאַמלונג פון דייטשע נאַטור־פאָרשער אין 1882 יאָר: „ווען איך האָב אין יאָר 1863, 4 יאָר נאָכן דערשיינען פונם הויפּט־ווערק פון דאַרווינען, וואָס האָט דורכגעלייגט נייע וועגן אין דער וויסנשאַפט, צום ערשטן מאָל דאָסזעלבע עפנטלעך דערקלערט אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון נאַטורפאָרשער אין שטעטין, האָט די ריזיקע מערהייט פון דער פאַרזאַמלונג זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז באמת קען מען גאָר נישט ערנסט באַהאַנדלען אַזעלכע „נאַטור־פילאָזאָפישע" פאַנטאַזיעס. איין אָנגעזע־ענער זאָאָלאָג האָט די גאַנצע טעאָריע פון דאַרווינען אָנגערופן אַ „ויטמוטיקער

אָבער אין דער היינטיקער צייט געפינען מיר צווישן די אָנהענגער פון דער עוואָלוציע-טעאָריע נישט נאָר אַלע אמתע, קאָנסעקווענט-דענקנדיקע נאַטור-פאָרשער און בכלל אַלע געבילדעטע מענטשן, נאָר אויך נישט ווייניק... גייסטלעכע, טעאָלאָגן (אין טייל טעאָלאָגישע פאַקולטעטן שטודירט מען זי אַפילו!). דאָך, ווי אַזוי-זשע האָט דאָס געקענט געשען?

נאָך-מיטיק-שלאָף", אַן אַנדערער האָט זי פאַרגליכט מיט טיש-הייבן (ספּיריטיזם). אַין באַרימטער באָטאַניקער האָט פאַרזיכערט, אַז ער ווייסט נישט קיין איין פאַקט, וואָס זאָל רעדן לטובת דער „נישט-אויסגעהאַלטענער טעאָריע", אַז זי איז אין סתירה מיט אונזער גאַנצן וויסן, אַ געאָלאָג מיט אַ באַוווסטן נאָמען האָט געהאַלטן, אַז נאָך דערדאָזיקער שנעל-פאַרבייגייענדיקער פאַרשכורונג וועט קומען אַן אויסניכטערונג. אַ אונז באַוווסטער פיזיאָלאָג האָט דערנאָך אָנגערופן די גאַנצע אָפּשטאַמונג-טעאָריע אַ ראָמאַן, און איין אַנאַטאָם האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז נאָך עטלעכע יאָר וועט קיינער מער נישט רעדן וועגן דערדאָזיקער טעאָריע. פון די דערציילונגען פון אַ צווייטן דאַרוויניסט, דאָדעל, איז צו זעען, אַז צום אָנהויב פון די זיבעציקער יאָרן האָט זיך דאַרווינס לערע נאָך גערעכנט פאַר אַן אפּיקורסות, און כדי זי אָפן צו פּראָקלאַמירן פון דער אוניווערזיטעט-קאַטעדרע האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסע מאָס דרייסטקייט; דערביי איז די דרייסטקייט נישט אָנגעגאַנגען אומבאַשטראָפט. דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם האָט נישט איבערגעקליבן קיינע מיטלען, כדי אַרויסצוטרייבן דעם אַפּיקורוס פונם טעמפּל פון דער וויסנשאַפט. אַ פּאַרטייִקער פון דאַרווינס טעאָריע האָט מען געטרעטן מיט די פיס.

אויב אַזוי איז געווען אין מערב-אראָפּע, טאָ קען מען זיך פאָרשטעלן, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד! אַלע פינסטערע כוחות האָבן שטרענג פאַראורטיילט דעם דאַרוויניזם, האָבן די דאָזיקע לערע פאַרלוימדעט און מיט די פּראָפעסאָרן — דאַרוויניסטן, פאַרשטייט זיך, נישט געמאַכט קיין צערעמאָניעס. אַזוי, למשל, האָט דער טיפּישער פאָרשטייער פון צאַרישן רוסלאַנד, פּירשט מעשטשערסקי, געשריבן וועגן פּראָפּ. ק. טימיריאַזעוו, וועלכער איז פון אָנפאַנג אָן פון זיין וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט געווען אַ פלאַמענדיקער קעמפער פאַר דאַרווינס אידייען:

„דער פּראָפעסאָר פון דער פּיאָטר-אַקאַדעמיע, טימיריאַזעוו, טרייבט אַרויס אויף קאַזיאָנער רעכענונג גאָט פון דער נאַטור". דידאָזיקע דערקלערונג פונם איינפלוסרייכן „אין די ספערן" פּובליציסט האָט אויפגעבונדן די הענט און די צונגען פיל רוסישע געלערטע, ליטעראַטן, געזעלשאַפטלעכע טוער און קעגן טימי-

אינם קאַמף צווישן דער טעאָלאָגיע און דאַרוויניזם האָבן די טעאָלאָגן—אַנטי-דאַרוויניסטן מערסטנטייל זיך אַרויסגעוויזן פאַר געגנצלעך אומבאַקאַנט מיטן געווער פונם קעגנער. זיי האָט גע-פעלט די קענטניש פון דער נאַטור, — און ווי לעכערלעך זענען געווען דידאָזיקע אומבאַוואָפנטע קעמפער! נישט איין פליסיקער טעאָלאָג האָט זיך גענעבן די מי זיך צו פאַרטיפן אין דער מלוכה פון דער נאַטור-וויסנשאַפט און... פלעגט אַליין ווערן אַן אָנהענגער פון דאַרוויניזם; פון דער אַנדערער זייט האָבן אַ טייל טעאָלאָגן באַלד פאַרשטאַנען, אַז די שאַנסן פוןביידע צדדים זענען נישט קיין גלייכע. פאַרויסזעענדיק דעם נצחון פונם קעג-נער, האָבן דידאָזיקע שוואַרצע דרשנים געלייגט זייער פריער-דיק געווער, קומענדיק צום באַשלוס, אַז דורך שנאה, פאַרביסנ-קייט, פאַראַכטונג און חוזק וועלן זיי פון דערדאָזיקער לערע נישט פטור ווערן און אַז דעריבער וועט דער „גלויבן" זיך פּראָסט-פּשוט מוזן צופּאַסן צו דער וויסנשאַפט. ווען אָבער ס'איז אַנטגילטיק קלאָר געוואָרן, אַז קיינע כּוחות

ריאזעוון איז אויפגעהויבן געוואָרן א העצע, וואָס האָט סוף-כל-סוף דערפירט דערצו, אַז מען האָט אים אַראָפּגעזעצט פון פּאָסטן (כאָטש צייטווייליק) פאַר זיינע אָנשטענדיקע, „שעדלעכע" אידייען, פאַרן „אַרויסטרייבן גאָט פון דער נאַ-טור". אפילו לעוו טאָלסטאָי וועלכער האָט זיך געלייטערט, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, מיט פּאַריס-באַשטימטע אומוויסנשאַפטלעכע אידייען, איז געווען אויף דער זייט פון טימיריאַזעווס קעגנער און אין איינעם פון זיינע בריוו צום הייסן קעגנער פון דאַרוויניזם, דעם באַוווּסטן ליטעראַט-רעאַקציאָנער סטראַכאָוו האָט ער געשריבן, אַז טימיריאַזעוו וועט זיך סוף-כל-סוף אַרויסווייזן נישט גע-רעכט, ווייל „טימיריאַזעוו מוז זיין אומגערעכט". וואָס שייך די רוסישע געלערטע, וואָס פלעגן אַרויסטרעטן קעגן דאַרוויניזם, פלעגן זיי באַקומען א לויב פון אויבן און אפילו א געלט-באַלוינונג פון דער „אייגענער קאַנצעלאַריע פון זיין מאַיעסטעט", כדי צו קענען פאָרזעצן זייערע „נוצלעכע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן", ווי [illegible]של, דער אַקאַדעמיקער קאָרזשינסקי.

די אָפיציעלע וויסנשאַפט, אין פּערזאָן פון דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע האָט זיך אפילו געקליבן צו אָנערקענען די העכסטע פּרעמיע דעם צום מערסטן פאַרביסענעם אַנטי-דאַרוויניסט, דאַנילעווסקי, וואָס האָט פּאָלעמיזירט קעגן טימיריאַזעוון.

זענען נישט ביכולת אָפּצושטעלן די זיגרייכע פאַרברייטערונג פון דאַרווינס לערע, ווען זי איז אַנטגילטיק אָנגענומען געוואָרן דורך אַלע באַוווּסטע נאַטור-פאָרשער אַלס גרונט-פּרינציפּ אויף אויפצוקלערן די אָרגאַנישע מינים, האָבן די טעאָלאָגן געמוזט ענדערן זייער טאַקטיק. אייניקע האָבן באַהויפּטעט, אַז זיי זענען גאָר קיינמאָל נישט געווען פיינטלעך, אַנדערע, פילנדיק, אַז דידאָזיקע צביעות וואַרפט זיך צופיל אין די אויגן און קאָן זיי נאָר מאַכן צו שפּאָט, האָבן געמוזט דערקלערן, אַז זייער פריערדיקער קאַמף מיטן דאַרוויניזם איז געווען עפּעס אַ „מיספאַרשטענדעניש", אַז זיי אָנערקענען „אויך" דידאָזיקע לערע, אַז זי איז מכלומרשט גאָרנישט קעגן דער רעליגיע. אַ גאַנצער ים טינט איז דורך זיי פאַרנוצט געוואָרן, כּדי דורך פאַרשידענע שווינדלדיקע „שפּיצלעך" צו דערווייזן, אַז דער דאַרוויניזם פירט גאָרנישט צו אַטעיִזם, צו אַפּיקורסות, אַז מען קען שטיין אויפן שטאַנדפּונקט פון עוואָלוציע אין אין דערזעלבער צייט... גלויבן אין דער שאַפונג און אַז בכלל איז דאַרווינס לערע פולקאָם פאַרייניגלעך מיט די ביבלישע דערציילונגען וועגן גאָט. זיי האָבן געמאַכט אַ גוטע מינע צו דער אָפן-שלעכטער שפּיל: אויב די טעאָלאָגן האָבן זיך אַזוי פיל געמוזט צופּאַסן צו דער וויסנשאַפט, אַז זיי האָבן נישט דערווידערט קעגן די גרונט-יסודות פון דאַרוויניזם, איז דאָך קלאָר, אַז די וויסנשאַפט האָט באַזיגט די רעליגיע*).

---

*) ס'איז יעדנפאַלס כאַראַקטעריסטיש, ווי ס'האָט זיך באַצויגן צו דאַרווינס טויט דער קלער פון דעם לאַנד, וווּ דאַרווין איז געבוירן געוואָרן און האָט געלעבט. נעמלעך, ווען דאַרווין האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעטספול לעבן, האָט די ענגלישע קירך גענומען צו זיך דעם קערפּער פונם דאָזיקן געלערנטן. — דעם קערפּער פון דעמזעלבן מענטש, וועלכן זי האָט ביים לעבן געהאַלטן פאַרן ערגסטן שונא פון דער רעליגיע און וועמענס לערע זי האָט אָנערקענט פאַר אוממאָראַליש און שעדלעך. די ענגלישע קירך האָט דעם נישט-גלויביקן נאַטור-פאָרשער איינגעאָרדנט אַזאַ גרויסאַרטיקע לויה, מיט וועלכע זי באַערט נאָר די סאַמע איינפלוסרייכסטע פּראָטעקטאָרן און פאַרטיידיקער פון דער קירך. קעגן זיין ווילן (נאָך ביים לעבן האָט ער זיך אויסגעבויט אַ קבר אין אַן אַנדער אָרט — אין זיין גוט), איז דאַרווין באַגראָבן אויף דעם וועסטמינסטערער קירך-בית-עולם,

דאָך איז אין דער לעצטער צייט אין דער טאַקטיק פון
די גייסטלעכע און פון די אַנדערע פאַרטיידיקער פון רעאַקציע
און פינסטערקייט פאָרגעקומען אַ שאַרפע ענדערונג. אונטער
דער ווירקונג פונם וווקס פון אַפּיקורסות, זענען אַלע באַמיונגע
פון די גלחים צו באַציען זיך „טאָלעראַנט” צום דאַרוויניזם
„שלום צו מאַכן”, צונויפברענגען ווי ס'איז דידאָזיקע טעאָריע
מיט דער רעליגיע, נאַטירלעך, דורכגעפאַלן. ביי זייער גאַנצן
ווילן אויסצונוצן דעם דאַרוויניזם פאַר „פרומע” צוועקן, איז
דערפון, ווי מען האָט געדאַרפט דערוואַרטן, נישט נאָר גאָרנישט
אַרויסגעקומען, נאָר ס'האָבן זיך נאָך באַקומען קעגנזעצלעכע
רעזולטאַטן: די מאַסן האָבן פון זיך אַליין אומפאַרמיידלעך פון
דאַרוויניזם געמאַכט באַשטימטע אַטעיסטישע, „גאָט-פאַרלייקנדיקע”
אויספירן. פון דער אַנדערער זייט, האָבן באַדייטנדיקע שיכטן
פון דער בורזשואַזיע, אונטער דער ווירקונג פונם שטורם פון
דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, דערפילנדיק דאָס דערנעענטערן
זיך פון זייער אונטערגאַנג, זיך אַנטוישט אין די „ערדישע”
זאַכן און אָנגעהויבן ווענדן זייערע בליקן צום „הימלישן”. אין
צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער דעקאַדענטישער מיסטיש-רעליגי-
יעזער שטימונג, איז דערשינען אַ גאַנצע רייע בורזשואַזיע אי-
דעאָלאָגן, געלערטע און פילאָזאָפן (מערסטנטייל צווייט-ראַנגיקע,
דורכשניטלעכע), וואָס באַמיען זיך אין דער אָדער יענער, פאַר-
באַהאַלטענער אָדער אָפענער, פאָרם אונטערצורייסן די
וויסנשאַפט, אויפצולעבן די שוין לאַנג באַגראָבענע,

דעמראָזיקן „טעמפּל פון ענגלישן רום”, לעבן דעם אומשטערבלעכן ניוטאָן, אין
דערזעלבער צייט האָבן אין פיר לאָנדאָנער קאַטעדראַל-קירכן גלויביקע גלחים
דערציילט זייערע שעפעלעך וועגן דער גרויסער אבדה, וועלכע ס'האָט געליטן
אין דעם פּערזאָן פון דאַרווינען די גאַנצע ענגלישע נאַציע און צוזאַמען מיט
איר די גאַנצע מענטשהייט. אַזוי אַרום איז דאַרווין, וואָס האָט זיך ביים לעבן
גערעכנט פאַר אַן אפיקורס, גאָכן טויט דורכן קלער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ
הייליקטום. דידאָזיקע היפּאָקריטישע ווענדונג אויף דער זייט פון דאַרווין איז
געווען אַ פאַרצווייפלטער פּרווו צו מאַכן אומשעדלעך די עוואָלוציע-טעאָריע אין
די אויגן פונם פאָלק, מאַכן גלויבן די מאַסע, אַז דידאָזיקע לערע און בכלל די
וויסנשאַפט, איז אין תוך גאָרנישט קעגנזעצלעך צו דער „הייליקער” שריפט.

מיטלאַלטערלעכע, רעליגיעזע, אַנטי-וויסנשאַפטלעכע דענקונג-מע־טאָדן. דערביי ווענדן זיי, נאַטירלעך, די גרעסטע צאָל „פּיילן" קעגן דער טעאָריע, וואָס רירט צום מערסטן אָן די דאָגמען פון דער רעליגיעזער וועלט-אָנשויונג, ד. ה. קעגן דעם דאַרוויניזם. אין סך-הכל האָבן די גייסטלעכע אין און אָן קאַפּאָטעס זיך צוריקגע־קערט צו זייער אורשפּרינגלעכער טאַקטיק: זיי האָבן ווידער דערקלערט אַ קריי־צוג קעגן דאַרווינען, „וויסנשאַפטלעך" אָפּוואַרפנדיק אים אין אומצייליקע פּאַרטראַגן, אַרטיקלען און ביכער. זיי פאַרזיכערן, אַז דאַרווינס ראָל אין דער וויסנשאַפט איז אומבאַדייטנדיק (ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט מכּלומרשט נאָר אויף דער ראָל פון דעם „געשלעכט־לעכן אָפּקלייב" אין דער חיות-וועלט), אַז דער דאַרוויניזם איז שוין אַ לאַנג איבערגעשטיגענע סטאַדיע פון דער וויסנשאַפט, אַז דידאָזיקע לערע קען מען אָנרופן „די ענגלישע קרענק פונם פאָריקן יאָרהונדערט".

נאָר די פינסטערקייט-העלדן שטעלן זיך נישט אָפּ ביי דעם אין זייער קראַפּטלאָזער שנאה. פילנדיק, אַז אויך דידאָזיקע שפּיל איז פאַרשפּילט און „ראַטעווען די לאַגע" קען מען נאָר דורך בגוואַלט דערציען דאָס פאָלק אין גייסט פון די אַלטע רעלי־גיעזע אַבערגלויבנס, גייען זיי ווײַטער און טרייבן אַרויס דעם דאַרוויניזם פון די שולן. ווי באַוווּסט, ווערן אין אַמעריקע — אינם דאָזיקן לאַנד פון דער „ווירקלע־כער דעמאָקראַטיע" — אין אַ רייע שטאַטן, די לערער, וואָס דערוועגן זיך צו לערנען דידאָזיקע טעאָריע, „וועלכע לעשט די שרפה פון רעליגיעזן ענטוזיאַזם" און „צעשטערט דערמיט די רעליגיע, דעם איינציקן יסוד פון דער מאָראַל", — באַשטראָפט מיט געלט-שטראָף אָדער תּפיסה. דער הויפּט-פירער פון דאָזיקן קריג-צוג קעגן דאַרווינען איז דאָרט געוואָרן דער אָנגעזעענער קאַפּיטאַליסט, ברייען, וואָס האָט דריי מאָל קאַנדידירט אויף פּרעזידענט און איז געווען אויסערן-מיניסטער אינם קאַבינעט פונם „שלום-מאַכער" ווילסאָן. גייענדיק אויפן וועג פונם בישאָף אואָלבערפאָרס און פילנדיק, אַז די בורזשואַזיע קען נישט פאַרפאָלגן דאָס אַלץ, וואָס קען אַזוי אָדער אַנדערש אונטער־רייסן דעם „אויטאָריטעט פון דער רעליגיע", האָט דערדאָזיקער

מיניסטער פונם מיליאַרדערן-לאַנד אויסגעפלאַפּלט דעם „סוד" פון זיין האַס צום דאַרוויניזם. *ער באַמיט זיך אַפילו נישט אָפּצוּוואַרפן די דאָזיקע לערע מיט דער הילף פון וויסנשאַפטלעכע אַרגומענטן*, נאָר דערקלערט פשוט, אַז „זי איז אַבסורדאַל און שעדלעך פאַר דער געזעלשאַפט" (ד. ה. — פאַרן קאַפּיטאַליזם), ווייל זי רייסט אונטער דעם אויטאָריטעט פון דער רעליגיע און זייט דערמיט ספקות וועגן דער „אומדערשיטערלעכקייט" און „פון גאָט איינגעשטעלט זיין" פון דער עקספּלואַטאַטאָרישער קלאַסן-אָרדנונג (אויף זיין לשון הייסט די-דאָזיקע „אָרדנונג" — „ציוויליזאַציע" , „געזעלשאַפט" א. א. וו.). ער שרייבט, למשל, „די עוואָלוציע-טעאָריע איז אַ דראָונג פאַר דער ציוויליזאַציע. זי איז פאַר דער ציוויליזאַציע נישט קיין קלענערע דראָונג, ווי פאַר דער רעליגיע. דער גלויבן אין גאָט איז דער יסוד פון דער געזעלשאַפט ; אויף אים באַזירן אַלע באַוועגנדיקע און קאָנטראָלירנדיקע כּוחות פונם מאָדערנעם לעבן. אַלץ, וואָס שוואַכט אָפּ דעם גלויבן אין גאָט, באַדראָט די צוקונפט פון דער מענטשהייט".

אינם פאָלגנדיקן וועלן מיר זיך גענויער באַקענען מיט די גרונט-אידייען פונם דאַרוויניזם און זייער באַדייטונג פאַר דער וויסנשאַפטלעכער וועלט-אָנשויונג. אָבער שוין פונם געזאָגטן דאַרף פאַר אונז זיין קלאָר, אַז די שטרענגסטע קריטיקער און קעגנער פון דאַרוויניזם זענען שטענדיק געווען און בלייבן די אָנהענגער פון דער רעליגיע און אַז די אַרויסגערוקטע דורך זיי *טענות ווערן דיקטירט נישט דורך פאַקטן, נאָר דורך אַ פּאָראורטייל קעגן דער דאָזיקער לערע צוליב איר מאַטעריאַליסטישן, אַנטי-רעליגיעזן און דערצו רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער*. מיט איין וואָרט, ווי ס'האָט געזאָגט דער פּראָפ. מ. א. מענזביר, איז דער „דאַרוויניזם אַ שרעקלעך געשפּענסט פאַר די אַלע, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אויפן באָדן פון פאָראורטיילן און ענגער אייגן-ליבע". ס'איז דעריבער דאָך קיין ווונדער נישט, אַז דער ראָטן-פאַרבאַנד

איז דערווייל דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, ווו מען האָט נישט נאָר נישט מורא פאַרן דאָזיקן „שרעקלעכן געשפענס“, נאָר ווו מען פאַרשפרייט אים מיט אַלע מיטלען. דער דאַרוויניזם וואָס האָט פריער געהערט צו דער צאָל „פאַרבאָטענע וויסנשאַפטן“, וואָס זענען ביכולת „קאַליע צו מאַכן די נישט־פעסטע מוחות פון דער יוגנט“, איז אַדאַנק דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איינגעפירט געוואָרן אין פראָגראַם פון די שולן פון דער צווייטער שטופע (מיטל־שולן) און ווערט טיילווייז פאָרגע־טראָגן אַפילו די שילער פון דער לעצטער גרופע (קלאַס) פון דער ערשטער שטופע (פאָלקס־שולן). אויב מען האָט פאַר דער רעוואָלוציע שוין יאָ געלערנט דאַרוויניזם, איז נאָר אין אוני־ווערזיטעטן ד. ה. פאַרן „אויסדערוויילטן פובליקום“, נישט פאַר „זין פון קעכינס“. און אַפילו דאָרט האָט מען מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט פאַראַליזירן די „שעדלעכע“ ווירקונג פון דערדאָזי־קער לערע: ס'איז געווען פאַרפליכטנדיק אויך צו שטודירן טעאָלאָגיע מיט דער ספּעציעלער באַשטימונג „אָפּצוואַ־פן“ דאָס אַלץ, וואָס האָט וועלכע ס'איז שייכות צו די אידייען פון דאַרוויניזם...

.I

דער צוזאַמענבּרוך פונם פּרינציפּ פון אומפאַרענדערלעכקייט פון דער נאַטור.

ווי מיר האָבּן שוין אָנגעוויזן. באַשטייט די וועלט, לויט דער רעליגיעז-בּיבּלישער וועלט-אַנשויונג פון זאַכן, וועלכע זענען איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסגעגאָסן אין פעסט-באַשטימטע און פאַרשטיינערטע פאָרמען. מיט אַנדערע ווערטער, דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער רעליגיעז-בּיבּלישער וועלט-אַנשויונג איז דער פּרינציפּ פון אַבּסאָלוטער אומפאַרענדערלעכקייט פון דער נאַטור.

דערדאָזיקער פּרינציפּ איז געלעגן אויך אין יסוד פון דער נאַטור-וויסנשאַפט כּמעט בּיז דאַרווינען, ווייל די וויסנשאַפט איז די גאַנצע צייט געזעסן אין דער טעאָלאָגיע. געלערטע האָבּן געהאַלטן, אַז די נאַטור, אַזוי ווי זי עקזיסטירט, בּלייבּט שטענדיק אומפאַרענדערט· אומפאַרענדערט בּלייבּט די ערד זייט דעם טאָג פון איר אַנטשטיין: די איצטיקע אָקעאַנען און קאָנטינענטן צוזאַמען מיט זייערע בּערג, טייכן א. אַ. וו. האָבּן עקזיסטירט שטענדיק. דאָסזעלבּע קומט אויס צו זאָגן וועגן די מינים בּעלי-חיים און געוויקסן: זיי זענען אַלע פעסטגעזעצט געוואָרן בּיי זייער אַנטשטיין, ד. ה., זיי זענען אויף אייבּיק פאַרגליווערטע פאָרמען, געענצלעך אומפאַרענדערלעכע. ממילא, איז יעדער מין פון דער חיות- און געוויקסן-וועלט, אַנטשטאַנען, אַלס רעזולטאַט פון

אַ באַזונדערן שאַפונג-אַקט און עקזיסטירט פאַר זיך אומאָפּהענגיק פון אַנדערע מינים. זיין קלאַסישע פאָרמולירונג האָט דערדאָזיקער שטאַנדפונקט באַקומען אין פאָלגנדיקע ווערטער פונם באַרימטן קלאַסיפיקאַטאָר פון דער אָרגאַנישער וועלט, ליננײ: „ס׳איז דאָ אַזוי פיל מינים, וויפל פאַרשידענע פאָרמען עס האָט לכתחלה געשאַפן דאָס אומענדלעכע וועזן״, ד. ה. גאָט. נישט ווייניקער קלאָר האָט דיזעלבע אָנשויונג אויסגעדריקט דער געלערטער ביאָלאָג אַגאַסיס: „יעדער מין איז אַ פאַרקערפּערטער שעפערישער געדאַנק״.

אַלזאָ, האָבן די נאַטור-פאָרשער פון דער ערשטער העלפט פונם פאָריקן יאָרהונדערט פולקאָם אָפּגעלייקנט צוזאַמען מיט די טעאָלאָגן יעדן געדאַנק וועגן אַנטוויקלונג, וועגן פאַרענדערונגען פון דער נאַטור. פאַר זיי איז די וועלט געווען עפּעס פאַרשטיינערטס, פאַרענדיקטס, זי בלייבט שטענדיק אַזאַ, ווי זי איז איינמאָל געשאַפן געוואָרן. אַזאַ וועלט-אָנשויונג, רופן די מאַרקסיסטן אָן, צוזאַמען מיטן פילאָזאָף העגל, אַ מעטאַפיזישע.

דער ערשטער דורכברוך אין דערדאָזיקער פאַרשטיינערטער וועלט-אָנשויונג איז געמאַכט געוואָרן דורכן דייטשן פילאָזאָף קאַנט אין יאָר 1755 און, אומאָפּהענגיק פון אים, דורכן פראַנצויזישן אַסטראָנאָם לאַפּלאַס אין יאָר 1786. זיי האָבן דערוויזן, אַז די ערד, וואָס מיר באַווינען, צוזאַמען מיטן זון-סיסטעם, האָט זיך אויסגעבילדעט אָן שום געטלעכער אַריינמישונג און אַז זי איז אַנטשטאַנען נישט פּלוצים פאַרטיקערהייט, נאָר האָט איר לאַנגע געשיכטע פון אַנטוויקלונג. סיי אונזער ערד און סיי די איבעריקע קערפּער פון אונזער זון-סיסטעם — די פּלאַנעטן, סאַטעליטן (לבנות) און די זון אַליין — זענען נישט תּמיד געווען אַזעלכע, ווי מיר זעען זיי אין דער איצטיקער צייט. זיי זענען געוואָרן דאָס, וואָס זיי זענען איצטער נישט מיט אַמאָל, נאָר שטופּנווייז אין פאַרלויף פון פיליאָנען יאָרהונדערטער. ס׳איז געווען אַ צייט, ווען די דאָזיקע קערפּער זענען אינגאַנצן נישט געווען: אַנשטאָט זיי איז געווען

נאָר אַ גרויסע הימל-פֿאַרנעפּלונג — אַן אָנזאַמלונג פֿון אַ לויזער מאַטעריע, וואָס האָט, ווי אַ וואָלקן, פֿאַרנומען דעם גאַנצן רוים פֿון דעם איצטיקן זון-סיסטעם. מיט אַנדערע ווערטער, די אורשפּרינגלעכע מאַטעריע פֿון דער זון, מיט אַלע פּלאַנעטן און זייערע באַגלייטער (סאַטעליטן) האָבן געבילדעט אַזוי ווי איין גאַנצעס, זענען אַריינגעגאַנגען אין באַשטאַנד פֿון איין זייער לויזער פֿאַרנעפּלונג. הייסט עס, דער גאַנצער זון-סיסטעם האָט זיך אויסגעבילדעט דורכן פֿאַרדיכטן זיך און דורך אַ גאַנצער רייע פֿאַרענדערונגען פֿון אַ געוויסער לויזער מאַסע. ער איז עטוואָס אַזוינס, וואָס איז אַנטשטאַנען, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט, וואָס איז געוואָרן אין פֿאַרלויף פֿון דער צייט*).

אַזוי אַרום האָבן קאַנט און לאַפּלאַס אַריינגעטראָגן אין דער וויסנשאַפֿטלעכער וועלט-אָנשויונג אַ נייע אידיי — דעם פּרינציפּ פֿון אַנטוויקלונג. זיי האָבן באַוויזן, אַז די וועלט דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס אַן אייביקער פּראָצעס פֿון פֿאַרענדערונגען פֿון דער מאַטעריע, פֿון דער וועלט-סובסטאַנץ. וועלטן האָבן זייער געשיכטע אין דער צייט: זיי אַנטשטייען, אַנטוויקלען זיך, ווערן אַלט און גייען אונטער, צעפֿאַלנדיק זיך אויף זייערע באַשטאַנד-טיילן, בכדי געבן אַן אָנהייב אַ נייער וועלט, ד. ה. מאַכן פּלאַץ פֿאַר אַ נייעם קרייז-לויף און אַזוי ביז צו דער אומענדלעכקייט...

אמת, נישט אַלץ אין דער טעאָריע פֿון קאַנט און לאַפּלאַס האָט פֿאַרבאַהאַלטן זיין באַדייטונג פֿאַר דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט. נאָר דאָס איז נוגע בלויז דעטאַלן, אָבער נישט די עיקרדיקע הנחה וועגן עוואָלוציע, וועגן שטופּנווייזער אַנטוויקלונג פֿון דער וועלט אָן אַריינמישונג פֿון געהיימע כּוחות.

*) גענויער וועגן דעם זע: גוריעוו, „די וועלט-וויסנשאַפֿט פֿון אַטעיסט" 1928 (רוסיש), ווי אויך קאָסטיצין: „די אַנטשטייונג פֿון דער וועלט"

מיט דער הילף פון די געוויינלעכע אייגנשאַפטן פון דער מאַ־טעריע. דעריבער האָט טאַקע ענגעלס מיט פולן רעכט געקענט זאָגן, אַז „די טעאָריע וועגן דער אַנטשטייונג פון אַלע איצטיקע וועלט־קערפּער פון נעפּל־מאַסן איז געווען דער גרעסטער שריט פאָרויס, וועלכן די אַסטראָנאָמיע האָט געמאַכט, זייט קאָפּערניקן"*).

די אידייען פון קאַנטן און לאַפּלאַס האָבן פון אָנהייב נישט געהאַט קיין דירעקטע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט, ווייל מען האָט אויף זיי צוליב אַ ריי סיבות נישט געלייגט קיין אַכט. אָבער פון זיי האָט מען געקענט מאַכן אַזעלכע אויספירן, וואָס וואָלטן אויפן שטאַרקסטן אופן אָנגערירט די אַלטע וועלט־אָנשויונג. לויט דער ריכטיקער באַמערקונג פון ענגעלסן, איז אין דידאָזיקע אידייען „געלעגן דער עמבריאָן פון ווייטערדיקן פּראָגרעס: אויב די ערד איז עפּעס אַזוינס וואָס איז געוואָרן, איז דאָך אויך עפּעס, וואָס איז געוואָרן, איר געאָלאָגישער, קלימאַטישער און געאָגראַפישער צושטאַנד, אירע געוויקסן און בעלי־חיים. און זי מוז האָבן אַ געשיכטע נישט בלויז אין רוים, נאָר אויך אין צייט"**). נאָר די נאַטור־פאָרשער האָבן נישט באַלד זיך אַנטשלאָסן אָנצוהויבן אַרבעטן אין דער־דאָזיקער ריכטונג.

אָבער דער אַנשטייענדיקער פאַרשטענדניש דערפון, אַז די נ א ַ ט ו ר א י ז נ י ש ט, נ א ָ ר ז י ו ו ע ר ט, ד. ה. אַז זי איז נישט אומבאַוועגלעך, נאָר זי אַנטוויקלט זיך שטופנווייז, איז אין יאָר 1830 צוגעקומען אַ שטיצע פון אַן אַנ־דערער זייט — פון דער זייט פון דער געאָלאָגיע אין דער פּערזאָן פון דעם באַרימטן ענגלישן געאָלאָג לאַיעל.

ווי באַוווּסט, זענען די שיכטן פון דער ערד־שאָל גרויסע בית־עלמינס, שטיינערנע קברים פון די וועזנס, וואָס האָבן אַמאָל באַוווינט די ערד. הייסט עס, אַז דאָס גענויע שטודירן די אָרגאַניזמען, וועלכע זענען באַגראָבן אין די פאַרשידענע שיכטן גיט אונז אַ גאַנץ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער געוויקסן־ און בעלי־חיים־וועלט פון שוין לאַנג פאַרגאַנגענע עפּאָכן. צוזאַמען

---

*) ענגעלס, „אַנטי־דיורינג".

**) ענגעלס, „די דיאַלעקטיק אין דער נאַטור".

דערמיט קען מען לויטן כאַראַקטער פון די שיכטן אָפּט אורטיילן וועגן די פיזישע באַדינגונגען, וועלכע האָבן געהערשט אין דער עפּאָכע, ווען זיי האָבן זיך אויסגעבילדעט: וועגן דאַמאָלסדיקן קלימאַט, וועגן די פּראָצעסן, וואָס זענען פאָרגעקומען אויף דער יבשה און אין וואַסער, אַפילו וועגן דעם דאַמאָלסטיקן פּייזאַזש. מיט איין וואָרט, **אין די ערד-שיכטן לעזן מיר די איינציק-אָריגינעלע כראָניק, וואָס איז צו אונז דערגאַנגען פון די פאַרגאַנגענע צייטן.**

דאָס לעזן דידאָזיקע „כראָניק" זאָגט אונז וועגן דעם, אַז יעדער שיכט פון דער ערד-שאָל האָט געהאַט **זיין** לעבעדיקע נאַטור, זיין געוויקסן- און בעלי-חיים-וועלט, ווי אויך זיין באַזונדערן פיזישן צושטאַנד (אַ באַזונדערן קלימאַט א. א. וו.). מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס?

כדי ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַגע, האָט דער פראַנצויזישער געלערטער קיוויע (דער באַגרינדער פון דער פּאַלעאָנטאָלאָגיע, ד. ה. פון דער וויסנשאַפט וועגן די פאָסילע (אויסגעגראָבענע) אָרגאַניזמען) אין זיין צייט צוגעטראַכט אַ „קאַטאַסטראָפעס-טעאָריע". לויט דערדאָזיקער טעאָריע האָט אונזער פּלאַנעט אין לאַנג-פאַרגאַנגענע צייטן דורכגעמאַכט פּלוצימדיקע און שרעקלעכע ערד-ציטערנישן, גיגאַנטישע ווולקאַן-אויסברוכן, קאָלאָסאַלע מבול'ס א. א. וו. די-דאָזיקע ריזיקע אויפטרייסלונגען האָבן געטראָגן אַן אַלגעמיינעם אַלוועלטלעכן כאַראַקטער און האָבן פאַרניכטעט אַלע לעבעדיקע וועזנס. דערנאָך איז מיט דער הילף פון אַ נייעם „שאַפונגאַקט", ד. ה. דורך אַ נס, דורך אַריינמישונג פון אַן איבערנאַטירלעכן כוח, אַנטשטאַנען אַ ניי לעבן ביי גאַנץ נייע געאָגראַפישע א. אַ. באַדינגונגען, כדי דערנאָך ווידער אַמאָל אונטערצוגיין דורך אַ גרויסער איבערקערעניש, אין אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, ווען ס'וועט קומען די צייט אָפּצוטרעטן דעם פּלאַץ פאַר אַ נייער אָרגאַנישער וועלט.

ס'איז לייכט איינצוזען, אַז דידאָזיקע פאָרשטעלונג האָט נישט קיין שום וויסנשאַפטלעכע באַדייטונג. זי האָט אונז געזאָגט, אַז די כוחות, וואָס מאַכן ביי דער היינטיקער צייט פאַרענדערונגען אויף דער ערד, האָבן קיין שום געמיינזאַמעס נישט

מיט די פריערדיקע. אַנדערש גערעדט, גלייך ווי די רעליגיע, האָט זי זיך געווענדעט, כּדי צו דערקלערן נאַטור-דערשיינונגען, נישט צו נאַטירלעכע, נאָר צו איבערנאַטירלעכע כּוחות — צו אַ „שעפערישן כּוח", ד. ה. צו גאָט. גלייכצייטיק דערמיט שטעלט דידאָזיקע טעאָריע אַוועק, אין קעגנזאַץ צו דער געוויינלעכער ביבליש-רעליגיעזער אויפפאַסונג, אויפן אָרט פון איין געטלעכן שאַפונג-אַקט אַ גאַנצע רייע אַזעלכע שאַפונג-אַקטן. אַזוי אַרום האָט קיוויע פון נס געמאַכט אַן „עיקרדיקע באַוועג-קראַפט פון דער נאַטור".

ליעלס פאָרשונגען האָבן געגעבן אַ טויט-קלאַפּ קיוויעס טעאָריע צוזאַמען מיט די „פרומע" אויספירן, וואָס פליסן פון איר אַרויס. שטודירנדיק די אַרבעט פון ווינט, רעגן, טייכן א. א. „שוואַכע" כּוחות, וואָס אַרבעטן איצט איבערן פאַרענדערן דעם אויסזען פון דער ערד, האָט ער דערוויזן, אַז אויך אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט די ערד נישט געקענט וויסן פון קיין שום אַריינמישונג פון עפּעס אַן איבערנאַטירלעכער געהיימער שאַפונג-קראַפט, אַז אויף איר אויבערפלעך האָבן געווירקט דיזעלבע כּוחות, וועמענס אַרבעט מיר זעען אויך איצט, און אַז צוליב דעם איז איר אויבערפלאַך אין די פאַרגאַנגענע צייט געווען אונטערגעוואָרפן פּונקט אַזעלכע לאַנגזאַמע, אומבאַמערקלעכע ענדערונגען, אַזוי ווי איצט. אַזוי אַרום איז קלאָר געוואָרן, אַז קליינע פאַרענדערונגען, אַנזאַמלענדיק זיך אין משך פון פיל הונדערטער פעריאָדן, קענען ברענגען צו וויכטיקע רעזולטאַטן, נאָר דידאָזיקע רעזולטאַטן, דידאָזיקע פאַרענדערונגען ווייזן זיך קיינמאָל נישט אַרויס מיט אַמאָל, אין אַ שאַרפער פאָרם. דערפון דרינגט שוין אַרויס, אַז אַזעלכע אַלגעמיינע קאַטאַסטראָפעס, וואָס זאָלן פאַרניכטן די גאַנצע לעבעדיקע נאַטור, האָט די ערד קיינמאָל נישט איבערגעלעבט. דאָס אויסזען פון דער ערד האָט זיך געענדערט לאַנגזאַם און שטופנווייז און גלייכצייטיק דערמיט האָט זיך געענדערט איר קלימאַט, איר גע-

אָלאָגישער צושטאַנד א. א. וו. אויב ס'זענען געווען קאַטאַסטראָפעס, האָבן זיי געהאַט בלויז אַ לאָקאַלן כאַראַקטער און זיך נישט אויסגעברייטערט אויף דער גאַנצער ערד; פּונקט ווי די היינטיקע ערד-ציטערנישן, ווולקאַן-אויסברוכן, פאַרפלייצונגען א. א. וו. זענען זיי נישט געווען אויף אַזוי פיל שטאַרק, אַז זיי זאָלן טראָגן אַן „אַלוועלטלעכן כאַראַקטער" און פאַרניכטן אַלדאָס לעבעדיקע.

דאָס וואָס די אָנהענגער פון דער קאַטאַסטראָפעס-טעאָריע שרייבן צו דער ווירקונג פון באַזונדערע איבערנאַטירלעכע („שעפערישע") כּוחות פון דער פאַרגאַנגענהייט, דאַרף מען אַלזאָ, לויט לאַיעלן, דערקלערן מיט דער אַרבעט פון די נאַטירלעכע („שוואַכע") נאַטור-כּוחות אין פאַרלויף פון ריזיקע צייט-דיסטאַנצן. אַזוי אַרום האָט די קרובה'שע צו דער רעליגיע קאַטאַסטראָפעס-טעאָריע געמוזט אָפּטרעטן איר אָרט דער נייער ריין-וויסנשאַפטלעכער לערע *וועגן דער איינהייט פון די פריערדיקע און איצטיקע נאַטור-כּוחות*. מיט איין וואָרט, לאַיעל האָט אַרויסגעטריבן דעם נסים-עלעמענט פון די פאַרענדערונגען פון דער נישט-באַלעבטער אומאָרגאַנישער נאַטור אויף אונזער פּלאַנעט און האָט באַוויזן, *אַז די ערד האָט אָן שום איבערנאַטירלעכער אַריינמישונג זיך געפונען און געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון באַשטימטע אַרבעטנדיקע כּוחות*, וועלכע פאַרענדערן „לאַנגזאַם און שטיל" איר אויסזעען. לאַיעל האָט פאָרגעזעצט דאָס ווערק פון קאַנט און לאַפּלאַס, דערפירנדיק צום אויספיר, *אַז אַ געשיכטע אין דער צייט האָט נישט נאָר די ערד אַלס גאַנצעס גענומען, נאָר אויך איר איצטיקע אויבערפלעך*.

צי קען מען מאַכן אַ שריט ווייטער און געפינען פּונקט אַזעלכע לאַנגזאַמע ענדערונגען אונטער דער ווירקונג פון נאַטירלעכע כּוחות, אויך אין דער באַלעבטער נאַטור? צי קען מען אָננעמען, אַז אַ געשיכטע אין דער צייט האָט נישט נאָר די

איצטיקע ערד-אויבערפלעך, נאָר אויך די אויף איר לעבעדיקע בעלי-חיים און געוויקסן?

אַזאַ שריט איז גאַנץ נאַטירלעך, ווייל לאַיעלס טעאָריע איז אוממעגלעך צו ברענגען אין הסכם מיט דער אַלטער רעליגיעז-ביבלישער לערע וועגן דער באַשטענדיקייט פון די אָרגאַנישע מינים. דער געדאַנק וועגן דער לאַנגזאַמער איבערפאַרמירונג פון דער ערד-אויבערפלעך און פון אַלע לעבן-באַדינגונגען אויף איר (פון קלימאַט א. א. וו.) ברענגט נישט ווילנדיק צום געדאַנק וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער באַלעבטער נאַטור, צו דער לערע וועגן דער פאַרענדערלעכקייט פון די מינים. אָבער די טראַדיציע — לויטן געלונגענעם אויסדרוק פון ענגעלסן — איז אַ כוח נישט נאָר אין דער קאַטוילישער קירך, נאָר אויך אין דער נאַטור-וויסנשאַפט. לאַיעל האָט זיך נישט אַנטשלאָסן צו מאַכן דעם לאָגישן אויספיר פון זיין טעאָריע און אָנערקענען, אַז די מינים פון דער בעלי-חיים- און געוויקסן-וועלט זענען נישט קיין שטענדיקע. ער האָט אַלץ ווייטער גערעדט וועגן דער „שאַפונג" פון די מינים א. א. וו.

אָט דאָ איז געקומען דאַרווין און האָט געמאַכט דעם שריט, וועלכן ס'האָט זיך נישט אַנטשלאָסן צו מאַכן זיין פריינט און לאַנדסמאַן לאַיעל. מיט דער הילף פון אַ ריזיקער צאָל וויסנשאַפטלעכע פאַקטן*) האָט ער באַוויזן, „אַז אַלע הייַנטיקע

---

*) די פאַקטן, וועלכע ער ברענגט אין דער „אָפּשטאַמונג פון די מינים" האָט דאַרווין געזאַמלט אין משך פון 28 יאָר. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז דאָס דאָזיקע ווערק וואָלט נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1859 יאָר, ווען די פריינט פונעם גרויסן נאַטור-פאָרשער וואָלטן אים נישט געצוווּנגען דורך דרינגנדיקע בקשות צו פּובליקירן די דאָזיקע אַרבעט. דאַרווין האָט געוואָלט פאָרזעצן דאָס זאַמלען מאַטעריאַל „כדי נישט צו זיין צו-אייליק אין זיינע אויספירן", נאָר צוליב זיין קרענקלעכן צושטאַנד האָבן זיינע פריינט מורא געהאַט, אַז ער וועט שטאַרבן, נישט באַוויזנדיק צו זאָגן דער וועלט וועגן זיין גרויסער אַנטדעקונג. דערצו האָט זיך נאָך אין יאָר 1858 באַקומען אַ מעלדונג, אַז אַ צווייטער נאַטור-פאָרשער, וואַלעס, האָט אַרויסגעזאָגט אידייען, וואָס דערמאָנען איז אַלגעמיין ביז צום

געוויקסן און בעלי-חיים שטעלן מיט זיך פאָר נישט עפּעס אנדערש, ווי פאַרענדערטע און איבערפאָרמירטע נאָכפאָלגער פון געוויקסן און בעלי-חיים, וואָס האָבן באַוווינט די ערד פון לאַנג פאַרגאַנגענע צייטן. אייניקע פון דידאָזיקע מינים לעבעדיקע וועזנס זענען געבליבן אויסגעשטאָרבן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אין די שיכטן פון דער ערד-שאָל פאַרשטיינערטע רעשטלעך; אַנדערע האָבן דורכגעמאַכט אַ לאַנגזאַמע ענדערונג און האָבן זיך סוף-כל-סוף פאַרוואַנדלט אין גאַנץ נייע מינים און אונטער-מינים. הייסט עס, די מינים פון די לעבעדיקע וועזנס זענען נישט עפּעס קיין פאַרגליווערטע, אומפאַרענדערלעכע זאַך; זיי זענען אַנטשטאַנען נישט אַליין פון זיך, אומאָפּהענגיק איינער פונם אַנדערן, נאָר איינער פונם אַנדערן דורך אַ פּראָצעס פון לאַנגזאַמער פאַרענדערונג במשך ריזיקע צייט-אינטערוואַלן, וואָס ציילן זיך אין די מיליאָנען יאָרן. קורץ געזאָגט, דאַרווין האָט באַוויזן, פּונקט אַזוי ווי קאָפּערניק, אַז דאָס וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר פון אייביק אָן אומבאַוועגלעך, געפינט זיך גאָר באמת אין צושטאַנד פון באַוועגונג: די אָרגאַנישע מינים, וואָס דאַכטן זיך אונז אויס אומבאַוועגלעך, פאַרשטיינערט, זענען אין דער אמתן „פליסיק”, פאַרענדערלעך, ד. ה. זיי עקזיסטירן נישט, נאָר זיי ווערן, זיי ווערן „אַנדערע”.

שטויגנען די געדאַנקען, וועלכע ס'האָט שוין לאַנג באַאַרבעט דאַרווין. כדי צו ווייזן, אַז דידאָזיקע געדאַנקען האָט ער אַרויסגעזאָגט נישט נאָר אומאָפּהענגיק פון וואַלעסן, נאָר אויך, אַז ער אַנטוויקלט זיי שוין לאַנג, האָט דאַרווין מסכים געווען אַרויסצולאָזן זיין בוך, נישט וואַרטנדיק אויף נייע מאַטעריאַלן. וואָס שייך וואַלעסן, איז ער געווען פולקאָם באַפרידיקט דורך דאַרווינס האַנדלונג, פילנדיק, אַז ער וואָלט נישט געקענט טון פאַר דער וויסנשאַפט דאָס אַלץ, וואָס ס'האָט געטון דאַרווין. נישט אומזיסט האָט וואַלעס אײנס פון זײנע ווערק, וואָס באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דער עוואָלוציע פון דער אָרגאַנישער וועלט, אַ נאָמען געגעבן: „דאַרוויניזם”.

אַזוי האָט זיך דורכגעלייגט אַ וועג אַ נייע אויפפאַסונג וועגן דער וועלט: *די וועלט איז אַ פּראָצעס, אַלץ דאַרף מען באַטראַכטן היסטאָריש*. דידאָזיקע וועלט-אָנשויונג הייסט די *דיאַלעקטישע* און שטעלט מיט זיך פאָר אַ פולשטענדיקן קעגנזאַץ צו דער פריערדיקער, מעטאַפיזישער, רעליגיעז-ביבלישער. דער דאַרוויניזם איז דער וויכטיקסטער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פונם דאָזיקן נייעם קוק בנוגע דער נאַטור.

דאַרווינס לערע איז, פאַרשטייט זיך, נישט אַראָפּגעפאַלן פונם הימל. זי האָט געהאַט אַ רייע *פאָרגייער* און איז געווען באַגרינדעט אויף אַ גרויסן מאַטעריאַל, וועלכן ס'האָט דערגרייכט די וויסנשאַפט פון זיין צייט. זיינע אָנהענגער האָבן דערפאָלגרייך ווייטער פאָרגעזעצט דאָס פאַנאַנדעראַרבעטן די גרונט-אידייען פון דערדאָזיקער לערע, שטיצנדיק זיך אויף אַלץ נייע פאַקטן, אַזוי אַז דער דאַרוויניזם איז זיך איצט צעוואָקסן אין אַ ברייטן וויסנשאַפט-געביט.

וואָס זשע איז אַזוינס דער דאַרוויניזם? און וואָס באַשטייט זיין גרונט-אידיי?

דאַרווינס טעאָריע באַשטייט פון צוויי טיילן: פון דער לערע וועגן דער *בלוט-קרובהשאַפט פון אַלע אָרגאַניזמען אָדער זייער עוואָלוציע* און פון דער לערע וועגן דער *גרונט-סבה, דער עיקרדיקער באַוועגנדיקער קראַפט פון דערדאָזיקער עוואָלוציע*. דערביי זענען ביידע לערעס אַ *רעזולטאַט פון אָנווענדן דעם געזונטן שכל צו בולטע פאַקטן*.

לאָמיר אָנהייבן פון דער ערשטער העלפט פון דאַרווינס לערע — פון דער עוואָלוציע-אידיי, דער אידיי פון אַנטוויקלונג.

אַנטשפּרעכנד צו דער עוואָלוציאָנערער פאָרשטעלונג, זענען די לעבעדיקע וועזנס — די בעלי-חיים און געוויקסן, — וועלכע מיר אָבסערווירן איצט אויף דער יבשה, אין וואַסער און אין דער לופט, נישט תמיד געווען דיזעלבע, נאָר זיי האָבן

זיך אַנטוויקלט דורך לאַנגזאַמע פאַרענדערונגען פון אַנדערע, וואָס האָבן געלעבט פריער און שטאַמען, אַלזאָ, פון נישט ענלעכע צו זיין פאָר-עלטערן.

דער שטודיום פון די אויסגעגראָבענע בעלי-חיים און געוויקסן באַווייזט, אַז די דאָזיקע פריער לעבנדיקע איינוווינער פון אונזער ערד זענען געווען פיל איינפאַכער אין זייער געבוי, ווי די איצטיקע. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די איבערפאָרמירונג, פאַר-ענדערונג פון בעלי-חיים און געוויקסן גייט אין אַ באַשטימטער, שטרענגער אָרדנונג — אין דער ריכטונג פון קאָמפליצירט ווערן: צוערשט באַווייזן זיך די איינפאַכסטע אָרגאַניזמען און דערנאָך די מער פולקאָמע, די מער קאָמפליצירטע. אַזוי אַרום פאַרדאַנקט די גאַנצע פאַרשידנאַרטיקייט פון די אָרגאַנישע פאָרמען איר אָפשטאַמונג אַ באַזונדערן פראָצעס, וואָס האָט דערפירט צום פאַרוואַנדלען זיך פון איינפאַך-געבויטע נידריקערע וועזנס אין העכערע, קאָמפליצירטע וועזנס.

דער דאָזיקער פראָצעס קומט פאָר זייער לאַנגזאַם, נאָר ער קומט פאָר אומאויפהערלעך און זיין רעזולטאַט מוז, סוף-כל-סוף, זיך אַרויסווייזן. אָט פאַרוואָס דאָס וואָס מיר זעען איצט אין דער לעבעדיקער נאַטור איז נאָר אַ שיינבאַרע שטענדיקייט און דויערהאַפטיקייט. די צייט פון אונזערע באַאָבאַכטונגען איז קורץ. ווען מיר וואָלטן געלעבט צו מיליאָן יאָרהונדערטער, וואָלטן אונזערע אַלע אָרגאַנישע מינים אָנגעווירן זייער דויערהאַפטיקן כאַראַקטער און מיר וואָלטן געזען, ווי זיי אַנטוויקלען זיך, ד. ה. אַנטשטייען און פאַרשווינדן, מיט איין וואָרט — ווערן. הייסט עס, מען דאַרף אין דער ביאָלאָגיע אַריינפירן דעם פאַקטאָר פון צייט און דאָס גאַנצע בילד פון דער אָרגאַנישער וועלט באַקומט אַן אַנדער אויסזען: דאָרט, ווו ס'איז פריער געווען רו און פאַרשטיינערטקייט, וועלן זיך באַווייזן באַוועגונג און פליסיקייט*).

*) דאַרווין, ענטפערנדיק אויף דער פראַגע, פאַרוואָס ביז צו דער לעצטער צייט האָבן אַלע גרעסטע נאַטור-פאָרשער נישט געגלויבט אין דער

װעלכע־זשע פאַקטן פירן אונז צום אויספיר װעגן דער פאַרװאַנדלונג פון די אָרגאַנישע מינים און, ממילא, װעגן דער קרובהשאַפט פון אַלע לעבעדיקע װעזנס? אַזעלכע פאַקטן איז דאָ זייער אַ סך. לאָמיר אָנװייזן אויף אייניקע פון זיי.

שטודירנדיק די פאַרשװוּנדענע בעלי־חיים און געװיקסן, װעלכע מען געפינט אין די פאַרשידענע שיכטן פון דער ערד־שאָל, איז נישט שװער צו באַמערקן, אַז אין אַלגעמיינע שטריכן ענען זיי ענלעך צו די איצט עקזיסטירנדיקע. למשל, אין די עלטסטע ערד־שיכטן געפינט מען פון צװישן די חוט־השדרה־דיקע נאָר פיש, אין שפּעטערע — אַמפיביען און שרצים (קריכע־דיקע) און, ענדלעך, אין די נייערע — פייגלען און זויגעדיקע, ד. ה. װאָס פולקאָמער און קאָמפּליצירטער דער אָרגאַניזם איז, אַלץ שפּעטער באַװייזט ער זיך. דערביי באַמערקט זיך אָט װאָס: צװישן די פאָסילע (אויסגעגראָבענע) אָרגאַניזמען זענען דאָ איבערגאַנג־פאָרמען, װאָס בילדן זאַמל־מינים אָדער „קאָלעקטיװע מינים". אַזוי, למשל, האָט מען אין איין שיכט געפונען רעשטלעך פון אַן אויסגעגראָבענער חיה, װאָס מען האָט אָנגערופן אַרכעאָפּטעריקס (אָדער דער ערשט־פויגל), װאָס איז לויט דער פאָרם פונם קאָפּ און קערפּער ענלעך צו אַ שרץ (רעפּטיל), אָבער האָט צוזאַמען דערמיט אויך פליגל און פעדערן אויפן גאַנצן קערפּער, װי אַ פויגל.

אָבער נאָך װיכטיק דאָס: ס'האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז מיטעלע איבערגאַנג־פאָרמען צװישן העכערע און נידריקערע טיפּן עקזיסטירן נישט נאָר צװישן די פאָסילע (אויסגעגראָבענע), נאָר אויך צװישן די לעבעדיקע אָרגאַניזמען, אַלס ביישפּיל װעלן מיר אָנװייזן אויף די אויסטראַלישע חיות — די שנאָבל־חיה און

פאַרענדערלעכקייט פון די מינים, זאָגט: „דער גלויבן אין דער אומבאַװעגלעכ־קייט פון די מינים איז געװען כמעט אומפאַרמיידלעך כּל זמן ס'האָט עקזיסטירט די איבערצייגונג אינם קורצן טערמין פון דער געשיכטע פון דער ערד... אונזער שכל קען נישט אויפנעמען דעם גאַנצן זין, װאָס איז פאַרבונדן מיטן אויסדרוק „אַ מיליאָן יאָר"; ער קען נישט אונטערפירן אַ סך־הכּל און איינזען דעם אַנט־גילטיקן רעזולטאַט פון די צאָלרייכע קליינע פאַרענדערונגען, װאָס זאַמלען זיך אָן אין פאַרלויף פון כמעט אומצייליקע דורות". („די אָפּשטאַמונג פון די מינים").

ענדיקע: זיי לייגן אייער, ווי די פייגל און שרצים, און זיצן זיי אויס און די אויסגעפיקטע קינדער קאָרמעט די מוטער מיט איר מילך, ווי זויגעדיקע. דידאָזיקע „חיות-פייגל", פונקט ווי דער ערשט-פויגל, זאָגן אונז וועגן דעם, אַז צווישן די פאַרשידענע מינים עקזיסטירטווירקלעך אַ קרובהשע פאַרבינדונג.

ווען מען האָט אָנגעהויבן פאַרגלייכן צווישן זיך דעם געבוי פון פאַרשידענע אָרגאַנען פון לעבעדיקע וועזנס, האָט זיך אין די אויגן געוואָרפן זייער אַן אינטערעסאַנטער פאַקט: גאַנץ פאַרשידענע לויט זייער פאָרם און „באַשטימונג", ד. ה. לויט די פונקציעס, וואָס זיי דערפילן, זענען אָבער די אָרגאַנען געבויט לויט איין „פּלאַן", ווי לויט איין מאָדעל, לויט איין צוזאַמענשטעל. אַזוי, למשל, אויב מען זאָל נעמען אַזעלכע פאַרשידענע לויט זייער אויסערלעכן אויסזען און באַשטימונג אָרגאַנען, ווי אַ האַנט פון אַ מענטש, אַ פוס פון אַ פערד, אַ לאַפּע פון אַ מוילוואָרף (קרעט), אַ רודער פון אַ ים-הונט, אַ פליגל פון אַ פלעדערמויז, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז זיי באַשטייען פון דיזעלבע ביינער, וואָס גייען אין דערזעלבער אָרדנונג.

די אַלע פאַקטן — זיי זענען פאַראַן, חזר איך איבער, וויפיל מען וויל נאָר — רעדן באַשטימט דערפאַר, אַז אַלע לעבעדיקע וועזנס פון דער אָרגאַנישער וועלט געפינען זיך אין אַ געוויסער קרובהשער פאַרבינדונג איינס מיטן אַנדערן, אַז די גאַנצע לעבעדיקע נאַטור, אין גאַנצן גלאַנץ פון אירע פאַרבן, אין דער גאַנצער פאַרשידנפאַרביקייט און פילפאָרמיקייט פון אירע געשטאַלטן, שטעלט מיט זיך פאָר איין גאַנצעס. ס'איז קלאָר, אַז די אָרגאַניזמען זענען נישט „באַשאַפן" געוואָרן מיט אַמאָל, פאַרטיקערהייט, — זיי זענען אַנטשטאַנען נישט אַדאַנק באַזונדערע „שאַפונג-אַקטן", נאָר אויפן וועג פון עוואָלוציע, דורך לאַנגזאַמע און כסדרדיקע פאַרענדערונגען, פאַרוואַנדלונגען.

וואָס זשע איז די סבה פון אַזאַ לאַנגזאַמער אָבער סוף-כל-סוף טיפער פאַרוואַנדלונג פון די לעבעדיקע וועזנס?

דערויף גיט דאַרווין אַזאַ ענטפער: סבה איז די „פ אַ ר ע נ ד ע ר ל ע כ ק יי ט" פון אַלעם לעבעדיקן, וואָס מיר זעען אומעטום און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַשיינפערלעכן פאַקט. אין דער אמתן, אפילו אין איין משפחה וועלן מיר נישט געפינען קיין פולע ענלעכקייט צווישן מענטשן, און ווי אָפט און דערשטוינענדיק עס זענען נישט טיילמאָל די ענלעכקייטן, קאָנען מען דאָך נישט געפינען קיין צוויי מענטשן, וואָס זאָלן זיין ענלעך כאָטש לויט די געזיכט-צוגן. אַפילו די אַזוי-גערופענע צווילינגען קען מען שטענדיק אונטערשיידן לויט די געזיכט-צוגן. און אויב מען זאָל נעמען אין אַכט דעם גאַנצן קערפער, וועט זיך שטענדיק געפינען אַ גאַנצע רייע פון מער אָדער ווייניק באַמערקלעכע אונטערשידן. געוויס, פונקט אַזוי איז אויך די מעשה מיט חיות און געוויקסן: זיי אַלע האָבן געוויסע אינדיווידועלע אייגנשאַפטן, די אָדער יענע אָפנייגן, אונטערשידן. למשל, ווען מען האָט פאַרגלייכט צווישן זיך 27 טויזנט עקזעמפלאַרן פון דערזעלבער מושל, האָט מען צווישן זיי נישט געפונען אפילו קיין צוויי, וואָס זאָלן זיין אינגאַנצן אידענטיש. געוויס, מערסטנטייל, זענען די אַלע א ו נ ט ע ר- ש י ד ן, ענדערונגען נישט גרויס, וואַרפן זיך נישט אין די אויגן, אַזוי אַז אויפן ערשטן בליק דאַכט זיך, למשל, אַז אין אַ סטאַדע שעפסן איז איין שעפס „ווי צוויי טראָפנס וואַסער" ענלעך צום צווייטן. אָבער אַ געניטער פאַסטוך קען יעדן שעפס באַזונדער, ד. ה. ער אונטערשיידט איינעם פון דעם צווייטן: ביי איינעם זענען די פיס קוים-קוים עטוואָס לענגער, ביי דעם אַנדערן — איז די פאַרב פון דער פעל טונקעלער א. א. וו.

אַלזאָ, איז די פאַרענדערלעכקייט פון די אָרגאַניזמען אַן אומבאַשטרייטבאַרער, באַשיינפערלעכער פאַקט. נאָר פונקט אַזאַ פ א ק ט, ווי ס'האָט אָנגעוויזן דאַרווין, איז אויך דאָס, אַז דידאָזיקע פאַרענדערלעכקייט גיט זיך איבער ב י ר ו ש ה די ווייטערדיקע נאָכפאָלגנדיקע דורות. יעדער לעבעדיק וועזן רעפּראָדוצירט דאָך פונדעסטוועגן אינם עיקרדיקן די פאָרמען פון זיינע עלטערן, גיט איבער די צום מערסטן כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון דור צו דור. און אויב אין א משפחה באַווייזט

זיך עפּעס אַן אייגנטימלעכקייט, למשל, זעקספינגערדיקע הענט, פאַרהאַלט זיך דערדאָזיקער אָפּנייג פון דער נאָרמע בירושה.

אַזוי ארום האָט דאַרווין, ארויסרוקנדיק דעם פאַקט פון פאַרענדערלעכקייט און ירושה, אונז אָנגעוויזן דערויף, וואָס ס'איז די גרונט-סבה פון די פאַרענדערונגען פון די פאָרמען פון די לעבעדיקע וועזנס, פון די פאַרענדערונגען פון די מינים. אָבער דערמיט ענדיקט זיך נישט די קשיא, ווייל נישט-ווילנדיק אַנטשטייט די פראַגע: ווי אַזוי זענען פאָרגעקומען די-דאָזיקע פאַרענדערונגען, פאַרוואָס האָבן זיי געקענט ווערן אַזעלכע גרויסע, באַמערקלעכע, אַז מיר געפינען איצט אין דער נאַטור זייער פאַרשידענע מינים, וואָס לעבן אין די פאַרשידנסטע באַ-דינגונגען. מיט איין וואָרט, די פראַגע שטייט אַזוי: ווי אַזוי זעט אויס דער פּאַרלויף גופא פון די אַמאָל גע-וועזענע פאָרענדערונגען? וואָס איז די שטויס-קראַפט, די „באַוועגנדיקע שפּרונג-פעדער"? פונם פּראָ-צעס פון אָרגאַנישער עוואָלוציע?

דערויף באַמיט זיך אונז צו ענטפערן די צווייטע העלפט פון דאַרוויניזם — די לערע וועגן אָפּקלייב (די אַזוי גערופענע סעלעקציע-טעאָריע). צו דערדאָזיקער טעאָריע איז דאַרווין געקומען אויפן סמך פון לאַנגיעריקן שטודירן די הויז-חיות און קולטור-געוויקסן.

ס'איז באַוווּסט, אַז געניטע לאַנדווירטן נישט נאָר, וואָס זיי ווייסן, וועלכע ראַסן און אונטער-מינים פון בעלי-חיים זענען אונטערגעוואָרפן פאַרענדערונגען, נאָר זיי קענען אפילו, לויט זייער ווילן, שאַפן נייע ראַסן. ס'איז, למשל, באַוווּסט אַזאַ פאַל: איינמאָל איז ביי אַ פּערמער אין אַמעריקע געבוירן געוואָרן אַן אויסטערלישער באַראַן מיט נידעריקע הינטערשטע פיס. דער פּערמער האָט איינגעפונען, אַז אַזאַ מין געבוי פון די פיס בייב באַראַן איז זייער גוצלעך פאַרן מענטש, ווייל דער באַראַן האָט נישט געקענט איבערקריכן איבערן פּלויט, האָט זיך דעריבער וויינעק באַוועגט און שטאַרק פעט געוואָרן. דער פּערמער האָט פון זיין סטאַדע אויסגעקליבן אַ שעפּס, ביי וועלכן די הינטער-שטע פיס זענען געווען קירצער ווי ביי אַנדערע און האָט די-דאָזיקע בהמות צווישן זיך געקרייצט (געפּאָרט). פאַרשטייט זיך,

טייל קינדער האָבן בירושה באַקומען קירצערע פיס. אָבער דער פאַרמער האָט זיך דערויף נישט אָפּגעשטעלט: ער האָט פאָרגעזעצט זיינע עקספּערימענטן אין דערזעלבער ריכטונג, ד. ה., ער האָט במשך אַ גאַנצער רייע דורות אויסגעקליבן די סאַמע קורצפיסיקסטע זכרים און נקבות, זיי אויסגעהאָדעוועט און געפּאָרט צווישן זיך, ביז ער האָט דערגרייכט דעם געווּנשענעם רעזולטאַט. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען אַ נייע ראַסע קורצפיסיקע און זייער פעטע שעפסן, וואָס זענען גאָרנישט ענלעך צו געוויינלעכע שעפסן.

אַזוי טוען פי-צוכטער און פויגל-צוכטער אַלעמאָל. זיי באַמערקן די קלענסטע „פאַרזעעניש", אָפּנייגן אינם געבוי פון די בהמות, וואָס זענען נוצלעך פאַר די צילן פונם מענטש, קלייבן אָפּ די ענלעכע בהמות און קרייצן זיי צווישן זיך, ד. ה., זיי צווינגען זיי זיך צו פּאָרן באַזונדער מיטן ציל צו פאַרפעסטיקן בירושה די דאָזיקע אָפּנייגן, און אַלס רעזולטאַט האָבן זיך באַקומען אַלערליי מעגלעכע ראַסן פון הינט, קי, חזירים, קיניגלען, הינער, גענז, טויבן א. א. וו.

פונקט אַזוי טוען גערטנער מיט געוויקסן. אָפּקלייבנדיק די טויגלעכסטע געוויקסן און באַנוצנדיק זיך מיט זייער זוימען, איז געלונגען „שאַפן", ד. ה., אויסבילדן און פאַרמערן אַ רייע ווערטפולע פאַר אונז סאָרטן געוויקסן, ווי צוקער-בוראַק, בעסטע סאָרטן ווייץ, פאַרשידענע סאָרטן קרויט, פרוכטן א. א. וו. באַזונדערס גרויסע דערפאָלגן האָט אין דער הינזיכט דערגרייכט אונזער לאַנדסמאַן, מיטשורין, און דער נישט-לאַנג פאַרשטאָרבענער אַמעריקאַנער אַגראָנאָם בעירבאַנק. דער לעצטער האָט אַרויסבאַקומען פלוימען אָן קערנדלעך (אָנשטאָט קערנדלעך איז אין זיי דאָ אַ ווייסע געגליווערטע מאַסע), אַ גאַנץ נייע יאַגדע פון 7—8 צענטימעטער די לענג (אַ געמיש פון מאַלינעס און בערעלעך), קאַרטאָפל אויף שטענגלעך אין דער לופט, קאַקטוסן אָן שטעכער א.א.וו.*).

*) איין בעל-דרשן, באַפאַלנדיק פון דער קירך-בימה בעירבאַנקס עקספּערימענטן, האָט פאַרזיכערט, אַז „בעירבאַנק גייט קעגן גאָטס ווילן". ווען אַזעלכע נייע פאַרמען וואָלטן געווען נייטיק, וואָלט גאָט אַליין שוין פאַרזאָרגט זיי צו באַשאַפן".

אזוי פאַרענדערן זיך פאַר אונזערע אויגן ביז צום נישט-דערקענען די מינים פון בעלי-חיים און געוויקסן: פאַר אונז קומט דאָ פאָר די געבורט פון באַזונדערע, נייע אָפנייגן, דאָס אַנטשטיין אַזוי ווי פון נייע אָרגאַנישע מינים. אין דער דאָזיקער דערשיינונג שפילן די גרונט-ראָל צוויי איינגעשאַפטן פון דער אָרגאַנישער וועלט — ירושה און פאַרענדערלעכקייט. אָבער די פאַרענדערלעכקייט, ד. ה., די נאַטירלעכע פעיקייט פון אַלע לעבעדיקע וועזנס צו פאַרענדערן זיך אומבאַדייטנדיק, ווייזט זיך אַרויס נישט גלייכמעסיק, נאָר אין פאַרשידענע ריכטונגען: זי אַנטשטייט אָפט אין אַ געוויסער מאָס שפרונגהאַפטיק און זעט אונז אויס אומדערוואַרטעט, אַזוי ווי „צופעליק". דער באַלעבאָס, דער דערציער פון נייע סאָרטן און ראַסן (מינים) גיט אַ באַשטימטע ריכטונג דער נאַטירלעכער נייגונג פונם לעבעדיקן וועזן זיך צו פאַרענדערן דערמיט, וואָס ער קלייבט אָפ („סעלעקציאָנירט") יענע אָפנייגן, וואָס זענען אים געווּנשן, און די איבעריקע פאַרניכטעט ער.

דער אופן פון פאַרענדערן די סאָרטן הייסט אָפקלייב, דערביי קינסטלעכער, ווייל עס מאַכט אים נישט די נאַטור, נאָר דער מענטש: דער לעצטער קלייבט אָפ די נוצלעכע אונטערשידן, כדי זיי איבערצוגעבן בירושה. אַזוי אַרום, מאַכנדיק דעם אָפקלייב פון פאַרענדערונגען, וואָס ווערן געשאַפן דורך דער נאַטור פונם לעבעדיקן וועזן אַליין און באַגרינדנדיק זיך אויף דעם איבערגעבן דידאָזיקע פאַרענדערונגען בירושה, „קנעט אויס" דער מענטש אַזוי ווי אָרגאַנישע פאָרמען לויט זיין ווילן. נישט בחנם, איבערחזרנדיק די ווערטער פון איין פי-צוכטער, שרייבט דאַרווין: „דער קינסטלעכער אָפקלייב דאָס איז אַ כישוף-שטעקעלע, מיט וועמענס הילף דער פי-צוכטער רופט אַרויס צום לעבן, וועלכע מען וויל נאָר פאָרמען*).

*) דאַרווין: „די אָפשטאַמונג פון די מינים".

עס אַנטשטייט אַ פראַגע: עקזיסטירט דען אַזאַ דערשיינונג אין דער נאַטור? צי איז דען דאָרט אויך גישטאָ קיין אָפּקלייב, קיין אָפּקלייב אָן אַ סוביעקט, אָן אָפּקלייב אָן אַ באַלעבאָס און פּי-צוכטער, אָן אַ לייטנדיקן ווילן, גאָר אויסשליסלעך אונטער דער ווירקונג פון די אונז באַוווּסטע אייגנשאַפטן פון די אָרגאַניזמען און פון דער אַרומיקער סביבה?

דאַרווין גיט אויף דער פראַגע אַ פּאָזיטיוון ענטפער: פּונקט ווי די בעלי-חיים און געוויקסן קענען זיך ענדערן אונטער דער ווירקונג פונם מענטש, פּונקט אַזוי ענדערן זיי זיך אין די נאַטירלעכע באַדינגונגען, אין דער נאַטור, דערביי נעמט אויף זיך די ראָל פון אַ באַלעבאָס, פון אַ אויפציער, פון אַן אָפּקלייבנדיקער פּערזאָן, אַ באַזונדערע ווירקנדיקע סבה — דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

לעבעדיקע וועזנס ווערן געבוירן אָן אַ שיעור מער מאָל, ווי וויפיל עס קענען בלייבן לעבן. אַזוי, למשל, וואַרפט אונזער שטער ביז צוויי מיליאָן רויגעלעך אַ יאָר; ווען כאָטש אַ הונדערט חלק פון דידאָזיקע עמבריאָנען פון לעבן וואָלטן געבליבן לעבן און וואָלטן פון זייער זייט געלאָזט אַ דור, וואָלט דערדאָזיקער סאָרט פיש שנעל פאַרפולט די וואַסערן. נאָר די צאָל פרייע ערטער אין דער ווירטשאַפט פון דער נאַטור איז באַגרענעצט, ווייל אָרט און שפייז איז דאָ גענוג נאָר פאַר אַ גישטיקן טייל עמבריאָנען. ס'איז קלאָר, אַז די לעבעדיקע וועזנס הייבן צווישן זיך אָן פון בויט אַ קאַמף, אַ קאָנקורענץ, באַמיענדיק זיך פאַר זיך אויסצוקעמפן אַן אָרט אונטער דער זון. אינם דאָזיקן אומאויפהערלעכן קאַמף פאַר עקזיסטענץ גייען אונטער טויזנטער און אַפילו מיליאָנען אויף יעדן אָרגאַניזם וואָס בלייבט איבער.

ווער-זשע איז דאָס יענער בר-מזל, יענער „ליבלינג פונם גורל", וואָס בלייבט לעבן, וואָס האַלט אויס דעם קאַמף? אוודאי איז דאָס דער, וואָס האָט עפּעס אַ מעלה לגבי זיינע קאָנקורענטן, עפּעס אַ נוצלעכן שטריך, וואָס מאַכט אים מער לעבנספעיק ביי די געגעבענע אומשטענדן, עפּעס אַ זאַך, וואָס נוצט

אים צו קריגן שפייז און צום קאמף קעגן די שונאים און קעגן די אומגינסטיקע לעבנס-באדינגונגען. די סימנים פון בעלי-חיים פונם זעלבן מין זענען דאָך פארענדערלעך און די דאָזיקע פארענדערלעכקייט ווייזט זיך ארויס אין כלערליי ריכטונגען. דערפאר איז די ראָל פון ביידע סימנים, אָפנייגן נישט קיין גלייכע. טייל פון זיי זענען נוצלעך פאר דעם בעל-חיי, טייל זענען גלייכגילטיק, טייל — שעדלעך. געוויס, די חיות, וואָס האָבן נוצלעכע שטריכן, למשל, שארפערע ציין אָדער נעגל, לענגערע פיס, א בעסערן געהער אָדער חוש-הריח א.א.וו. וועלן לייכטער קריגן שפייז און זיך באשיצן פון שונאים. זיי וועלן, הייסט עס, לענגער לעבן און לאָזן א מער צאָלרייכן דור, דערביי וועלן זיי זייערע שטריכן איבערגעבן בירושה זייערע קינדער. וואָס שייך די אנדערע חיות פון זייער מין, וואָס האָבן אינדיפערענטע אָדער שעדלעכע אייגנשאפטן, וועלן זיי שנעלער אויסשטארבן און לאָזן נאָך זיך א קלענערן אָדער גאָר קיין דור נישט. אזוי ארום, בלייבט אין קאמף פאר עקזיסטענץ לעבן נאָר דער אָרגאניזם, וואָס איז צום בעסטן צוגעפאסט צום לעבן ביי די געגעבענע באדינגונגען, ד. ה., די נאטור אליין פארטיליקט די ווייניקער פולקאָמע וועזנס.

הייסט עס דען, אז אלעמאָל זיגן נאָר די שטארקסטע און פלינקסטע? לגמרי נישט! ווען ס'וואָלט געווען אזוי, וואָלט די ערד געווען באוווינט נאָר דורך גרויסע רויב-חיות, ווייל די קליינע און שוואכע חיות וואָלטן נישט אויסגעהאלטן דעם וועט-קאמף. עס גייט דאָ נישט אין כוח, נאָר אין צוגעפאסטקייט צו די עקזיסטענץ-באדינגונגען: טייל חיות האָבן מער שארפע חושים און דאָס העלפט זיי בעסער און שנעלער געפינען שפייז; אנדערע זענען קליגער, ווי זייערע קאָנקורענטן, און דערפאר קענען זיי דורך כיטרעקייט צונעמען שפייז; דריטע אָרגאניזמען שטעלן זיך בעסער אנטקעגן אומגינסטיקע קלימאטישע באדינגונגען, טראָגן לייכטער אריבער א

שטרענגן ווינטער אָדער אַ לאַנגדויערנדיקע טריקעניש און זיגן אַזוי אינם לעבנס-קאַמף; פערטע גרופּן פון לעבעדיקע וועזנס האָבן שנעלע פיס און קענען דעריבער לייכטער אַנטלויפן פון זייערע שונאים. ס׳זענען אויך דאָ אַזעלכע אָרגאַניזמען, וואָס ראַטעווען זיך פון די שונאים דערמיט, וואָס זיי האָבן אַ באַפאַרבונג, וואָס איז אויף אַזוי פיל ענלעך צו דער אַרומיקער סביבה, אַז זיי גיסן זיך איינגאַנצן מיט איר צונויף. למשל, די פּאָלאַרע בעלי-חיים זענען מערסטנס ווייס, ווי שניי אָדער אייז, אויף וועלכע זיי לעבן; די איינוווינער פון זאַמד-מדבריות זענען כמעט אַלע באַפאַרבט לויט דער פאַרב פון זאַמד.

מיט איין וואָרט, נאָר אין לפי ערך זעלטענע פאַלן נעמט דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ אָן אַ פאָרם פון דירעקטן צוזאַמענשטויס, ווי למשל, פון צוויי רויב-חיות צווישן זיך. אין *גרעסטן טייל פאַלן איז עס אַ שווייגנדיקער און עקשנותדיקער קאַמף מיט די אומגינסטיקע אַרומיקע לעבנס-באַדינגונגען*, אַ מאַסקירן זיך פאַר די שונאים א. א. וו., און בכלל אַ צופּאַסן זיך צו דער סביבה, צו די אויסערלעכע עקזיסטענץ-באַדינגונגען. דער וואָס האַלט נישט אויס דעם „עקזאַמען" אויף צופּאַסן זיך, ווערט אַזוי ווי באַשטראָפט דורך דער נאַטור מיט טויט-שטראָף: ער קומט אום, בלייבט נישט לעבן.

אַלזאָ, *די נאַטור אַליין* קלייבט אָפּ לאַנגזאַם און כסדר די אַממערסטן צוגעפּאַסטע צו דער עקזיסטענץ אָרגאַניזמען, אָפּווישנדיק פון דער ערד, אַלס שלימזלן, די נישט-צוגעפּאַסטע. דידאָזיקע מעכטיקע קראַפט פון דער נאַטור האָט דאַרווין אָנגערופן *דער נאַטירלעכער אָפּקלייב*. אַלס רעזולטאַט פון דער ווירקונג פון דערדאָזיקער קראַפט קומט פאָר אַ זייער לאַנגזאַמע אָבער שטענדיקע פאַרענדערונג פון די אָרגאַנישע מינים, די פאַרוואַנדלונג פון אייניקע מינים אין אַנדערע. די לעבן-געבליבענע „בר-מזלס," באַקומענדיק דורך דער פאַרענדערלעכקייט אייניקע גינסטיקע נוצלעכע שטריכן, לאָזן איבער אַ דור, וועמען זיי גיבן איבער דידאָזיקע אייגנשאַפטן. און אַזוי ווי דאָס קען זיך אין דער נאַטור איבערחזרן אומאויפהערלעך במשך גרויסע צייט-אינטערוואַלן, *שאַפן זיך*

פון *קליינע ענדערונגען ריזיקע אונטער־שידן*, לאנגזאם, נאָר אומפארמיידלעך, פונקט ווי ביים קינסטלעכן אָפּקלייב: עס אנטשטייט א נייער, אממערסטן פאר די געגעבענע באדינגונגען פאסיקער, צו זיי צוגעפּאסטער סאָרט בעלי־חיים אָדער געוויקסן, וואָס אונטערשיידעט זיך פון דער אורשפּרינגלעכער ראסע דורך א רייע אייגנשאפטן אינם געבוי פון זיין קערפּער.

ווי מען זעט, קומט פאָר *ביים קינסטלעכן אָפּקלייב די פארענדערונג פון די אָרגאנישע פאָרמען מיט א כּוונה און איז צום נוצן פונם מענטש. דאקעגן ביים קינסטלעכן אָפּקלייב* [sic] *קומט זי פאָר בלינד און איז נאָר צום נוצן פון די פארענדערנדיקע זיך אָרגאניזמען*. נאָר אויב דער מענטש האָט אין משך פון קליינע צייט־פּעריאָדן געקענט פארענדערן ביז נישט צו דערקענען א רייע אָרגאנישע מינים דורך קינסטלעכן אָפּקלייב, טאָ ווי־זשע דארפן זיין די רעזולטאטן, וואָס די נא־טור האָט דערגרייכט אין משך פון מיליאָנען יאָרהונדערטער פון עקזיסטענץ פון אָרגאניזמען מיט דער הילף פונם נאטירלעכן אָפּקלייב?

דארווין שרייבט: „אויסדריקנדיק זיך מעטאפאָריש קען מען זאָגן, אז דער נאטירלעכער אָפּקלייב פאָרשט אויס יעדן טאָג, יעדע שעה די קלענסטע פארענדערונגען אויף דער וועלט, ווארפט אָפּ די שלעכטע, פארבאהאלט און לייגט צונויף די גוטע, ארבעט שטיל, נישט צו הערן און נישט צו זען, *ווו און ווען עס לאָזט זיך נאָר*, איבער דער פארפולקאָמונג פון יעדן אָרגאנישן ווען אין באצוג צו זיינע לעבנס־באדינגונגען, די אָרגאנישע און נישט־אָרגאנישע. מיר באמערקן נישט דעם פארלויף גופא פון דידאָזיקע לאנגזאם ווערנדיקע ענדערונגען, ביז די האנט פון דער צייט מערקט נישט אָן די פארגאנגענע יאָרהונדערטער; נאָר אויך דאן איז דאָס בילד פון געאָלאָגישער פארגאנגענהייט אזוי נישט־פולקאָם, אז

מיר באַמערקן נאָר די נישט-ענלעכקייט פון די עקזיסטירנדיקע לעבנס-פאָרמען מיט די, וואָס האָבן אַמאָל עקזיסטירט"*).

דאַרווינס לערע איז זייער איינפאַך און לאָזט לאָגיש נישט קיין אָרט פאַר קיין פאָרוואורף. דאַרווין פרעגט: צי זענען די אָרגאַניזמען פאַרענדערלעך? און ער באַווייזט, אַז פאַרענדערלעכקייט איז די בשותּפותדיקע אייגנשאַפט פון אַלע לעבעדיקע וועזנס. דערנאָך: צי גיבן זיך די ענדערונגען איבער בירושה? און ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז ס'זענען דאָ אַזעלכע ענדערונגען, וואָס גיבן זיך ווירקלעך איבער בירושה. ווייטער איז קלאָר, אַז עס בילדעט זיך אויס פיל מער זוימען, ווי עס דערוואַקסן ביז צום רייפן צושטאַנד, צוליב דער באַשרענקטקייט פון די עקזיסטענץ-מיטלען, אַזוי אַז צווישן די צוגעהעריקע צום זעלבן מין מוז פאָרקומען אַ קאַמף פאַר עקזיסטענץ. ענדלעך, איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז אין דאָזיקן קאַמף איז גובר יעדער, וואָס באַזיצט עפּעס אַן איבערגעוויכט אין פאַרגלייך מיטן קאָנקורענט. אַזוי אַרום איז דער דאַרוויניזם אַן אמתער „שליסל" צום פאַרשטיין די אָרגאַנישע נאַטור, אַרויסגייענדיק בלויז פון עטלעכע גרונט-הנחות, דהיינו, פון 1) דעם „פאַרענדערלעכקייט", 2) דער „ירושהדיקייט" (ערבלעכקייט), 3) „קאַמף פאַר עקזיסטענץ" און, וואָס פליסט אַרויס דערפון, 4) „דעם לעבן-בלייבן פונם צום מערסטן צוגעפּאַסטן".

דידאָזיקע לערע האָט גלענצנדיק אומבאַשטרייטלעך באַוויזן, אַז דאָס אָרגאַנישע לעבן פון אונזער פּלאַנעט איז פריער נישט געווען אַזאַ, ווי עס איז אין דער איצטיקער צייט: עס האָט זיך אומאויפהערלעך איבערגעפאָרמירט, געביטן, ד. ה. עס האָט אַ לאַנגע געשיכטע. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די

---

*) דאַרווין: „די אָפּשטאַמונג פון די מינים".

צאָלרייכע מינים בעלי-חיים און געוויקסן זענען נישט מיט אַמאָל געשאַפן געוואָרן דורך עפּעס אַ „העכערער" קראַפט. יעדער באַזונדער, אומאָפּהענגיק, נאָר זיי געפינען זיך אין בלוט-קריבהשאַפט, שטאַמען פון אַ בשותפותדיקן שטאַם: זיי האָבן זיך אינגאַנצן אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַנטוויקלט לאַנגזאַם פון אַנדערע איינפאַכערע מינים אַדאַנק דעם אָנזאַמלען זיך פון קליינע פאַרענדערונגען. דאָס רעליגיעז-ביבלישע בילד פון אַ פאַרגליווערטער אומפאַרענדערלעכער אָרגאַנישער נאַטור איז אינגאַנצן צעשווומען פאַר אונז: דאָס בילד האָט אָנגעהויבן זיך צעפליסן אין דער צייט. מיט איין וואָרט, ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די אָרגאַנישע וועלט איז איין גרויסער היסטאָרישער פּראָצעס, אין וועלכן דער היינטיקער טאָג איז נאָר איין מאָמענטאַלע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמע, וואָס איז אַרויסגעריסן פון אַ לאַנגן קינעמאַטאָגראַפישן פילם. אַנדערש געזאָגט, די מינים בעלי-חיים און געוויקסן, כאָטש זיי דאַכטן זיך אויס אומפאַרענדערלעך, געפינען זיך אין צושטאַנד פון שטענדיקער אומאויפהערלעכער פאַרענדערונג — פון אַנטשטיין און פאַרשווינדן. „אַלץ פליסט!" און אינם דאָזיקן פליסן, אינם דאָזיקן פּראָצעס פון ווערן איז נישטאָ גאָרנישט קיין שום איבערנאַטירלעכס, געהיימס, געטלעכס.

II

צוזאַמענבראָך פון דער לערע וועגן דער שכלדיקער צוועקמעסיקייט פון דער וועלט

צוקוקנדיק זיך צו די אונז אַרומרינגלדיקע נאַטור-דערשיינונגען, באַמערקן מיר, אַז אַלץ אַרום אונז בייט זיך, געפינט זיך אין צושטאַנד פון אומאויפהערלעכער באַוועגונג, איין דערשיינונג טרעט אָפּ דעם פּלאַץ אַ צווייטער. אויב ס'וואָלט ריכטיק געווען דער אויסגאַנג-פּונקט פון יעדער רעליגיע, אַז אין אַלע דערשיינונגען פון דער וועלט ווייזט זיך אַרויס דער פּערזענלעכער ווילן פון גאָט, אַז „אפילו אַ האָר פון קאָפּ פאַלט נישט אַראָפּ אָן גאָטס ווילן", וואָלט אין דידאָזיקע ענדערונגען, אינם דאָזיקן בייטן זיך פון די דערשיינונגען געהערשט אַ ווילקיר, ד. ה. אַלץ וואָלט אין זיי געווען כאַאָטיש, אָן אַן אָרדנונג. באמת איז אָבער נישט אַזוי: מיר באַמערקן אין זיי אַ שטענדיקע געבונדנקייט, אַ געוויסע „אָרדנונג", אַ געוויסע פּ אַ ר ב י נ ד ו נ ג און אָ פּ ה ע נ ג י ק יי ט, מיט איין וואָרט, אַ באַשטימטע רעגלמעסיקייט. אַזוי, למשל, אַנטדעקן מיר לייכט, אַז אַ שטיין, וואָס האָט נישט קיין שטיץ-פּונקט, פאַלט אַלעמאָל אַראָפּ, אַז מיטן העכערן די טעמפּעראַטור פון אַ זאַך פאַרגרעסערט זיך אומבאַדינגט איר גרויס, אַז אָן זון-ליכט וועלקן שטענדיק די געוויקסן א. א. וו. וואָס אויפמערקזאַמער און

ערנסטער מיר שטודירן די נאַטור, אַלץ קלאָרער און דייטלעכער ווערט, אַז אַלץ אין דער וועלט געפינט זיך אין אָפּהענגיקייט פון די פאָר-גייענדיקע דערשיינונגען, אַז אַלע געשעענישן קומען פאָר איינע נאָך דער אַנדערער, אַז אַלע נאַטור-דערשיינונגען זענען באַדינגט איינע דורך דער צווייטער.

דערפאַר איז עס, אַז אויב מיר ווילן דערקלערן וועלכע ס'איז דערשיינונג, מוזן מיר זיך שטענדיק שטעלן אַ פראַגע וועגן דעם, וואָס איז איר סבה, דורך וואָס איז זי באַדינגט, ד. ה. אונז קומט אויס צו זוכן אַ צווייטע דערשיינונג, פון וועלכער די ערשטע איז אָפּהענגיק. מיט אַנדערע ווערטער, פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דער וועלט הייסט אויפקלערן די קעגנזייטיקע באַציונג צווישן די דערשיינונגען, געפינען זייער קויזאַלע אָפּהענגיקייט, ד. ה. די נויטווענדיקייט, אומפאַרמיידלעכקייט. אַ שטענדיקע, אומעטום באַמערקלעכע אָפּהענגיקייט צווישן די נאַטור-דערשיינונגען אָדער. אַנדערש געזאָגט, אַ שטענדיקע און אומפאַרענדערלעכע רעגלמעסיקייט און אָרדנונג, לויט וועלכע דערשיינונגען קומען פאָר, הייסט אַ נאַטור-געזעץ. יעדער געזעץ דריקט זיך אויס אין אַ טעזיס: אויב ס'זענען דאָ אַזעלכע און אַזעלכע דערשיינונגען, וועלן אומבאַדינגט זיין אויך די זיי אַנטשפּרעכנדיקע אַנדערע דערשיינונגען, ד. ה. דיזעלביקע סבות רופן אַרויס דיזעלביקע פאָלגן.

אמת, אָפטמאָל איז די נאַטור-געזעצן גאָר נישט לייכט צו אַנטדעקן, ווייל וואָס קאָמפּליצירטער און פאַרוויקלטער עס זענען די שטודירטע דערשיינונגען, אַלץ שווערער איז אין זיי אויפצוכאַפּן אַ באַשטימטע רעגלמעסיקייט און אָרדנונג, אַ באַשטימטע קויזאַלע פאַרבינדונג און אָפּהענגיקייט. נאָר דער וויסנשאַפט איז נישט איין מאָל געלונגען אַנטדעקן אַ באַשטימטע אָרדנונג, געזעצמעסיקייט אין אַזעלכע דערשיינונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעדאַכט פאַר אינגאַנצן קאַפּריזנע, נישט-געבונדענע. צי קען דען, למשל, זיין אַ מער צופעליקע, קאַפּריזנע דערשיינונג, ווי דאָס וועטער? פונדעסטוועגן, איז אַפילו דאָ, סוף-כל-סוף, געפונען געוואָרן אַ באַשטימטע אָרדנונג, אַ באַשטימטע געזעצ-

מעסיקייט, אַזוי, אַז ס'האָט זיך געשאַפן אַ מעגלעכקייט *ריכטיק פאָרויסצוזאָגן* דאָס וועטער אויף אַ געוויסע צייט פאָרויס (אמת, ביז איצט טוט מען דאָס נאָר אויף עטלעכע טעג). אָבער אַזעלכע פאָרויסזעונגען וואָלטן דאָך געווען גענצלעך אוממעגלעך, ווען די וועלט וואָלט נישט געלעבט לויט באַשטימטע געזעצן, נאָר לויט גאָטס ווילן, „וואָס מען קען נישט דערגרונטעווען". הייסט עס, *די ווייסנשאַפט איז די דערקענטניש פון דער וועלט אין איר נאַטירלעכער, קויזאַלער פאַרבינדונג*, ד. ה. דאָס דערקלערן די נאַטור דורך דער נאַטור אַליין — אַזוי, אַז וועגן קיין שום איבערנאַטירלעכער זאַך קען קיין שום רייד נישט זיין.

באמת טאַקע, וואָס וואָלט געווען, ווען ס'וואָלט נישט געווען קיין נאַטור-געזעצן, ד. ה., ווען אַלע געשעענישן אין דער נאַטור וואָלטן פאָרגעקומען אָן שום אָרדנונג, אָן שום שטענדיקער קעגנזייטיקער פאַרבינדונג? דאַן וואָלטן די נאַטור-דערשיינונגען געווען אינגאַנצן כאַאָטיש און נישט נאָר ס'וואָלט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן קיין שום וויסנשאַפט, נאָר מיר וואָלטן נישט געקענט לעבן, עקזיסטירן. *אין יסוד פון אונזער גאַנצער לעבנס-פּראַקטיק ליגן דאָך די שטענדיקע קויזאַלע פאַרבינדונגען*, ד. ה., די נאַטור-געזעצן. אונזער גאַנצע באַוווסטזיניקע טעטיקייט באַשטייט אינעם איבערגאַנג פון אַ געוויסער קעגנוואַרט צו אַ געוויסער *פאָרויסגעזעענער* צוקונפט. אָבער פאָרויסזעען די צוקונפט קען מען נאָר ביי איין תנאי: אויב דידאָזיקע צוקונפט איז דורך סבות פאַרבונדן מיט דער קעגנוואַרט. אַנדערש געזאָגט, אונזער יעדע טעטיקייט האָט נאָר דאַן אַ זין, ווען מען טוט זי מיט אַ חשבון, אַז זי וועט ברענגען אַ פון פריער באַוווסטן רעזולטאַט; אָבער דערדאָזיקער חשבון, דידאָזיקע פאָרויסזעונג זענען מעגלעך נאָר דאַן, ווען מיר זענען זיכער, אַז די *נאַטור-געזעצן זענען שטענדיקע*, אומפאַרענדערלעכע, ווערן דורך גאָרנישט צעשטערט, ד. ה., אַז ס'זענען *נישטאָ קיין נסים*. הייסט עס, אונזער

עקזיסטענץ איז אַ צופּאַסונג צו אַ געוויסער אומפּאַרענדערלעכער אָרדנונג, צו אַ נאַטירלעכער נויטווענדיקייט: די גאַנצע מענטשלעכע פּראַקטיק באַזירט אויף דער געזעצמעסיקייט פון דער נאַטור, אויפן אָנערקענען אַ שטענדיקע קעגנזייטיקע פּאַרבינדונג פון די באַזונדערע געשעענישן און קערפּער צווישן זיך, אויפן נעגירן נסים.

אַזוי אַרום, קען נישט זיין קיין שום רייד וועגן דעם, אַז ווער ס'איז צעשטערט פון צייט צו צייט די נאַטור-געזעצן, פּאַרענדערט דעם געוויינלעכן „גאַנג פון די געשעענישן", ווענדט זיי לויט זיין איינזעען, מיט איין וואָרט, טוט ווונדער. *אַ נאַטור-געזעץ איז אַן אומפּאַרענדערלעכע אָרדנונג, אַ שטענדיקע פּאַרבינדונג פון געשעענישן אָדער אייגנשאַפטן פון די קערפּערס,* וואָס איז נאַטירלעך אייגן דער נאַטור. אַנדערש געזאָגט, *אַ נאַטור-געזעץ דריקט אויס די שטרענגסטע נאַטירלעכע נויטווענדיקייט.*

ווי מען זעט, באַשטייט די אויפגאַבע פון דער נאַטור-וויסנשאַפט אין אַנטדעקן אין דער נאַטור געזעצמעסיקייטן. סוף-כל-סוף איז אויף דעם געביט אויפגעטון געוואָרן אַזוי פיל, אַז גאָט, דער פּאַנטאַסטישער „הערשער פון דער וועלט", איז דערפירט געוואָרן ביז פולקאָמער מאַכטלאָזיקייט: ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז אַלץ קומט פאָר אַזוי, ווי ס'וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט קיין שום געטלעך ווען, קיין עלעמענט, וואָס געפינט זיך אויסער די חושים. דאָסדאָזיקע העכערע וועזן האָט פשוט נישט ווו זיך „אַהינצוטון" אין דער רעאַלער וועלט: *עס האָט דאָ נישט קיין פלאַץ, נישט וואס צו טון.* די געשיכטע פון דער וויסנשאַפט איז טאַקע זיין שטופנווייזע פאַרניכטונג. באמת טאַקע, ניוטאָן האָט אין XVIII יאָרהונדערט דערוויזן, אַז אַלע באַוועגונגען פון די הימלישע לייכטנדיקע קערפּערס ווערן געפירט נישט עפּעס דורך אַ הימלישן מעכאַניקער, נאָר זיי פליסן אומפאַרמיידלעך אַרויס פון די אייגנשאַפטן פון דער מאַטעריע, וואָס זענען אויסגעדריקט אינעם אַנטדעקטן דורך אים געזעץ פון גראַוויטאַציע-קראַפט. קאַנט און לאַפּלאַס (XVIII

יאָרהונדערט) האָבן געמאַכט דעם ווייטערדיקן אַטעיסטישן (אַפּיקורסישן) שריט, ווייזנדיק, אַז די ערד און די הימל-קערפּער זענען גאָר נישט באַשאַפן געוואָרן דורך גאָט, אַז זיי זענען אַנטשטאַנען פון דער מאַטעריע פון די אַזוי-גערופענע פאַרנעפּלונגען אונטער דער ווירקונג פון דער קראַפט פון אַלוועלטלעכער גראַוויטאַציע. דערנאָך זענען אַנטדעקט געוואָרן די געזעצן פון נישט פאַרלירן גיין פון דער מאַטעריע (לאַוואַזיע צום סוף פון XVIII יאָרהונדערט) און פון דער ענערגיע (מאיער אין דער ערשטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט*). וועלכע האָבן באַוויזן, אַז קיין שום איבער-וועלט-וועזן האָט נישט געקענט שאַפן די וועלט פון גאָרנישט, אַז די וועלט-געביידע איז אייביק, האָט נישט קיין אָנהייב אין דער צייט, ווייל די מאַטעריע און ענערגיע, וואָס בילדן מיט זיך דעם באַשטאַנד פון דער וועלט, זענען אייביקע, שטענדיקע. אַזוי אַרום, איז אויפן גרונט פון אַנטדעקן אַ רייע געזעצמעסיקייטן אין דער נאַטור, אויסגעקומען צו מאַכן דעם אויספיר, אַז אַלץ, וואָס ס'איז געשען, געשעט און וועט געשען, קומט פאָר נאַטירלעך, אַז די וועלט עקזיסטירט, האַלט זיך און ווערט געפירט פון זיך אַליין: זי ווייסט נישט פון קיין ווילקיר, קיין „פרעמדן איינפלוס"! נישט בחנם האָט לאַפּלאַס אויף נאַפּאָלעאָנס פראַגע: „פאַרוואָס איז אין אייער בוך „די הימל-מעכאַניק" קיין איין מאָל נישטאָ דער נאָמען פונם באַשעפער?, געענטפערט שטאָלץ: „אייער מאַיעסטעט, כ'האָב נישט געהאַט קיין נויטווענדיקייט אין אַזאַ היפּאָטעזע!"

אַלזאָ, די וויסנשאַפט זאָגט אונז קלאָר וועגן דעם, אַז גאָט ווייזט זיך מיט גאָרנישט אַרויס אין דער וועלט, וואָס רינגלט אונז אַרום.

---

*) די גערעכטיקייט פאָדערט צו באַמערקן, אַז די אַנטדעקונג פון די-דאָזיקע צוויי געזעצן, וואָס ווערט אין דער אייראָפּעישער וויסנשאַפט צוגעשריבן לאַוואַזיע און מאַיער, איז אין דער אַלגעמיינער פאָרם געמאַכט געוואָרן לאַנג פאַר זיי, נאָך אין מיטן פון XVIII יאָרהונדערט, דורכן געניאַלן רוסישן געלערטן, לאָמאָנאָסאָוו, נאָר זיינע ווערק זענען אין זיין צייט נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן און זענען פאַרגעסן געוואָרן. מען האָט זיי אַנטדעקט ערשט אין XX יאָרהונדערט.

ד. ה. ער פּאַסט זיך אינגאַנצן נישט אַריין אין דער געזעצמעסיקייט, באַדינגטקייט פון די דערשיינונגען: ווען ער וואָלט אפילו עקזיסטירט, וואָלט ער אין דער וועלט נישט געשפּילט קיין שום ראָל און וואָלט געווען אַ גאַנץ „מיזעראַבל" (נעבעכדיק), אומנויטיק וועזן. הייסט עס, די פאָרשטעלונג וועגן אַן איבערנאַטירלעכן טוער פאַלט אָפּ פּשוט צוליב איבערפליסיקייט, אומנויטיקייט. אָט פאַרוואָס ס'איז אין יסוד פון דער וויסנשאַפט אָוועקגעלייגט דער פּרינציפּ, אַז יעדע זאַך, יעדע דערשיינונג, יעדער לעבעדיק וועזן דאַרף ווערן דערקלערט אויפן יסוד פון די נאַטור-געזעצן, אַרויסגייענדיק פון נאַטירלעכע סבות. *די גאַנצע נאַטור דאַרף ווערן פאַרשטאַנען פון זיך אַליין!*

ווי-זשע דרייען זיך אַרויס פון דערדאָזיקער לאַגע די פאַרטיידיקער פון גאָט? די לעצטע צייט, אַרויסטרעטנדיק אויף דיספּוטן, נוצן זיי אויס די אַרגומענטאַציע פונם קריגערישן רעאַקציאָנער, דעם דייטשן טעאָלאָג דענזוערט*). זיי זאָגן פאָלגנדיקס:

דערפון, וואָס די מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע וועלט-אָנשויונג גייט אַרויס פונם פּרינציפּ פון געזעצמעסיקייט און דערקלערט די נאַטור-דערשיינונגען אָן דער הילף פון גאָט, איז גאָר פאַלש צו דרינגען, אַז ס'איז קיין גאָט נישטאָ. אויב מיר האָבן צוויי קריסטאַלן פון דערזעלבער פאָרם און מיר ווייסן, אַז איינער פון זיי האָט זיך זעלבשטענדיק געבילדעט אין דער נאַטור, איז דערפון נאָך גאָרנישט געדרונגען, אַז אויך דער צווייטער קריסטאַל האָט זיך אויך אויף אַזאַ נאַטירלעכן אופן געבילדעט: אויך אַ כעמיקער האָט דאָך אים געקענט מאַכן אין לאַבאָראַטאָריום, נאָר אויף אַ קינסטלעכן אופן. אויך אַ מוזיקאַלישע פּיעסע קען ווערן געשפּילט צוויפאַך: אָדער דורך אַ פידלער, אָדער מעכאַניש, דורך אַ שפּיל-שאַנק. דערבײַ קען דאָס שפּילן אין ביידע פאַלן זײַן אינגאַנצן גלייך, אַזוי אַז אַ מענטשן וועט לויטן שפּילן די פּיעסע שווער זײַן צו אורטיילן, צי דאָס ווערט געטון דורך אַ קינסטלער אָדער אַן

*) דענזוערט: „צי איז גאָט געשטאָרבן?"

אים. הייסט עס, אויב אפילו מען וואָלט אַנטדעקט, אַז די וועלט איז מעגלעך אָן גאָט, פאַרטייטשט עס נאָך נישט אויף זיכער דעם ווירקלעכן צושטאַנד פון דער זאַך אויף דער וועלט. דעריבער, אויב אַ מענטש זאָגט: „איך נויטיק מיך נישט אין גאָטס השגחה, כדי צו פאַרשטיין די וועלט-דערשיינונגען", קען מען קעגן דעם גאָרנישט זאָגן: דאָס איז אַ סוביעקטיווע זאַך, אַ ענין פון געשמאַק און אמונה.

אָבער דאָס איז נישט אינגאַנצן אַזוי. ווייל וואָס הייסט קינסטלעך באַקומען אַ קרישטאַל? דאָס הייסט, שאַפן אַזעלכע פיזיש-כעמישע באַדינגונגען, וועלכע זענען פאַראַן אין דער נאַטור און וועלכע ברענגען אומפאַרמיידלעך צו קריסטאַליזאַציע, ד. ה. ווירקן אויפן סמך פון די נאַטור-געזעצן, אַנטשפּרעכנדיק געוויסע אייגנשאַפטן פון דער מאַטעריע. קומט אויס, אַז אויב דער קריסטאַל, וואָס האָט זיך געשאַפן אויפן „נאַטירלעכן וועג" אונטערשיידט זיך נישט פון דעם קריסטאַל, וואָס איז אַנטשטאַנען אויף אַ „קינסטלעכן וועג", ד. ה. אין לאַבאָראַטאָריום פונם כעמיקער אָדער אין פאַבריק, טאָ דערקלערט זיך דאָס נאָר דערמיט, וואָס אין ביידע פאַלן טרעפן מיר זיך מיטן אַרויסווייזן זיך פון די זעלביקע נאַטור-געזעצן, מיט דער קעגנזייטיקער ווירקונג פון די זעלביקע אייגנשאַפטן פון דער מאַטעריע. דאָסזעלבע קומט אויס צו זאָגן אויך וועגן דער צווייטער אַנאַלאָגיע מיטן מוזיקאַלישן מאָטיוו, וואָס ווערט אויסגעפירט דורך אַ פידלער און דורך אַ שפּיל-שאַנק. דאָ איז אַלץ נאַטירלעך, אַלץ פליסט אַרויס פון די נאַטור-אייגנשאַפטן! יעדער געטלעכער אַקט אָבער איז, פּונקט פאַרקערט, איבערנאַטירלעך, נישט אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון דער נאַטור, ד. ה. ער שטייט איבער דער נאַטור. קומט אויס, אַז דענזעלבנס אַנאַלאָגיע מיט די פאַרשידענע אופנים פון אַרויסבאַקומען קריסטאַליזאַציע און מוזיק גיט אַבסאָלוט קיין שום גוטס נישט די פאַרטיידיקער פון דער רעליגיע, וואָס באַמיען זיך שלום צו מאַכן צווישן דעם פּרינציפּ פון געזעצמעסיקייט פון דער נאַטור מיט דער אידיי פון גאָט.

נאָר אויב אפילו די אַנאַלאָגיעס וואָלטן געווען געלונגענע, וואָס קענען זיי דען געבן די גייסטלעכע? זיי וואָלטן נישט

געווען קיין ראיות פאַר דער עקזיסטענץ פון גאָט, נאָר וואָלטן בלויז געשאַפן דעם איינדרוק, אַז די וויסנשאַפט איז נייטראַל אין דער פראַגע וועגן גאָט, אַז דערדאָזיקער פרינציפּ רעדט נישט לטובת דעם ריין-מאַטעריאַליסטישן פאַרשטיין די דערשיינונגען פון דער נאַטור און נישט לטובת אַ „גייסטיקער אָנפירונג" מיט זיי און אַז דאָס אָננעמען די עקזיסטענץ פון גאָט איז דעריבער אַ גלויבן-זאַך, *אַ זאַך פון פערזענלעכן געשמאַק.* אָבער דאָס הייסט דאָך, אין תוך גענומען אַזוי: אויב דו גלויבסט, איז דאָ אַ גאָט, אויב דו גלויבסט נישט אין גאָט, איז ער נישט דאָ... באַווייזט דען דאָס עפּעס, איז דען דאָס איבער-צייגנדיק?

איבעריקנס, די גייסטלעכע נעמען דאָך אָן, אַז מען קען אויפקלערן, צי די וועלט וועט זיין מער פאַרשטענדלעך אָן גאָט, צי מיט גאָט. אַזוי שרייבט, למשל, דענזערט: „אינעם מאָדערנעם וועלט-בילד זענען דאָ אַזעלכע שטריכן, וואָס זאָגן אונז מיט אַבסאָלוטער קלאָרקייט וועגן גאָט. למשל, די צוועקמעסיקייט. אויף דער וועלט איז אַלץ צוועקמעסיק, אַלץ שכלדיק, אַלץ קלוג. דידאָזיקע זייט פון דער וועלט איז צום בעסטן צו דער-קלערן נישט אָן גאָט נאָר מיט גאָט".

אַזוי האָט מען געקענט רעדן אין דער העלפט פון פאָ-ריקן יאָרהונדערט, אָבער נישט איצט, ווען מען קען זיך נישט אָפּווענדן פון דעם, וואָס ס'איז דערגרייכט געוואָרן דורך דער ביאָלאָגיע במשך די לעצטע זיבעציק יאָר, דאָס הייסט, אינגאַנצן פאַרמאַכן די אויגן אויפן *דאַרוויניזם.*

לאָמיר פאַנאַנדערקלייבן דידאָזיקע פראַגע גענוי, ווייל זי איז זייער אינטערעסאַנט און האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אונזער וועלט-אָנשויונג.

אין דער ערשטער העלפט פונם פאָריקן יאָרהונדערט האָט זיך אויפן געביט פון דער נאַטור-וויסנשאַפט געשאַפן אַ מאָדנע, סתירותפולע לאַגע. דאָס געזעץ וועגן קויזאַלער געזעצמעסיקייט האָט זיך דערוואָרבן אַ פולקאָמע הערשאַפט אין די וויסנשאַפטן וועגן דער נישט-באַלעבטער נאַטור, נאָר איז כמעט אינגאַנצן נישט נוגע געווען דער באַלעבטער נאַטור, ד. ה. די פאָרשטע-לונג וועגן דער אַריינמישונג פון אַן איבערנאַטירלעכער קראַפט

איז ענדגילטיק ארויסגעטריבן געוואָרן פונם געביט פון דער גײַסט-באַלעבטער נאַטור אָבער איז נאָך געבליבן אויפן געביט פון דער באַלעבטער: די ביאָלאָגיע איז נאָך געבליבן אַ „וווּנדער-לאַנד".

וואָס-זשע האָט געשטערט צו פאַרשפּרייטן דעם פּרינציפּ פון קויזאַליטעט, פון נאַטירלעכער געזעצמעסיקייט, דעמדאָזיקן גרונט פון אַטעיזם, אויך אויף די אָרגאַנישע וועלט? — די פולקאָמענקייט פון די אָרגאַנישע וועזנס.

און ווירקלעך, ביים באַאָבאַכטן די בעלי-חיים און געוויקסן, פאַרוווּנדערט אונז צום מערסטן זייער וווּנדערלעכע „פולקאָמענקייט", זייער פאַרוווּנדערלעכע צוגעפּאַסטקייט צו די אויסערלעכע עקזיסטענץ-באַדינגונגען, זייער אַזוי גערופענע „צוועקמעסיקייט". קוקט זיך צו, למשל, צו די ציין פון אַ טיגער, די אויגן פון אַן אָדלער, די פיס פון אַ הירש, די שטעכער פון אַ שטעכלער, די לאַפּעס פון אַ מוילוואָרף, די פלוספעדערן פון אַ פיש א. א. וו., איז דען נישט וווּנדערלעך דער געבוי פון די אַלע אָרגאַנען, וואָס זענען אַזוי גוט צוגעפּאַסט צו די פונקציעס, וועלכע זיי טוען? אָדער קוקט זיך צו צו די אינזעקטן: די וואָס דערנערן זיך מיט בלעטער, זענען גרין; די אַנדערע, וואָס עסן דאָס שאָלעכץ (די קאָרע) פון די ביימער זענען מיט גראָע פלעקן; ס'זענען דאָ אַזעלכע, וואָס דערמאָנען מיט דער פאָרם אַ פאַרטרוקנט צווייגעלע; מיט איין וואָרט, זיי האָבן אַ באַפאַרבונג אָדער פאָרם אין אָפּהענגיקייט פון דער סביבה, דעם מיליע, אין וועלכער זיי לעבן, כּדי דער שונא זאָל זיי נישט קענען זען. עס באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז פולקאָמענהייט איז דער דעוויז פון דער נאַטור: אַלץ געפינט זיך דאָ אויפן אָרט, אַלץ פירט נאָר צו איין זאַך — צום ווּילשטאַנד פונם לעבעדיקן וועזן. די אויגן זענען געגעבן געוואָרן דעם בעל-חי, כּדי ער זאָל זען, די בלומען עקזיסטירן, כּדי צו פרייען דאָס אויג, קעץ, כּדי צו פרעסן מייז, מייז, כּדי צו זיין געפרעסן דורך קעץ א. א. וו., מיט איין וואָרט, פונם ערשטן בליק דאַכט זיך אונז אויס, אַז אין דער נאַטור איז אַלץ „פאָרויסגעזען", אַז אַלץ זאָגט דאָרט עדות וועגן אַ „פאָרויס-באַשטימטער האַרמאָניע".

קיין וווּנדער נישט, וואָס דער געבוי פון לעבעדיקע וועזנס האָט זיך גערעכנט פאַר נישט דערקלערלעך בלויז אויפן יסוד פון נאַטור-געזעצן: אַלע זענען געווען זיכער, אַז די נאַטור אַליין וואָלט נישט געקענט אַזוי „קלוג" שאַפן די לעבעדיקע וועזנס, אַזוי „פאַרשטענדיק" זיי צופּאַסן צו די עקזיסטענץ-באַדינגונגען. אָט פאַרוואָס מען האָט אין דער „צוועקמעסיקייט" פון דער אָרגאַנישער וועלט, אין דער אַנטשפּרעכנדיקייט צווישן סביבה און פאָרם געזען אַ ספּעציעלע „האַנט" (גאָטס), די טעטיקייט פון אַ גרויסן איבערוועלטלעכן „שכל", אַן אַקט פון אַן אַלערקליגסטן „באַשעפער". צוזאַמען דערמיט האָט אין דער ביאָלאָגיע זיך גערעכנט פאַר מעגלעך צו דערקלערן די אייגנשאַפטן און דערשיינונגען פון דער אָרגאַנישער נאַטור נאָר פונם שטאַנדפּונקט פון זייערע צילן, אָבער נישט פונם שטאַנדפּונקט פון זייערע סבות. אַנדערש גערעדט, אין באַצוג צו דער בעלי-חיים- און געוויקסן-וועלט איז דער קויזאַליטעט-פּרינציפּ איבערגעדרייט געוואָרן קאַפּויר, ד. ה. די פראַגע „פאַרוואָס?" איז פאַרטוישט געוואָרן דורך דער פראַגע „צו-וואָס?"; דעם פאַרלויף פון אַ דערשיינונג האָט מען „דערקלערט" נישט דערמיט, וואָס איז געווען פאַר איר, נאָר דערמיט, וואָס „דאַרף" פון איר אַרויסקומען. דעם קויזאַלן*) שטאַנדפּונקט וועגן די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די ביאָלאָגישע דערשיינונגען איז קעגנגעשטעלט געוואָרן אַ צווייטער שטאַנדפּונקט, אַ „טעלעאָלאָגישער", אָדער צילמעסיקער (טעלאָס-ציל), וואָס גייט אַרויס פון דער צוועקמעסיקייט פון דערשיינונגען. לויט דעמדאָזיקן לעצטן שטאַנדפּונקט, פאַרווירקלעכט יעדע דערשיינונג, וואָס האָט אַן אָרט אין דער אָרגאַנישער נאַטור, די אָדער יענע צילמעסיקע „כוונה", פאַרשטייט זיך, אַז סוף-כּל-סוף האָט אַזאַ לאַגע געפירט דערצו, אַז דאָס קויזאַליטעט-געזעץ פלעגט אָפּגעוואָרפן ווערן, פלעגט פאַרביטן ווערן דורך דער טעלעאָלאָגיע, וועלכע באַהויפּטעט, אַז די וועלט אַנטוויקלט זיך לויט פאָרויסבאַשטימטע צילן.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ „אידיאַלישער קוק אויף דער נאַטור" איז די גאַנצע צייט אין די הענט פון די טעאָלאָגן און

*) פון לאַטיינישן וואָרט causa (קאַוזאַ — סבה) — איבערז.

זייערע וועלטלעכע אָנהענגער געווען אַ הויפּט-געווער אין זייער קאַמף מיטן אַטעיזם. אינם פאַקט פון עקזיסטענץ פון צוועקמעסיקע, פולקאָמע אָרגאַנישע פאָרמען זעען זיי דעם אין תוך וויכטיקסטן, „אָביעקטיוון“, אומבאַשטרייטלעכן *באַווייז* פון דער „עקזיסטענץ פון גאָט“ — אַ טעלעאָלאָגישן באַווייז. דערדאָזיקער „באַווייז“ לויטעט: אויב אַרום אונז הערשט נישט קיין כאַאָס און אומאָרדנונג, נאָר האַרמאָניע און פולקאָמענהייט, אויב די לעבעדיקע וועזנס זענען געבויט צוועקמעסיק, קלוג, קען די סבה דערפון זיין נאָר אַ ווונדערלעכער איבערוועלטלעכער באַשעפער — גאָט. אָט פאַרוואָס דער יונגער דידראָ, ווען ער איז נאָך נישט געווען קיין אַטעיסט, האָט געוואָרפן די באַפליגלטע פראַזע: „עס גענוגט אַ פליגעלע פון אַ פלאַטערל, כדי צוצעשטערן אַלע געביידעס פון די אַטעיסטן!“

אַפילו קאַנט, וואָס האָט, ווי ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן, בעהאַלטן, אַז די אַנטשטייונג פון די וועלטן קען מען אויסדריקן פון דער באַוועגונג פון די מאַטעריעלע אַטאָמען, זייער צוציונג און אָפּשטויסן, האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז בנוגע דער אָרגאַנישער נאַטור איז מעגלעך אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, חוץ אַ טעלעאָלאָגישן. ער האָט אַנטשידן באַהויפּטעט: „פאַר אַ מענטש וואָלט געווען אומזין צו קלערן אָדער צו האָפן, אַז מיט דער צייט וועט קומען אַ נייער ניוטאָן, וואָס וועט פאַר אונז מאַכן פאַרשטענדלעך די ציללאָזע אָפּשטאַמונג פון וועלכן ס׳איז גראָז-שטענגעלע אין הסכם מיט די נאַטור-געזעצן; דעמדאָזיקן געדאַנק דאַרף מען אַנטשידן אָרויסטרייבן פונם מענטשלעכן שכל“. מיט איין וואָרט, סיי ביי קאַנטן, סיי בכלל ביי אַלע נאַטור-פאָרשער ביז דער העלפט פונם פאָריקן יאָרהונדערט, האָט זיך געשאַפן אַ צוויישפּאַכע, *דואַליסטישע אַנשויונג וועגן דער נאַטור*: פאַר דער אומאָרגאַנישער נאַטור האָט מען אָנגענומען אַ קויזאַלע, נאַטירלעכע דערקלערונג און פאַר דער אָרגאַנישער נאַטור האָט מען זיך געווענדעט צו דער טעלעאָלאָגיע, צו דער אַריינמישונג פון איבערנאַטירלעכע כוחות, צו נסים, ד. ה. צו גאָט. דאָס האָט אָבער, אין תוך גענומען, באַדייט, אַז אין דער פיזיק, כעמיע א. א. וו. האָט מען דערלאָזט די פרייהייט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, און אין גע-

ביט פון שטודירן די אָרגאַנישע וועזנס האָט זיך געפאָדערט פיל מער בלינדער גלויבן אין דער ביבלישער דערציילונג*).

אַלזאָ, ביז אין דער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבן די געלערטע, פונקט ווי די טעאָלאָגן, גערעכנט, אַז אַלע דערשיינונגען פון דער אָרגאַנישער וועלט טראָגן אויסשליסלעך אַ צילמעסיקן כאַראַקטער, ווערן כאַראַקטעריזירט דורך זייער „שטרעבן צום ציל", זייער „פאָרויסבאַשטימטקייט" און האָבן געהאַלטן, אַז

---

*) באַזונדערס שטאַרק איז צו יענער צייט דידאַקטיק פאָזיציע פון פרומער נאַטורוויסנשאַפט פאַרטיידיקט געוואָרן אין דאַרווינס פאָטערלאַנד — אין ענגלאַנד. דער גלויבן אינעם אַבסאָלוטן בוכשטעבלעכן אמת פון אַלעם דעם, וואָס ס'איז אָנגעשריבן אין דער הייליקער שריפט איז דאָרט אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך אַלע מיטלען און איז בעווען אומדערשיטערט אין דער „געבילדעטער געזעלשאַפט". די גאַנצע ביאָלאָגישע און טיילווייז אפילו נישט-ביאָלאָגישע נאַטור איז דאָרט געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון „פיזיקאָ-טעאָלאָגיע", ד. ה. זי האָט זיך באַמיט אַרויסצוגיין פון טעאָלאָגיע מיטן ציל צוצוגעבן דער נאַטור-באַשרייבונג אַ כאַראַקטער פון לויב-געזאַנג פאַרן „באַשעפער פון דער וועלט". עס האָבן, למשל, עקזיסטירט ווערק וועגן „פיזישער טעאָלאָגיע" פון אינזעקטן, אין וועלכן מען האָט אויפן געניעסטן אופן אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז אין אַלע פרטים פונם געבוי פונם אָרגאַניזם פון די אינזעקטן און פון זייערע לעבנס-פונקציעס זעט זיך אַרויס די „חכמה און גוטסקייט פונם באַשעפער". פונקט אַזעלכע ווערק זענען געווען וועגן פיש, פייגלען און אַנדערע בעלי-חיים. און נאָך מער אפילו: ס'האָט עקזיסטירט אַ פיזיקאָ-טעאָלאָגיע פון ערד-ציטערנישן, ווולקאַן-אויסברוכן און אַנדערע שטורמישע נאַטור-דערשיינונגען! אין ענגלאַנד איז דידאַקטיק לערע פאַרשפרייט געווען אונטערן נאָמען „נאַטור-טעאָלאָגיע" און די וויכטיקסטע געלערטע האָבן זיך געפליסט איינער קעגן איבער דעם צוווייטן צו פאַרזיכערן, אַז די „נאַטור-טעאָלאָגיע" איז גאָרנישט אין ווידערשפרוך מיט דער „טעאָלאָגיע פון אַנטפּלעקונגען", ד. ה. מיט דער טעאָלאָגיע פון דער אָפיציעלער קירך. דערביי איז אינטערעסאַנט אָט וואָס: וואָס מער ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די דערשיינונגען פון דער אומאָרגאַנישער וועלט ווערן אַן אָביעקט פון דערקלערונג דורך שטרענגער און עקזאַקטער וויסנשאַפט, ד. ה. אַז זיי זענען אונטערגעוואָרפן באַשטימטע געזעצמעסיקייטן, אַלץ מער האָבן זיך פאַרשטאַרקט די פרוּוון צו באַגרענעצן דעם געביט פון אָרגאַנישע דערשיינונגען פונם אַריינרייסן זיך פונם פרינציפּ פון געזעצמעסיקייט מיטן ציל צו לאָזן אין קראַפט די אַלטע לערע פון דער טעאָלאָגיע.

די לעבעדיקע וועזנס געפינען זיך אין מינימאַלער אָפּהענגיקייט פון די אויסערלעכע באַדינגונגען. לויט דערדאָזיקער אָנשויונג זענען אַלע אָרגאַניזמען אַזעלכע, ווי זיי זענען, נישט, ווייל זיי לעבן אין אַזעלכע באַדינגונגען; פאַרקערט, זיי לעבן אין דידאָזיקע באַדינגונגען, ווייל זיי זענען אַזעלכע. מיט אַנדערע ווערטער, פונם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז יעדער מין לכתחילה באַשאַנקען געוואָרן מיט די אַלע פּרטים פון געבוי, וועלכע קענען אים זיין נוצלעך, כדי אָפּצוהיטן זיין לעבן אין די ראַמען פון דעם וווין-אָרט, וואָס איז אים באַשטימט. הייסט עס, אַז די כאַראַקטעריסטישע סימנים אינם געבוי פון דעם אָדער יענעם מין זענען אַזעלכע, ווייל זיי זענען געריכטעט אויף צו פאַרווירקלעכן באַשטימטע „שכלדיק-איינגעשטעלטע צילן". וואָס זשע זענען דאָס פאַר אַ צילן? דער לעצטער, העכסטער איז דער ווילזיין פון די באַשעפעניש (און אין פאַרבינדונג דערמיט — „גאָטס לויב" (תהלת ה') און דער וויכטיקסטער נאָנטסטער ציל איז — פאַרמערן זיך און פאַרזעצן דעם מין, לויטן געבאָט פון דער ביבל: „פרו ורבו ומלאו את הארץ" (פרוכפערט און פאַרמערט אייך און פילט אָן די ערד). פאַרשטייט זיך אָבער, אַז די אָרגאַניזמען אַליין האָבן נישט אָנגעצייכנט דעם וועג פון די דערשיינונגען פון דער אָרגאַנישער וועלט: זיי זענען בלויז דערפילער, אָבער נישט באַשטימער פון די צילן. ממילא קומט אויס, אַז מען מוז אָנערקענען די עקזיסטענץ פון אַ פאָרויסבאַשטימענדיקער און „ציל-שטעלנדיקער" סבה אָדער ווילן, ד. ה. פון אַ פאַרשטענדיק וועזן, וואָס איז נישט אידענטיש מיט דער אָרגאַנישער וועלט, וואָס שטייט איבער דער נאַטור, וואָס איז נישט אונטערגעוואָרפן די נאַטור-געזעצן, — פון אַ באַשעפער, אַ גאָט. אַזוי איז אויסגעקומען, אַז די נאַטור אַליין זאָגן עדות וועגן דער עקזיסטענץ פון גאָט, וועגן דער „געטלעכער השגחה"*).

*) איבריקנס, אייניקע וועלטלעכע אָנהענגער פונם קלער האָבן אונטער דער ווירקונג פון דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט, האָט שטיצט זיך אויפן פּרינציפּ פון געזעצמעסיקייט פון דער נאַטור געענדערט זייער טעלעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט אין דעם זין, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן דעם ציל נישט אויסער די דערשיינונגען, נאָר אין זיי גופא. דעם צוועקמעסיקן כאַראַקטער פון געבוי פונם

נאָר אַלץ האָט זיך געענדערט, ווען ס'איז געקומען דאַרווין: ער האָט ענדגילטיק צעשלאָגן דידאָזיקע אַלע פאָרשטעלונגען. ער האָט ענדגילטיק איינגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון געזעצמעסיקייט, אויסגעברייטערט דעם קויזאַליטעטס-פּרינציפּ אויך אויפן גאַנצן געביט פון דער באַלעבטער נאטור. ער האָט אויפגעוויזן, אז די אנטוויקלונג פון די אָרגאַניזמען, פּונקט, ווי יעדער פּראָצעס פון דער נישט-באלעבטער נאטור, גייט פאָר דורכויס געזעצמעסיק, אז אַלע פאָרמען פון די אָרגאַניזמען שטעלן מיט זיך פאָר א פּועל-יוצא פון א נאטירלעכער נויטווענדיקייט און אז בכלל אויפן גאנצן געביט פון דער אָרגאַנישער נאטור זעט זיך נישט ארויס קיין שום זאך פון וועלכן ס'איז געטלעכן עלעמענט. אזוי ארום האָט די ביאָלאָגיע אויך אויפגעהערט אויף אייביק צו זיין א „נחלה" פון דער גאָטהייט, און צוזאמען דערמיט איז אינגאנצן נישט געבליבן קיין אָרט מער פאר קיין „איבערוויסנשאפטלעכע" דערקלערונגען, פאר קיין רעליגיעזע קאָנצעפּציעס אין וועלכער ס'איז נאטור-וויסנשאפט: ס'איז פארענדיקט געוואָרן דער פּראָצעס פון אומבארחמנותדיקן ארויסטרייבן די גאָטהייט פונם געביט פון דער נאטור.

די גרויסע באדייטונג פון דארווינען באשטייט דערין, וואָס ער האָט דערלאנגט א פארניכטנדיקן קלאַפּ כלערליי קאָנצעפּציעס וועגן שכלדיקער צוועקמעסיקייט. און דאָס, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז אליין אויסגעוואָקסן — און האָט געלעבט אין א געזעלשאפט, וואָס איז געווען פולקאָם באהערשט דורך די אידייען פון פרומער נאטורוויסנשאפט, די אידייען פון טעאָלאָגיע אָדער פון פיזיקאָ-טעאָלאָגיע!

ארגאַניזם פון א בעל-חי אָדער געוויקס דערקלערן זיי אַלס אַן „אימאַנענטע צוועקמעסיקייט", וואָס איז אינערלעך אייגן דעמדאָזיקן אָרגאַניזם, ד. ה. זיי רעכענען, אז צוועקמעסיקייט איז א כאַראַקטעריסטישע אורשפּרינגלעכע אייגנשאפט פון לעבעדיקער מאַטעריע. נאָר פּרינציפּיעל ענדערט זיך דערפון די זאך נישט: דידאָזיקע „איידעלע" פאָרם פון טעאָלאָגיע בלייבט אַלץ איינס טעאָלאָגיע, וואָס רעכנט, אז די נאטור באווייזט די „חכמה פון דעם בורא".

קודם-כל האָט דאַרווין געשטעלט די פראַגע: צי איז די קאָנסטרוקציע פון די לעבעדיקע וועזנס באמת טאַקע אַזוי קלוג, האַרמאָניש און צוועקמעסיק, ווי ס'האָט זיך ביז איצט געדאַכט? צי זענען זיי טאַקע אַזוי פאַרפולקאָמט, אַז מען מוז אָננעמען די אַריינמישונג פון אַן איבערנאַטירלעכן שכל, פון אַ קלוגן בעל-השגחה אין דער באַלעבעטער נאַטור? אַלס ענטפער אויף דער-דאָזיקער פראַגע, האָט ער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אַ גאַנצע ריי דערשיטערנדיקע אומזיניקייטן און „פעלערן פון דער נאַטור", וואָס וואַרפן אום די לערע וועגן דער שכל-דיקער צוועקמעסיקייט פון דער נאַטור — די טעלעאָלאָגיע. לאָמיר דאָ ברענגען נאָר עטלעכע פון דידאָזיקע פאַקטן.

די אופנים פון צו שטאַנד ברענגען די לעבעדיקע וועזנס זענען נישט נאָר נישט צוועקמעסיק, נאָר פשוט אומזיניק: די נאַטור ברענגט אויף דער וועלט טויזנטער זוימען, עמבריאָנען, בכדי צו דערפירן צו פולער אַנטוויקלונג נאָר... איינצלנע! למשל, פון די פיר מיליאָן רויגעלעך,*) וועלכע אַ נקבה פון אַ שטאָקפיש וואַרפט אין פאַרלויף פונם יאָר, בלייבט לעבן און דערגרייכט אַ צושטאַנד פון רייפקייט אפשר בלויז איינס אָדער צוויי: די איבעריקע קומען אום. דעסגלייכן זענען זייער פיל געוויקסן אַזוי איינגעאָרדנט, אַז זיי גרייטן צו גאַנצע וואָלקנס בלומען-שטויב, כדי בלויז עטלעכע שטיק פון דידאָזיקע שטויבעלעך זאָלן אַריינטרעפן אויף דעם קניפּעלע פונם ווייבלעכן בלום און באַפרוכפּערן דאָס אייעלע (זוימענדל), וואָס איז אין אים אַנטהאַלטן. און אַזאַ אומפולקאָמענהייט זעען מיר נישט נאָר ביי די נידעריקערע בעלי-חיים אָדער געוויקסן, נאָר אויך ביי זיין מאַיעסטעט „אַליין" — ביים מענטש. נעמלעך, פון די בערך פיר הונדערט טויזנט אייעלעך (ווייבלעכע געשלעכטלעכע קעמערלעך), וואָס ווערן אויסגעאַרבעט דורך די אייער-שטאָקן פון אַ פרוי אין פאַרלויף פון איר לעבן*), ווערט רייף, טויגלעך

*) כדי זיך פאָרצושטעלן דידאָזיקע ציפער קאָנקרעט, דאַרף מען זיך דערמאָנען, אַז די אַלגעמיינע צאָל האָר אויפן קאָפּ איז ביז 80 טויזנט, הייסט

צים באפּרוכפּערן נ אָ ר א ט ו י ז נ ט ח ל ק, ד. ה. ארום פיר הונדערט שטיק און פון דערדאָזיקער צאָל ווערן באפּרוכפּערט און ווערן מענטשלעכע עמבריאָנען נאָר ע ט ל ע כ ע אייערלעך; די איבריקע גייען פארלוירן!

נאָך מער „פאַרשווענדעריש“ איז די נאַטור בנוגע די מענלעכע געשלעכטלעכע קעמערלעך, די ספּערמאַטאָזאָידן: כאָטש פאַר דער באַפּרוכפּערונג איז נויטיק נאָר איין ספּערמאַטאָזאָיד, פונדעסטוועגן ווערט ביי יעדער זוימען-עיאַקולאַציע*) אַרויסגעוואָרפן דורכשניטלעך אַרום דרייהונדערט מיליאָן ספּערמאַטאָזאָידן. דאָס באַדייט, אַז ביי יעדן געשלעכטלעכן אַקט פאַרנוצט יעדער מאַנספּערזאָן אַזוי פיל זוימען, וואָס וואָלטן געווען גענוג צו באַפּרוכפּערן אַלע געשלעכטלעך-רייפע, פעיקע באַפּרוכפּערט צו ווערן (אין עלטער פון 15 ביז 45 יאָר) פרויען פון אונזער פּלאַנעט! צי דערמאָנט אונז נישט אַזאַ אַ ב ס ו ר ד אַ ל ע „פ אַ ר ש ו ו ע נ ד ע ר י ש ק יי ט“ פ ו ן ד ע ר אָ ר ג אַ נ י ש ע ר נ אַ ט ו ר יענעם יעגער, וואָס וואָלט, כדי צו דערשיסן עפּעס אַ חיהלע געשאָסן אָן אַ שום אויסרעכענונג אין אַלע ריכטונגען הונדערטער מיליאָן מאָל? יעדנפאַלס, זאָגן דידאָזיקע פאַקטן וועגן דער אָפּוועזנהייט אין דער נאַטור פון יעטוועדן סימן פון געטלעכער „השגחה“. וואָלט גאָט באמת עקזיסטירט, צי וואָלט ער דערלאָזט אַזאַ מין א ו מ ז י ן, אַזאַ „נישט-עקאָנאָמישקייט“, אַזאַ אומצוועקמעסיקייט ביים אַרויסברענגען די לעבעדיקע וועזנס?!

דידאָזיקע אומצוועקמעסיקייט וואַרפט זיך באַזונדערס אין די אויגן, אויב מיר זאָלן זיך צוקוקן צו דער בינען-מלוכה. ווי באַוווּסט, זענען די אַזוי גערופענע דראָנען (מענלעכע בינען) — נויטיקע מיטגלידער פון יעדן בינשטאָק. אָבער אויף אויסצופירן זייער „באַשטימונג“, ד. ה. אויף צו באַפּרוכפּערן די בינען-מוטער איז גענוג — מאַקסימום צוויי-דריי דראָנען; זיי זענען

עס, אין די אייער-שטאָקן פון אַ פרוי איז אַנטהאַלטן פינף מאָל מער אייעלעך, ווי האָר אויפן קאָפּ, אַזוי, אַז די אייער-שטאָקן פון צוויי פרויען וואָלטן געווען גענוג, כדי צו באַפעלקערן אַזאַ גרויסע שטאָט, ווי פּאַריז, בּיים תנאי, אַז אַלע געשאַפענע אייעלעך זאָלן ווערן באַפּרוכפּערט.

*) אַרויסוואַרפן.

אָבער דאָ אין די הונדערטער. צי וואָס זשע דאַרף מען דידאָזיקע בחנמדיקע פּרעסערס, אויב מען קען זיך באַגיין אָן זיי? די אַרבעט-בינען, זעט אויס, ווי זיי וואָלטן דאָס פאַרשטאַנען, ווייל זיי טאָלערירן די דראָנען נאָר אַ געוויסע צייט: ווי נאָר די מוטער איז באַפּרוכפּערט, הויבן די אַרבעט-בינען אָן אויסצוהרגענען זייערע „נישט-אַרבעטנדיקע עלעמענטן“. נאָר אויב אַזוי קומט דאָך אויס, אַז די „באַשטימונג“ פון די דראָנען באַשטייט נאָר אין דעם, אַז זיי זאָלן אויסגעהרגעט ווערן דורך זייערע אַרבעט-שוועסטערן.

ווייטער איז אַ דערשלאָגנדיקער אבן-נגף פאַר דער טעלעאָלאָגיע די עקזיסטענץ פון די „אָרגאַנישע אומזיניקייטן“, ד. ה. פון אַזעלכע אייגנשאַפטן פונם געבוי און פון אַזעלכע געוווינהייטן פון די אָרגאַניזמען, וועלכע זענען נישט נאָר נישט נוצלעך, נאָר אָפט אפילו גאָר שעדלעך פאַר זיי אַליין.

אויב זיך צוקוקן צום עמבריאָן פון אַ מענטש, קען מען אין באַשטימטע סטאַדיעס פון זיין אַנטוויקלונג באַמערקן זשאַבערעס-שפּאַרעס, ווי ביי א פיש, אַ לאַנגן עק און א געדיכטן האָר-צודעק, ווי ביי חיות. אָבער אין דערוואַקסענעם צושטאַנד און אפילו תיכף נאָכן געבוירן האָט דאָך דאָס אַלץ נישט דער מענטש. און דאָסזעלבע זעען מיר נישט נאָר ביי א מענטש, נאָר אויך ביי חיות: למשל, אין עמבריאָן-צושטאַנד האָט דער וואַלפיש ציין, אין דער צייט, וואָס ער ווערט געבוירן אָן ציין און בלייבט אָן זיי זיין גאַנץ לעבן. דעסגלייכן וואַקסן אויס ביי דער רויפּע פון דעם אָל-פיש, וואָס פאַרשאַפט זיך נישט זעלבשטענדיק קיין שפּייז, גרויסע ציין, וועלכע פאַלן אַרויס, ווען די רויפּעס פאַרוואַנדלען זיך אין יונגע אָל-פיש, אַזוי, אַז דידאָזיקע ציין זענען גענצלעך צוועקלאָז. פרעגט זיך, צו וואָס איז דאָס בכלל נויטיק אַלץ, אויב אין די אָרגאַניזמען איז אַלץ אין דער העכסטער מאָס פולקאָם?

איינער פון די סאַמע פולקאָמענסטע, צוועקמעסיק-„וווּנדערלעך“-געבויטע אָרגאַנען דאַכט זיך אויס צו זיין דאָס מענטשלעכע אויג. דערווייל אָבער איז איינער פון די גרעסטע פאָרשער פונם אויג, דער דערפינדער פונם אַזוי-גערופענעם אָפּטאַלמאָסקאָפּ, אָדער אויג-שפּיגל, וואָס דינט צום שטודירן דאָס

אינערלעכע פונם דאָזיקן אָרגאַן, געווען פולשטענדיק געראַכט, ווען ער האָט דערקלערט: „אויב אַן אַפּטייקער וואָלט מיר געוואָלט פאַרקויפן אַן אינסטרומענט, אין וועלכן ס'וואָלטן געווען אַזעלכע פעלערן, ווי ס'האָט דאָס אויג, וואָלט איך מיך געהאַלטן פאַר באַרעכטיקט אים אין די שאַרפסטע ווערטער אויסצודריקן מיין טאַדלען פאַר אַזאַ נאַכלעסיקע אַרבעט און אומקערן אים דעם אינסטרומענט מיט פּראָטעסט".

אין דער אינערלעכער קאָנסטרוקציע פון אונזער קערפּער איז דאָ נישט ווייניק אומפולקאָמענהייטן, נישט ווייניק אומזינען, „אָרגאַנישע פעלערן", דיסהאַרמאָניעס, וועלכע, ווי ס'האָט באַוויזן אונזער גרויסער געלערנטער, מעטשניקאָוו, פאַרקירצן באַדייטנדיק אונזער לעבן, זענען אַ סבה פון פיל פון אונזערע קראַנקהייטן און פונם טויט. ספּעציעל מוז מען אָנווייזן אויף די רודימענטן, ד. ה. אויף די אָרגאַנען, וואָס טויגן צו גאָרנישט און זענען אַפילו שעדלעך, בולט-דיסהאַרמאָניש.

למשל, אין אונזער קישקעס-רער, דאָרט, ווו די דינע קישקע גייט איבער אין די גראָבע, בילדעט די לעצטע אַ באַדייטנדיקע פאַרברייטונג, וועלכע הייסט די בלינדע קישקע און פון דער בלינדער קישקע צווייגט זיך אָפּ אַ דינער אויסוווּקס אין פאָרם פון אַ וואָרם אונטערן נאָמען אַפּענדיקס. דערדאָזיקער אויסוווּקס איז גאָרנישט נויטיק דעם מענטש און דער מענטש קען זייער גוט לעבן אָן אים. נאָך מער אפילו, דער אַפּענדיקס איז זייער שעדלעך פאַרן מענטש, ווייל אָפטמאָל פאַלט דאָרט אַריין שפּייז און פוילט, אַרויסרופנדיק שווערע קראַנקהייטן, וועלכע פאָדערן, אַז מען זאָל דעם אַפּענדיקס אויסשניידן. דאָסזעלבע מוז מען זאָגן אויך וועגן די „קלוגע ציין": זיי זענען לחלוטין אומנוצלעך פאַרן מענטש, ווייל זיי זיצן אַזוי טיף אינעם מויל, אין דעם הינטערשטן טייל פון קינבאַק, אַז מען קען מיט זיי נישט קייען; דערצו שניידן זיי זיך אויס זייער שפּעט און זענען בלויז אַ סבה פון ציינווייטיק. אַזוי, אַז ס'איז זיי בעסער רעכטצייטיק אַרויסצונעמען. אין דער צאָל נוצלאָזע אָדער צוועקלאָזע און אָפּט אפילו שעדלעכע אָרגאַנען קען מען אויך אַריינרעכענען

די מענלעכע מילך-דריזן, די אויער-מוסקולן, דאָס דריטע אויג-לעדל א. א. וו.

ווייזט זיך אַרויס, אַז, לויטן חשבון פונם באַוווּסטן אַנאַ-טאָם ווינדערסהיים, ציילן זיך אַן אַזעלכע אומנוצי-טיקע, איבריקע אָרגאַנען ביי אַ מענטש נישט ווייניק — איבער הונדערט! נישט ווילנדיק שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס-זשע האָט די נאַטור, אויב זי ווערט געפירט דורך אַן איבערקלוג וועזן, דורך אַ מעכטיקן ווילן, נישט געזעען אָפּצורוימען דאָס אַלץ פון דער „קרוין פון דער שאַפונג?"

נו, און וואָס זאָל מען זאָגן וועגן כל-המינים פאַרקריפּ-לונגען? ס'זענען, למשל, באַוווּסט הונדערטער פאַלן, ווען ביי פרויען איז געווען אַ גאַנצער צענטליק איבריקע ברוסט-וואָרצלען; אויך אַזאַ דערשיינונג, ווי הערמאַפראָדיטיזם, ד. ה. דאָפּלט-געשלעכטלעכקייט, דאָס פאַרייניקן מענלעכע און ווייבלעכע עלעמענטן אין איין פּערזאָן, טרעפט זיך בכלל גאַנץ אָפט. צי קען דאָס זאָגן לטובת דער צוועקמעסיקייט, האַרמאָנישקייט אין די אַקטן פון דער נאַטור?

פונקט אַזעלכע אומגאַרמאַלקייטן טרעפן מיר אויך אין דער בעלי-חיים-וועלט. למשל, ס'איז דאָ פיל פייגלען און אינזעקטן, וואָס פליען גאָרנישט און פאַרמאָגן פונדעסטוועגן פליגל! דער-ווייל זענען דידאָזיקע פליגל פאַר דידאָזיקע וועזנס אַן אומ-נוצלעכער באַשווערנדיקער באַלאַסט, וואָס שטערט זיי זיך פריי צו באַוועגן.

ווייטער קען מען ברענגען אַ רייע פאַלן, ווען די פּראָ-פּאָרציע פון די טיילן פונם קערפּער איז פאַרניכטנדיק פאַרן לעבן. למשל, ביי טייל חיות, וואָס האָבן געלעבט אין פאַרגאַנגענע געאָלאָגישע עפּאָכן (למשל, ביי טריצעראַטאָקס), איז דער קאָפּ געווען צו שווער פאַרן קערפּער, און דערפאַר איז דערדאָזיקער בעל-חי שנעל אויסגעשטאָרבן.

לאָמיר, ענדלעך, אָנווייזן, אויף שלעכטע נטיות, וואָס זענען פאַרניכטנדיק פאַר די חיות אַליין, למשל, דאָס טויט-ברענגנדיקע פליען אויף פייער ביי פלאַטער-לעך. פונקט אַזאַ שלעכטע נטיה זענען אויך די יטשלעכטלעכע

פּערוועריזעס, דאָס אויפעסן די קינדער דורך פּיל ווייבּלעכע אונזערע הויז-חיות (למשל, אַ קיניגל א. א. וו.) נאָר באַזונדערס שווער איז אין דעם זין די לאַגע פון די בינען און וועספּעס, וועמענס גיפט איז פאַר זיי אַ געווער פון זעלבּסטפאַרטיידיקונג; דאָס איז דאָך באמת אַ פאַרעטערישע געווער, ווייל אַרויסנעמענדיק איר בייס-מויל פונם קערפּער פון שונא, טוט זיך די בין אָדער וועספּע כמעט שטענדיק אַ זער שווערן שאָדן, וואָס ברענגט מיט זיך דעם טויט!

ס'איז זיך, אַלזאָ, שטאַרק טועה דער וואָס קלערט, אַז יעדער אָרגאַניזם איז אויפן בעסטן אופן צוגעפּאַסט צו דער אַרומרינגלענדיקער סביבה און אַז אין דער נאַטור איז אַלץ איינגעאָרדנט קלוג, אידיליש. אויב די אויסערלעכע „פּאַראַד"-זייט פונם לעבן זאָגט מכלומרשט אַזוי ווי עדות וועגן פולקאָמענקייט, באַקומט זיך אָבער גאָר עפּעס אַנדערש, אויב מען קוקט זיך צו צו דער אינערלעכער זייט, צום „תוך", צו דער „צווייטער זייט מעדאַל". דאַן ווערט קלאָר, אַז פולקאָמענקייט איז זייער און זייער אַ רעלאַטיווע זאַך, אַז קיין אָרדנונג, האַרמאָניע, שכלדיקע צוועקמעסיקייט, „גאָטס גוטסקייט" זעען מיר נישט אין דער אָרגאַנישער וועלט, ווייל זי עקזיסטירט נישט.

כדי זיך ענדגילטיק איבערצוצייגן, איז גענוג כאָטש אויבערפלעכלעך אַ קוק צו טון אויף דעם בילד פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אויף וועלכן ס'האָט אָנגעוויזן דאַרווין און וואָס קומט אַרום אונז פאָר אומאויפהערלעך און אויף יעדן שריט.

גיט, למשל, אַ קוק אויף וועלכן ס'איז וואַלד: ווי דין, נעבעכדיק און מיזעראַבּל עס זענען אַ טייל בוימער און ווי מעכטיק, שטאַרק און הויך די אַנדערע! פון וואָס איז דאָס? טייל בוימלעך האָבן צוליב וועלכע ס'איז סבּות אָנגעהויבן צו וואַקסן שנעלער ווי אַנדערע און דערפאַר האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן פאַר שטאַרקער און זענען איבערגעוואָקסן די ווייניקער פלינקע: זיי האָבן פאַר זיי פאַרדעקט די זון, האָבן פון דעם באָדן פאַרכאַפּט מער פייכטקייט און זאַלצן, האָבן זיי אַרויסגעשטויסן. און אין דער בעלי-חיים-וועלט? דאָרט גייט אָן אַ כסדרדיקער אכזריותדיקער קאַמף פאַר לעבן, פאַר שפּייז און

רוים, פאַר אַן אָרט אונטער דער זון. נאָר היות די צאָל פרייע ערטער איז אין דער גרויסער ווירטשאַפט פון דער נאַטור באַגרענעצט, גייען פאַרלוירן הונדערטער, טויזנטער און אַפילו מיליאָנען אויף יעדן איינעם אָרגאַניזם, וואָס בלייבט לעבן. טייל מינים בעלי-חיים עקזיסטירן אויפן חשבון פון אַנדערע, טייל געוויקסן שטויסן אַרויס אַנדערע.

דאַרווין שרייבט: „די נאַטור זעט זיך אונז אויס טריומפירנדיק; מיר זעען אָפט אַן איבערפלוס פון שפייז; מיר זעען נישט אָדער פאַרגעסן, אַז די פייגלען, וואָס זינגען זאָרגלאָז אַרום אונז, דערנערן זיך מערסטנס מיט אינזעקטן און זוימען און פאַרניכטן אַזוי אַרום לעבן; מיר פאַרגעסן, אַז דידאָזיקע זינגער אָדער זייערע אייער, ווערן, פון זייער זייט, אויפגעפרעסן דורך רויב-פייגל און חיות; מיר נעמען נישט שטענדיק אין אַכט, אַז אויב אין אַ געוויסן מאָמענט איז דאָ שפייז אין איבערפלוס, קען מען דאָס אָבער נישט זאָגן וועגן יעדן יאָר און וועגן יעדער יאָר-צייט“*).

דאָסזעלבע לעזן מיר ביים צווייטן שעפער פון דאַרוויניזם—ביי וואָלאַס: „ס'קען זיין – זאָגט ער – אַז אין דער נאַטור איז נישטאָ קיין צווייטע דערשיינונג, וואָס זאָל אין דערזעלבער צייט זיין אַזוי באַדייטונגפול, אַזוי אַלגעמיין און אַזוי ווייניק פאַרשטענדלעך, ווי דער כסדר פאָרקומענדיקער קאַמף פאַר עקזיסטענץ צווישן די אָרגאַניזמען. פאַר דעם גרעסטן טייל פערזאַנען שטעלט זיך די נאַטור פאָר אַ רויקע, האַרמאָנישע און פרידלעכע; זיי זעען פייגלען, וואָס זינגען אויף די ביימער, אינזעקטן, וואָס פליען איבער בלומען, אַ וויעוועריקע, וואָס קריכט אויף די ביימער-שפיצן און אַלע לעבעדיקע וועזנס זעען זיי געזונטע, שטאַרקע, באַהערשטע דורך דער פרייד פון גליקלעכער עקזיסטענץ. נאָר זיי זעען נישט, קלערן קוים וועגן ס'איז וועגן דעם, ווי אַזוי דידאָזיקע שיינהייט, האַרמאָניע און פאַרגעניגן ווערן דערגרייכט. זיי זעען נישט די כסדרדיקע טאָג-טעגלעכע זוכענישן פון שפייז, דער מאַנגל פון וועלכער עס

*) דאַרווין: „די אָפּשטאַמונג פון די מינים“.

ברענגט קראַנקהייט אָדער טויט, זיי זעען נישט די כּסדרדיקע אָנשטרענגונגען אויסצומיידן דעם שונא, דעם כּסדר באַנייטן קאַמף מיט די „נאַטור-כּוחות"*).

יאָ, דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ ווערט געפירט און קען נישט נישט געפירט ווערן, ווייל אין דער נאַטור איז דאָ ווייניק שפּייז, ווי ס'איז דאָ ווייניק רוים און אַנדערע לעבנס-נויטיקע מיטלען און באַדינגונגען פון עקזיסטענץ: פאַר אַלעמען סטייעט נישט, אָרגאַניזמען ווערן דאָך געבוירן זייער פיל, פיל מער, ווי דאָס איז נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פונם מין: ווען כאָטש איין אָרגאַניזם, וואָס געהערט צו וועלכן ס'איז מין בעלי-חיים אָדער געוויקסן וואָלט געלונגען אומגעשטערט אַרויסצוברענגען זיינע נאָכקומער און ווען דידאָזיקע נאָכקומער וואָלט אויך געלונגען בלייבן לעבן און פון זייער זייט ברענגען אויף דער וועלט נאָכקומער, וואָלט אין אַ בערך קורצער צייט אויף אונזער פּלאַנעט נישט געקלעקט קיין אָרט פאַר אַלע נאָכקומער פון דעמדאָזיקן בעל-חי אָדער געוויקס. אויפן ביישפּיל פון שטער איז דאָס זייער לייכט צו באַווייזן. דערדאָזיקער פיש, וואָס לעבט ביז 50 יאָר און וואַרפט יערלעך ביז 50 מיליאָן רויגעלעך, לאָזט איבער במשך זיין לעבן הונדערט מיליאָן רויגעלעך. אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז דידאָזיקע אַלע רויגעלעך זאָלן בלייבן לעבן און זיך פאַרוואַנדלען אין פיש און אַז די הונדערט מיליאָן נאָכקומער וועלן ווייטער אויך אַזוי לעבן און מערן זיך און יעדער וועט געבן אויך צו הונדערט מיליאָן א. א. וו. וואָס וואָלט דאַן אַרויסגעקומען? ס'איז קלאָר, אַז זייער שנעל וואָלטן די שטערן פאַרפולט אַלע וואַסערן און זיי וואָלטן נישט געלאָזט קיין פּלאַץ נישט נאָר פאַר אַנדערע מינים פיש, נאָר אַפילו פאַר זייער אייגענעם מין**). אָבער, דאָך, באַמערקט

*) וואָללעס: „דאַרוויניזם".

**) דאָס איז שייך אויך צו יענע בעלי-חיים אָדער געוויקסן, וועלכע פאַרמערן זיך זייער לאַנגזאַם. פאַר אַזאַ זייער אומפּרוכטבאַרן בעל-חי האַלט דאַרווין, למשל, אַ העלפאַנט, וועלכער פאַרמערט זיך אינם עלטער פון 30 ביז 90 יאָר און ברענגט אויף דער וועלט נישט מער, ווי דריי פאַר קינדער. און דאָך, ווען די אַלע קינדער וואָלטן לעבן געבליבן און זיך געמערט אין זייער צייט, וואָלט נאָך 500 יאָר פון איין פאָר העלפאַנטן געבליבן 15 מיליאָן שטיק נאָכקומער.

זיך נישט אַזאַ זאַך. קומט, אַלזאָ, אויס, מודה צו זיין, אַז ווייט נישט אַלע אָרגאַנישע וועזנס דערגרייכן דעם צושטאַנד פון ריים־קייט, ווען זיי זענען פעיק צו ברענגען אויף דער וועלט נייע באַכקומער. די ריזיקע מערהייט פון זיי קומט אום, ווייל צוליב יעדן שטיקל שפייז, רוים א. א. וו. קומט פאָר אַ פאַרצווייפלטער קאַמף, אַ טויט־קאַמף. אַלזאָ, טרעט יעדער לעבעדיק וועזן אַריין אין לעבן איבער די טויטע קערפערס פון טויזנטער און מיליאָנען ענלעכע צו אים. און וויפיל לעבנס גייען אונטער אונטער דער ווירקונג פון אומגינסטיקע באַדינגונגען פונם אויסערלעכן מיליע, ד. ה. אונטערן דרוק פון שלעכטן וועטער, שטורמען, טריקענישן, פרעסט א. א. וו.

הייסט עס, שווער, זייער שווער קומט אָן יעדן גרעזעלע, יעדן פיצעלע חיהלע זייער רעכט אויף זעלבסטפאַרהיטונג און פאַרמערונג. אויף יעדן שריט זענען דאָ טויזנטער שטעכיקע ־ערנער, אַ מאַסע שטערונגען, ליידן, אומגליקן און נויט. אומע־טום, וווּ ס׳קען נאָר דערגרייכן אונזער בליק — אינם געדיכטן גרינעם וואַלד, אין דער אומענדלעכער זיידענער גלייכקייט פון די סטעפעס און לאָנקעס, אין דער רויקער בלויקייט פון די וואַסערן, אין די אויבערשטע שיכטן פונם באָדן א. א. וו. — אומעטום זעען מיר פאַקטן, וואָס זאָגן אונז אין איין קול, אַז דאָס לעבן איז אַן אומאויפהערלעכער פסדרדיקער קאַמף פון לעבעדיקע וועזנס צווישן זיך און מיט דער אַרומיקער האַרצ־לאָזער נאַטור, ביי וועלכן און צוליב וועלכן קאַמף מיליאָנען וועזנס קומען אום יעדע שעה, יעדע מינוט. מיט איין וואָרט, די פעיקייט זיך צו מערן — דער קוואַל פונם לעבן — איז צוערשט אַ קוואַל פון קאַמף און דערנאָך אויך פון טויט.

נאָר אויב ס׳איז זיך אַזוי שווער צו פאַרזאָרגן כאָטש מיט אַ קליין ווינקעלע אויף דער סעודה פון לעבן, אויב „ס׳איז דאָ אַ סך גערופענע, נאָר ווייניק אויסדערוויילטע”, קורץ, אויב אין דער נאַטור ווערט דאָס לעבן פון אייניקע וועזנס געקויפט פאַרן פרייז פון אונטערגאַנג

פון אַנדערע, טאָ ווי קען מען רעדן וועגן שכלדיק-צוועקמעסיקע, שכלדיק-פּאָרויסבאַשטימטע טאַטן פון דער נאַטור? מיט איין וואָרט, די אָרגאַנישע נאַטור שטעלט ויך אונז פאָר גאָרנישט אין אַזאַ העל ליכט, ווי דאָס האָבן געפּרוּווט און פּרוּוון טון די אָנהענגער פון דער לערע וועגן דער „פּאָרויס-באַשטימטער האַרמאָניע". הייסט עס, אַלזאָ, אַז קיין „אומלעזבאַרע" אויפגאַבע, אָדער „וועלט-רעטעניש" וועגן דער שכלדיקער צוועקמעסיקייט פון דער וועלט איז באמת נישטאָ: וועגן דער אַבסאָלוטער פולקאָמענהייט פון די בעלי-חיים און געוויקסן, וועגן זייער אומבאַדינגטער צוועקמעסיקייט איז נישטאָ וואָס צו רעדן.

נאָר ס'איז דאָ אַ צווייטע אויפגאַבע, זייער אַ וויכטיקע און אינטערעסאַנטע: אויפצוקלערן יענע רעלאַטיווע, באַדינגטע, גרעסערע אָדער קלענערע צוועקמעסיקייט, וועלכע איז, אָן ספק, פאַראַן אינם געבוי פון די אָרגאַניזמען. פון די פאַקטן פון אומנוצלעכן און שעדלעכן אין דער אָרגאַנישער נאַטור דרינגט גאָרנישט אַרויס, אַז מיר דאַרפן פאַרלייקענען דאָס פאַראַנען זיין אויך פון צוועקמעסיקע מאָמענטן אינם געבוי פון די אָרגאַניזמען, ווייל אַזאַ פאַרלייקענען וואָלט נישט אַנטשפּראָכן דער ווירקלעכקייט. דערפון איז בלויז געדרונגען, אַז דעם באַגריף פון צוועקמעסיקייט מוז מען שטאַרק באַגרענעצן. דערפון דרינגט אַרויס די אויפגאַבע — דערקלערן דעמדאָזיקן מין צוועקמעסיקייט. דורך דער לערע פון דאַרווינען וועגן נאַטירלעכן אָפּקלייב ווערט דידאָזיקע אויפגאַבע געלייזט וווּנדערלעך איינפאַך און פאַרשטענדלעך.

ווי מיר האָבן שוין בקיצור אָנגעוויזן, לויטעט דאַרווינס ענטפער: אין דער נאַטור קומט פאָר אַן אייביקער קאַמף פאַרן לעבן; דערביי צייכנט זיך אויס די גאַנצע פאַרשידנאַרטיקע וועלט פון בעלי-חיים און געוויקסן מיט צוגעפּאַסטקייט און „פולקאָמענקייט" פון די פאָרמען נאָר דערפאַר, ווייל אַלץ, וואָס ס'איז געווען אומפולקאָם האָט נישט אויסגעהאַלטן דעמדאָזיקן קאַמף פאַר עקזיסטענץ און איז אומגעקומען. ס'איז דאָך פולשטענדיק קלאָר, אַז אַלץ „וואָס בלייבט לעבן און עקזיסטירן,

דאַרף זיין פעיק צו לעבן און פאַרהיטן זיך, ד. ה. לאַנג איינצוהאַלטן זיין עקזיסטענץ און פאַרמערן זיך קענען נאָר אַזעלכע אָרגאַניזמען, וואָס זענען בעסער ווי אַנדערע צוגעפאַסט צו די לעבנס-באַדינגונגען, וואָס זענען מער אָדער מינדער „צוועקמעסיק" געבויט: די אומטויגלעכע און אומגעלונגענע וועזנס גייען אונטער פריער אָדער שפעטער. אויב אין וועלכן ס'איז אָרגאַניזם וועט זיך געפינען כאָטש איין, כאָטש אַ קליינער איבערגעוויכט לגבי די אַנדערע קאָנקורענטן, אויב אין אים וועט זיך אַרויסווייזן כאָטש איין נישטיקער שטריך, וואָס מאַכט אים מער לעבנספעיק ביי די געגעבענע באַדינגונגען, וועט ער זיין אַזוי ווי אַן אויסדערוויילטער פון דער נאַטור — ער וועט לעבן בלייבן אינם העפטיקן קאַמף אויף לעבן און טויט, דער זיג וועט זיין אויף זיין זייט. זאָל זיך דערדאָזיקער איבערגעוויכט אויסדריקן, למשל, אין דער פאָרם פון אַ מעגלעכקייט גיכער זיך פאַרבאַהאַלטן פאַרן שונא, אָדער אין דער פאָרם פון וועלכן ס'איז אָרגאַן, וואָס דערלייכטערט אים צו דעראָבערן שפייז, אָדער אין דער פאָרם פון אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָס גיבן אים אַ מעגלעכקייט לייכטער צו פאַרטראָגן די אויסערלעכע אומגינסטיקע באַדינגונגען (קעלט, היץ, פייכטקייט א. א. וו.) — די אייגנטימער פון אַזעלכע מעלות וועלן אַ סך עפטער לעבן בלייבן אינם שווערן קאַמף פאַרן לעבן, ווי זייערע קאָנקורענטן. פיל פון דידאָזיקע „גליקלעכע" גיבן איבער זייערע נוצלעכע אייגנשאַפטן לויטן ירושה-געזעץ זייערע נאָכקומער און צווישן די נאָכקומער וועט ווידער האָבן אַן אָרט דער סטיכישער אָפקלייב, ד. ה. אינם לעבנס-קאַמף וועלן אויסהאַלטן ווידער די יעניקע, וועלכע וועלן אויפן יסוד פונם פאַרענדערלעכקייט-געזעץ זיך אַרויסווייזן אַלס אייגנטימער פון וועלכן ס'איז איבערגעוויכט, אין דער ערשטער רייע די, ביי וועלכע די באַקומענע בירושה פון די עלטערן אייגנשאַפטן וועלן זיין באַזונדערס שטאַרק אַנטוויקלט, אין רעזולטאַט קומט פאָר אַן אָנזאַמלונג פון נוצלעכע פאַרן אָרגאַניזם אייגנשאַפטן; דערביי פירט דערדאָזיקער פראָצעס צו אַ שטופנווייזער פאַרענדערונג, נעמלעך, צו אַ פאַרפולקאָמונג פון די מינים.

עטלעכעביישפּילן פונם נאַטירלעכן אָפּקלייב וועקן אָנשוי־לעך פאַרטייטשן דעמדאָזיקן פּראָצעס.

ווי באַוווּסט, איז דאָס פעלכל פון אַ האָז באַדעקט מיט האָר פון דריי פאַרבן: געל־ברוינע, שוואַרצע און ווייסע, וואָס גיבן אַלע צוזאַמען אַ גראָע פאַרב. דידאָזיקע פאַרב קען ווערן העלער און טונקעלער, אָפּהענגיק פון דער איבערגעוויכט פון ווייסע אָדער שוואַרצע הערלעך, נאָר אין אַלגעמיין אַנטשפּרעכט זי דער אַרומיקער סביבה, ד. ה. זי דערמעגלעכט דעם האָז זיך צו באַהאַלטן פון די שאַרפע אויגן פון זיינע שונאים: מען קען לייכט פאַרבייגיין, נישט באַמערקנדיק אים. נאָר לאָמיר אָנ־נעמען, אַז דער קלימאַט איז ביי אונז געוואָרן קעלטער און אַ שניי־צודעק האָט אַלץ עפטער און עפטער אָנגעהויבן צודעקן די ערד. ס'איז קלאָר, אַז די גראָע פאַרב פונם האָזס פוטער האָט אים שוין אויפגעהערט צו פאַרהיטן, נאָר, פאַרקערט האָט אים אָנגעהויבן מסרן: דאָס וואָס ס'איז פריער געווען צוועקמעסיק, ווערט אין די נייע באַדינגונגען נישט נאָר נישט צוועקמעסיק, נאָר אַפילו אָפּן שעדלעך. אַ טונקעלערע אָדער העלערע באַפאַר־בונג איז אַ פאַרענדערלעכע אייגנשאַפט; אין דערזעלבער האָזן־משפּחה קענען זיין אונדיווידואומען מיט אַן עטוואָס גרעסערער צאָל ווייסע הערלעך, ווי ביי די אַנדערע ברידער. פאַרשטענד־לעך, דידאָזיקע אינדיווידואומען וועלן אינם קאַמף פאַר עקזיס־טענץ באַקומען אַן איבערגעוויכט לגבי זייערע טונקעלע קרובים: זייערע שונאים וועלן זיי נישט אַזוי לייכט אַנטדעקן. אַזוי אַרום וועט צווישן דער גרויסער צאָל האָזן, וואָס זענען יערלעך פאַר־אורטיילט צו זיין דער רויב פון פוקסן, דאַקסן*), אוהוס**) א. א. וו. דורכשניטלעך זיין מער טונקעלע, ווי העלערע אינדיווידואומען. דער פּראָצענט פון די העלערע האָזן וועט, אַלזאָ, מוזן וואַקסן פון דור צו דור און וואָס לענגער דער ווינטער וועט זיין, אַלץ שאַרפער און שטענדיקער וועט זיין דער אויסוואַל צווישן טונ־קעלע און העלע האָזן, ביז עס וועלן בלייבן בלויז העלע. אָבער אין דערזעלבער צייט וועט מוזן אויך וואַקסן די ווייסקייט פון די האָזן, ווייל אַלץ עפטער קומט פאָר אַ צונויפפּאָרונג פון צוויי העלע האָזן: דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ קומט שוין איצט פאָר נישט צווישן טונקעלע און העלע האָזן, נאָר צווישן ווייַ־

*) דאַקס — borsuk; **) אוהוס — puhacz.

ביקער און מער העלע. סוף־כל־סוף, נאָך הונדערטער און טויזנ־
טער יאָרן, אין דער מאָס ווי דאָס לאַנד וועט זיך אָפּקילן,
וועט זיך באַקומען אַ ראַסע פון פולשטענ־
דיק ווייסע האָזן, ווי זי איז טאַקע אַנטשטאַנען אין די
פּאָלאַרע לענדער און אין די שנייען פון די אַלפּן, וואָס איז
גענוג צוועקמעסיק געבויט, ד. ה. וואָס איז צוגעפּאַסט
צו די פּאָלאַרע עקזיסטענץ־באַדינגונגען.

אָדער שטעלן מיר זיך פאָר עפּעס אַ גראָז־געוויקס, וואָס
ווערט געגעסן דורך בעלי־חיים. אויב ס׳וועט צוליב עפּעס אַ
סבה זיך ענדערן ביי טייל געוויקסן דער טעם און זיי וועלן
ווערן ביטער, עקלהאַפט, וועלן זיי שוין זיין מער געשיצט פון
זייערע שונאים, „פאַרזיכערט" פון געפאַרן: בעלנים אויף זיי
וועט זיין ווייניקער. ממילא, וועלן געוויקסן מיט אַ ביטערן
טעם גיכער בלייבן לעבן און ברענגען זוימען. אַזוי אַרום וועט
אויך ווייטער פאָרקומען דער אָפּקלייב און, ענדלעך, וועט
זיך שאַפן אַ נייער מין געוויקסן מיט אַ
ביטערן טעם, וואָס איז דורכויס געשיצט פון פאַרטי־
ליקט צו ווערן דורך בעלי־חיים. דערדאָזיקער מין געוויקס וועט
זיך אַרויסווייזן פאַר צום בעסטן צוגעפּאַסטן צו זיין
קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

טייל דערוואַקסענע אינזעקטן און זייערע רויפּעס צייכענען
זיך אויס מיט זייער עקלהאַפטן טעם און זענען דעריבער אין
אַ געוויסער מאָס פאַרסטראַכירט פון פאַרניכטונג. נאָר אויב זיי
זענען ענלעך צו עסבאַרע רויפּעס, וועט זייער אומאָנגענעמער טעם
זיי קיין נוצן נישט ברענגען: דער פויגל וועט דאָך זיי אָננע־
מען פאַר עסבאַרע און נאָר אין מויל ערשט דערפילן זייער
עקלהאַפטן טעם. אָבער אַ רויפּע, וואָס האָט באַקומען אַ קלאַפּ
מיטן שנאָבל איז שוין פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג: דעמ־
דאָזיקן קלאַפּ קען זי אויסמיידן נאָר ביי איין תּנאַי, — אויב זי
וועט זיך שאַרף אונטערשיידן דורך איר פאַרב פון די עסבאַרע
מינים. אָט פאַרוואָס אַזעלכע נישט־געשמאַקע אינזעקטן האָבן גע־
ווײנלעך העלע פאַרבן: זיי האָט מען נישט אַזוי לייכט גע־
קענט צונויפמישן מיט געשמאַקע, עסבאַרע מינים און זיי האָבן
אינם קאַמף פאַר עקזיסטענץ זיך באַנוצט מיט אַן איבערגעוויכט

גבי די איבריקע, זיי האָבן געהאַט מער שאַנסן אויף צו בלייבן לעבן.

אַלזאָ, אינם האַרטן קאַמף פאַר עקזיסטענץ בלייבט שטענדיק לעבן נאָר דער אָרגאַניזם, וואָס איז צום בעסטן צוגעפּאַסט צום לעבן ביי די געגעבענע באַדינגונגען. דערביי אַנטשיידעט נישט איין איינצלנער זיג וועגן אויסגאַנג פונם קאַמף, ווייל דער קאַמף איז אומאויפהערלעך. יעדער אָרגאַניזם אין יעדן מאָמענט פון זיין עקזיסטענץ געפינט זיך דאָך אונטערן דרוק פון אַלע איבריקע אָרגאַניזמען, וואָס זענען גרייט ביי אים צוצונעמען יעדן פּיצל באָדן, יעדן זון-שטראַל, יעדן שטיקל שפּייז. אויסגעצייכנט האָט זיך אויסגעדריקט אונזער גלענצנדיקער דאַרוויניסט, דער פאַרשטאָרבענער ק. טימיריאַזעוו: „איבער יעדן וועזן הענגט כסדר די פראַגע: זיין אָדער נישט זיין? — און עס האַלט איין זיין רעכט אויף לעבן נאָרביים תנאי פון זיין אין יעדן מאָמענט פון זיין עקזיסטענץ פולקאָמער ווי זיינע קאָנקורענטן. אינם דאָזיקן געווער, אינם דאָזיקן קאַמף פאַר עקזיסטענץ איז דער דערצירנדיקער אומשטאַנד די אייגענע פולקאָמענקייט פון די קעמפנדיקע; קיין שום אַנדער באַדינגונג איז נישט דענקלעך; הייסט עס, אַ רעזולטאַט פונם דאָזיקן פּראָצעס וועט זיין דאָס אומפאַרמיידלעכע לעבן-בלייבן פון דעם פולקאָמסטן, ד. ה. אַן אָפּקלייב; אַן אָפּקלייב אָן אַן אָפּקלייבנדיקער פּערזאָן, זעלבסטעטיק, בלינד און אומברחמנותדיק, וואָס אַרבעט אומדערמידלעך און אומאויפהערלעך, זייט אומצייליקע יאָרהונדערטער, וואָס קלייבט אָפּ אַלץ איינס סיי די גרויסע, אויסערלעכע אייגנשאַפטן, סיי די סאַמע קלענסטע פּרטים פונם אינערלעכן געבוי ביים תנאי, אַז זיי זענען נוצלעך פאַרן אָרגאַניזם. דער נאַטירלעכער אָפּקלייב — דאָס איז די סבה פון דער פולקאָמענקייט פון דער אָרגאַנישער וועלט; צייט און טויט — דאָס זענען די רעגולאַטאָרן פון איר האַרמאָניע"*).

אַזוי אַרום איז די גאַנצע נאַטור, ווי ס'האָט דערשטוינענדיק קלאָר באַוויזן דאַרווין, אַן אַרענע פון אַ דיקזיכטלאָזן

*) טימיריאַזעוו: „טשאַרלז דאַרווין און זיין לעבן".

קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אין וועלכן עס בלייבן לעבן און פאַר־מערן זיך די אָרגאַניזמען, וועלכע שטעלן זיך בעסער אַנטקעגן די אומגינסטיקע לעבנס־באַדינגונגען, מאַסקירן זיך בעסער אָדער באַהאַלטן זיך בעסער פון די שונאים און זענען בכלל בעסער צוגעפּאַסט צו דער סביבה, צו די אויסערלעכע עקזיסטענץ־באַדינגונגען. אַנדערש געזאָגט, די נאַטור אַליין פאַרניכטעט ווייניקער פולקאָמע וועזנס אַזוי, אַז עס בלייבן נאָר די פולקאָמענסטע, ד. ה. די אַממערסטן צוועקמעסיק־געבויטע.

אין דערדאָזיקער זייער פּשוטער, פאַרשטענדלעכער, פול־שטענדיק־נאַטירלעכער און באַשיינפּערלעכער סבה ליגט די דער־קלערונג פון די אַזוי־גערופענע צוועקמעסיקע דערשיינונגען אין דער נאַטור! אָט פאַרוואָס אואָללעס איז געווען פולשטענדיק גערעכט, ווען ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „דערדאָזיקער אַלטעגלעכער און יעדע־שעהדיקער קאַמף, די קיינמאָל נישט אויפהערנדיקע מלחמה איז דווקא דאָס, וואָס באַדינגט אין דער נאַטור די עקזיסטענץ פונם גרעסטן טייל פון איר אייגענער שיינהייט, האַרמאָניע און פרייד, וואָס בילדעט אויך איינעם פון די וויכטיקסטע עלעמענטן אין דער אָפּשטאַמונג פון די מינים"*).

און נישט בחנם האָט דאַרווין פאַרענדיקט זיין עיקרדיקן בוך מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „אַזוי אַרום פליסט דירעקט אַרויס פון דערדאָזיקער פאַרקומענדיקער אין דער נאַטור מלחמה, פון הונגער און טויט, דער העכסטער רעזולטאַט, וואָס דער שכל קען זיך פאָרשטעלן — דאָס אויסבילדן זיך פון העכערע פאָרמען פון בעלי־חיים־לעבן"**).

מען דאַרף אָבער דאָך נעמען אין אַכט, אַז די אויפגאַבע פונם נאַטירלעכן אָפּקלייב באַשטייט גאָרנישט אינם אָפּקלייבן „דאָס סאַמע בעסטע". אָפּט ווייזן זיך אַרויס פאַר צום מערסטן צוגעפּאַסט צום לעבן די שוואַכע, שלעכטע געבויטע, וואָס מען קען זעען אויפן ביישפּיל פון פליגללאָזע זשוקעס אויפן אינזל מאַדערא. די מעשה

---

*) אואָללעס: „דאַרוויניזם".

**) דאַרווין: „די אָפּשטאַמונג פון די מינים".

איז, וואָס זשוקעס ווערן אָפּט פֿאַרטראָגן דורכן ווינט אין ים אַריין און קומען אום. דעריבער האָט יעדער זשוק, וואָס האָט אַמאָל געהאַט קירצערע פֿליגל, געהאַט מער שאַנסן אינם קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ, אַ גרעסערע וואַרשיינלעכקייט צו בלייבן לעבן, ראַטעווען זיך. די נאַטור האָט אָפּגעקליבן אַזעלכע זשוקעס און סוף־כּל־סוף האָבן זיך באַקומען פֿליגללאָזע זשוקעס, הייסט עס, נישט שטענדיק בלייבן לעבן די פֿולקאָמענסטע אָרגאַניזמען: פֿולקאָמענקייט איז זייער אַ באַדינגטע, רעלאַטיווע זאַך, ד. ה. דאָס פֿולקאָמע היינט איז נישט פֿולקאָם מאָרגן, דאָס פֿולקאָמע אין איין אָרט טויג צו גאָרנישט אין אַן אַנדער אָרט. פֿון דער אַנדערער זייט, דאַרף מען נישט פֿאַרגעסן, אַז אַלע אָרגאַנישע צופּאַסונגען, ווי קינסטלעך זיי זאָלן נישט זיין געבויט, טראָגן דאָך אויף זיך אַ שטעמפּל פֿון אומפֿולקאָמענקייט; אין קעגנפֿאַל וואָלטן זייערע באַלעבאַטים זיך אויסגעצייכנט מיט אומשטערבלעכקייט! קורץ, מען דאַרף אַלעמאָל אין זינען האָבן, אַז צוועקמעסיק באַדייט נאָר בלויז צוגעפּאַסט צו די געגעבענע קאָנקרעטע עקזיסטענץ־באַדינגונגען.

אַלנפֿאַלס איז קלאָר דאָס, אַז אַלע צופּאַסונגען פֿון די אָרגאַניזמען זענען נישט אַראָפּגעפֿאַלן פֿונם הימל גרייט, נאָר האָבן זיך אויסגעאַרבעט לאַנגזאַם און אומבאַמערקלעך אין אַ לאַנגן פּראָצעס פֿון אָרגאַנישער אַנטוויקלונג. טאַקע דער נאַטירלעכער אָפּקלייב אין פֿאַרבינדונג מיטן קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ, פּרוכטבאַרקייט, פֿאַרענדערלעכקייט און ירושהדיקייט, שטעלט מיט זיך פֿאָר יענעם כּוח, וואָס שאַפֿט בלינד, אָן ציל און כּוונה, די פֿאַרשידענע פֿאָרמען פֿון לעבן. און כאָטש אונז דערשטוינט די פֿולקאָמענקייט און צוועקמעסיקייט פֿון דידאָזיקע פֿאָרמען, אָבער זיי אַנטהאַלטן אין זיך גאָרנישט קיין מיסטישעס, איבערנאַטירלעכס, וווּנדערלעכס: זיי זענען געקויפֿט פֿאַר אַ טייערן פּרייז — פֿאַרן פּרייז פֿון ליידן און אונטערגאַנג פֿון די נישט־צוגעפּאַסטע, פֿאַרן פּרייז פֿון טויט פֿון טויזנטער אין נאָמען פֿון וווילשטאַנד פֿון יחידים. ווי וווּנדערלעך האָט זיך אויסגעדריקט דער באַרימטער דאַרוויניסט

אויגוסט ווייסמאַן : „די פילאָזאָפישע באַדייטונג פונם נאַטירלעכן אָפּקלייב באַשטייט דערין, וואָס ער גיט אונז אַ פּרינציפּ, וואָס איז אַן און פאַר זיך נישט ציל-שטרעבנדיק, אָבער שאַפט דאָך פונדעסטוועגן צילמעסיקעס״*). ד. ה. דער נאַטירלעכער אָפּקלייב, נישט פירנדיק צו עפּעס אַ ציל, זייענדיק אַ גאַנץ סטיכישער עלעמענט, שאַפט אָבער דאָך מער אָדער ווייניק צילמעסיקע אָרגאַנישע פאָרמען. אַנדערש געזאָגט, די צוועקמעסיקייט, וואָס מיר באַאָבאַכטן אין דער נאַטור. איז נישט קיין ווילן-אַקט פון אַ „ווונדערלעכן״ מייסטער, פון אַן „אַלמעכטיקער״ חכמה, וואָס שטייט אויסער דער וועלט (ווי ס׳האָט זיך אונז געדאַכט, כל-זמן מיר האָבן געמאָסטן מיט אונזער מענטשלעכער מאָס), נאָר אַ רעזולטאַט פון בלינדע סטיכישע כוחות, פון אַ קויזאַלן צונויפּ-פלעכטן זיך פון נאַטירלעכע פּראָצעסן, ד. ה. פון נאַטירלעכער נויטווענדיקייט. קורץ, דאַרווין האָט אונז געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרשטיין די געהיימסטע קאָמפּליצירטע נאַטור-דערשיינונגען פון דער נאַטור אַליין, נישט ווענדנדיק זיך צו דער טעאָריע פון עקזיסטענץ פון עפּעס אַ פרעמדער איר קראַפט**).

*) ווייסמאַן : „פאָרטראַגן איבער דער עוואָלוציע-טעאָריע״.

**) אונטערשטרייכנדיק, אַז דער אָפּקלייב אין דער נאַטור צווישן די ווילדע בעלי-חיים און געוויקסן קומט פאָר פון זיך אַליין, אומאָפּהענגיק פון וועמענס איז ווילן, זאָגט דאַרווין : „מען האָט מיר פאָרגעוואָרפן, אַז דאָס וואָרט אָפּקלייב אַנטהאַלט אַ הנחה פון אַ באַוווסטזיניקן אויסוואַל מצד די בעלי-חיים, וואָס מאַכן דורך די פאַרענדערונג ; מען פלעגט דערגיין אפילו ביז צום לייקענען די אַנווענדלעכקייט צו געוויקסן, ווייל זיי האָבן קיין ווילן נישט ! דאָס אַנווענדן דעם אויסדרוק „נאַטירלעכער אָפּקלייב״ אינם בוכשטעבלעכן זין וואָלט, פאַרשטענדלעך, געווען נישט ריכטיק ; נאָר ווער-זשע האָט דען אַמאָל פאַרגעוואָרפן די כעמיקער דאָס באַנוצן דעם אויסדרוק „אויסוואַל-מיטל״? פונדעסטוועגן, קען מען דאָך נישט, שטרענג גערעדט, אָננעמען, אַז די זויערקייט וויל ט אויס די באַזע מיט וועלכער זי פאַרייניקט זיך גיכער. מען האָט אויך געזאָגט, אַז איך פאַררוף זיך אויפן נאַטירלעכן אָפּקלייב ווי אויף עפּעס אַן אַקטיוון עלעמענט, אָדער אַ גאָט-הייט ; נאָר ווער-זשע האָט עס אַמאָל פאַרגעוואָרפן שרייבער פאַרן באַנוצן זיך מיט אויסדרוקן, ווי „די אַלוועלטלעכע גראַוויטאַציע דיריגירט מיט די באַוועגונגען

באַזונדערס בולט וואַרפט זיך אין די אויגן אַריין דער פּאָרצוג פונם דאַרוויניזם לגבי דעם רעליגיעזן שטאַנדפּונקט ביים דערקלערן די דורך אונז דערמאָנטע רודימענטן און אַנדערע דערשיינונגען, וואָס טראָגן אַ קלאָר-אומצוועקמעסיקן כאַראַקטער. ס'איז גענוג נאָר עטלעכע ביישפּילן, בכדי זיך דערין איבערצוצייגן.

וואָס איז' אַזוינס אַ רודימענט? דאָס איז אַן אומנוצלעכער אָרגאַן, וואָס טויג נישט צום געברויך, וואָס ברענגט נישט קיין שום נוצן זיין באַלעבאָס, טיילמאָל אַפילו אַ שעדלעכער. און אָט זאָגט דער דאַרוויניזם, אַז אַזעלכע אָרגאַנען זענען אומנוצלעך אָדער שעדלעך נאָר אין דער איצטיקער צייט, אָבער אַמאָל, אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, האָבן זיי געבראַכט נוצן און זענען געווען נייטיק דעם בעל-חי. נאָר שטופּנווייז, אַדאַנק דעם פאַרענדערן זיך פון די לעבנס-באַדינגונגען פונם געגעבענעם מין בעל-חי, האָבן זיי פאַרלוירן זייער „עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג" (רעזאָן ד'עטר). אויב אָבער עפּעס אַן אָרגאַן ווערט, צוליב דער אָדער יענער סבה אומנויטיק פאַרן מין, פאַרלירט ער זיין ווערט פאַרן נאַטירלעכן אָפּקלייב. אַזאַ אָרגאַן הייבט אָן צו ווערן פאַרניכטעט, אָבער נאָר לאַנגזאַם, ווייל דער נאַטירלעכער אָפּקלייב ווירקט נאָר אין גאַנץ לאַנגע טערמינען און קען ממילא נישט תיכף באַזייטיקן אַלץ, וואָס ס'איז געוואָרן איבעריק, אומנוצלעך. די רודימענטן זענען אַלזאָ „געוועזענע" אָרגאַנען, וואָס עקזיסטירן אַזוי ווי לויט אינערציע: דאָס זענען רעשטלעך פון אַמאָליקע אָרגאַנען, אַטראָפירטע אָרגאַנען. די-

פון די פלאַנעטן"? יעדער ווייסט, וואָס עס פאַרשטייט זיך אונטער אַזעלכע מעטאַפאָרישע אויסדרוקן, און זיי זענען כמעט אומפאַרמיידלעך צוליב דער פאַרקירצונג פון די רייד. פונקט אַזוי איז זיך שווער צו באַגיין אָן דעם פּערזאָניפיצירן דאָס וואָרט „נאַטור"; אָבער אונטערן וואָרט „נאַטור" פאַרשטיי איך בלויז די געמיינזאַמע טעטיקייט און דעם פּראָדוקט פון צאָלרייכע נאַטירלעכע געזעצן, און אונטער'ן וואָרט געזעץ — די באַוויזענע קאָנסעקווענטקייט פון דערשיינונגען". („די אָפּשטאַמונג פון די מינים").

דאָזיקע אומנויטיקע איבערבלייבענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבן פאַר אונז אַ גרויסע וויסנשאַפטלעכע באַדייטונג: נישט נאָר וואָס זיי רעדן דורכויס איבערצייגנדיק קעגן דער פאָרשטעלונג וועגן צוועקמעסיקן געבוי פון די אָרגאַניזמען, נאָר זיי זענען בולטע עצות וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פונם געגעבענעם מין. דאָס זענען אַזוי ווי וועג-סימנים, וואָס דערמעגלעכן אָנצוצייכנען דעם וועג פון פאַרענדערונגען, וואָס דער געגעבענער בעל-חי האָט איבערגעלעבט אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט פון זיין עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג.

אין דער אויער-מושלע פונם מענטש זענען דאָ קליינע רודימענטאַרע מוסקולן, וואָס זענען אינגאַנצן נישט נויטיק און דערפאַר שוואַך און אומאַנטוויקלט. אָבער יענעם חיהדיקן אורפאָטער, פון וועלכן דער מענטש שטאַמט אָפּ, זענען די מוסקולן געווען נויטיק און זענען דערפאַר געווען גוט אַנטוויקלט, ווייל זיי האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט זיך גוט צוצוהערן צום אַרומיקן — „אָנצושטעלן די אויערן", באַוועגן מיט די אויערן אין דער ריכטונג פונם קלאַנג.

אַ זער בולטע אילוסטראַציע פון דער עקזיסטענץ פון אומנויטיקע און אָפילו שעדלעכע אַטראָפירטע אָרגאַנען קען זיין די בלינדע קישקע מיט איר המשך — דעם אפּענדיקס, וועגן וועלכע מיר האָבן פריער גערעדט. דאַרווינס לערע מאַכט אויפמערקזאַם דערויף, אַז צווישן די העכערע זויגעדיקע, טרעפט זיך דער אפּענדיקס, אַ חוץ זעלטענע אויסנאַמען, נאָר צווישן די מענטשענלעכע מאַלפּעס. ביי פיל נידריקערע זויגעדיקע, באַזונדערס ביי געוויקס-פרעסערס דערגרייכט די בלינדע קישקע אַ באַדייטנדיקע גרויס, נישט פאַרהאַלטנדיק זיך אין איר אַנטוויקלונג און נישט בילדנדיק קיין שום אויסוווקס, און שפּילט אַ גרויסע ראָל ביים פאַרדייען. היות דידאָזיקע בעלי-חיים האָבן געדאַרפט פאַרשלינגען אַ גרויסן סכום שפּייז, האָבן זיי געדאַרפט האָבן אַ געראַמען קישקעס-קאַנאַל. די פאַרקלענערונג פון דער בלינדער קישקע ביים מענטש דערקלערט זיך דערמיט, וואָס ער איז אַמאָל געווען אַ דורכויס געוויקס-עסנדיק וועזן, אַ וועגעטאַריאַנער, אָבער ער איז דערנאָך לאַנגזאַם איבערגעגאַנגען צו געמישטער, מער נאַר-

האפטער שפייז און האָט שוין געקענט נישט אריינפירן אין זיין פאַרדייונג-אַפּאַראַט מיטאמאָל אַ גרויסע צאָל שפייז. און צוזאַמענהאַנג דערמיט זענען, פאַרשטייט זיך, די פונקציעס פון דער בלינדער קישקע געוואָרן ווייניקער וויכטיק און זי האָט אָנגעהויבן זיך פאַרהאַלטן אין איר אַנטוויקלונג, פאַרקלענערן זיך, אַטראָפירט ווערן און אין רעזולטאַט האָט זיך באַקומען אַן אומנויטיקער „רודימענטאַרער אָרגאַן", דער אַפּענדיקס.

ווי מען זעט, זאָגט די עקזיסטענץ פון רודימענטאַרע אָרגאַנען אינם קערפּער פונם מענטש, וואָס זענען אַרויס פון געברויך, וועגן אונזער עבר, עדות זאָגנדיק וועגן אַ געוויסן מין „קאָנסערוואַטיזם" פון דער נאַטור.

אָבער וועגן דעמזעלבן דערמאָנט אונז די נאַטור דורך די פּראָצעסן פון אַנטוויקלונג פון אונזער עמבריאָן. מיר האָבן שוין גערערט וועגן דעם, אַז אונזער עמבריאָן האָט אין באַשטימטע מאָמענטן פון זיין עקזיסטענץ אַזעלכע אָרגאַנען, וועלכע פאַרשווינדן אין מאָמענט פון רייף ווערן, למשל, זשאַבערס-שפּאַרעס, אַן עק און אַ האָר-צודעק.

דאָס שטודירן די עמבריאָנאַלע אַנטוויקלונג פון פאַרשידענע אָרגאַניזמען האָט פולקאָם קלאָר פעסטגעשטעלט, אַז יעדע שטופע אין דער אַנטוויקלונג פונם עמבריאָן איז אַ פיל-זאָגנדיק בלאַט פון דער געשיכטע פונם געגעבענעם מין. די עמבריאָנאַלע אַנטוויקלונג קען באַטראַכט ווערן ווי אַ פאַרקירצטע געשיכטע פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג פונם מין. יעדער אָרגאַניזם, אַנטוויקלענדיק זיך פון אַ באַפרוכפּערט קעמערל, גייט כסדר דורך אַ רייע שטופן, וועלכע ס'זענען אין משך פונם ריזיקן פעריאָד פון עקזיסטענץ פון דער אָרגאַנישער וועלט דורכגעגאַנגען זייערע באַזונדערע פאָר-עלטערן, איידער זיי זענען פון אַן איינקעמערלדיק וועזן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פיל-קעמערלדיקן קאָמפּליצירטן אָרגאַניזם. לאָמיר, למשל, נעמען די עמבריאָנען פון אַ וואָרים, אַ העכט, אַ פראָש, אַ שילדקרויט, אַ הון, אַ חזיר, אַ הונט, אַ מאַלפּע, אַ מענטש. ווי נישט-ענלעך דידאָזיקע אָרגאַנזמען

זענען צווישן זיך דערוואַקסענערהייט! מיר האָבן דאָ בעלי-חיים אָן רוקנביין, סיי נידריקע חוט-השדרהדיקע, סיי העכערע חוט-השדרהדיקע, ביז צום מענטש. דערווייל זענען די עמבריאָנען פון די אַלע חיות אין די ערשטע פעריאָדן פון זייער אַנטוויקלונג אויף אַזוי פיל ענלעך, אַז אונז איז זייער שווער צו אונטערשיידן איינע פון די אַנדערע. ערשט אין די קומענדיקע פעריאָדן פון עמבריאָנאַלער אַנטוויקלונג הויבן ביסלעכווייז אָן זיך אַרויסצווייזן פאַרשידענע פאָרמען. דערביי גייען די עמבריאָנען פון די העכערע בעלי-חיימס דורך, אַלץ מער קאָמפּליצירנדיק זיך, אַזעלכע שטופן פון אַנטוויקלונג, ווען זיי זענען ענלעך צו די דערוואַקסענע אינדיווידואומען פון די נידריקערע בעלי-חיים. אַזוי האָט דער עמבריאָן פון אַ מענטש אויף אַ געוויסער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג' סימנים, וואָס דערמאָנען אין אַ סך אַ פיש, דערנאָך אַ קאָפּ-עקל*), דערנאָך אַ נידריקן זויגער א. א. וו. און דאָס קען מען דערקלערן נאָר דערמיט, וואָס יעדער בעל-חי (דאָסזעלבע איז נוגע אויך יעדן געוויקס) גייט אין זיין עמבריאָנאַלער אַנטוויקלונג דורך אַ רייע סטאַדיעס, וועלכע אַנטשפּרעכן די היסטאָרישע עטאַפּן פון אַנטוויקלונג פונם געגעבענעם מין. מיט איין וואָרט, יעדער אָרגאַניזם חזרט איבער ווי אין אַ קאָנספּעקט אין זיין עמבריאָנאַלער אַנטוויקלונג דעם פּראָצעס פון עוואָלוציאָנערע פאַרענדערונגען פונם געגעבענעם מין, ווי ער וואָלט אויפגעשריבן זיין יחוס-קייט, ווי ער וואָלט דערציילט די געשיכטע פון זיין מין. אַזוי אַרום האָבן מיר דאָ איינע פון די סאַמע פילזאָגנדיקסטע ראיות דערפון, אַז די אָרגאַנישע מינים זענען צווישן זיך פאַרבונדן מיט ענגע באַנדן פון קרובהשאַפט.

איצט איז אונז קלאָר, פאַרוואָס דער מענטשלעכער עמבריאָן האָט אויף געוויסע סטאַדיעס פון זיין אַנטוויקלונג אַזעלכע מאָדנע אייגנשאַפטן, ווי זשאַברעס-שפּאַרעס, אַן עק א. א. וו. דער מענטש איז נישט באַשאַפן געוואָרן דורך קיין ספּעציעלן שאַפונג-אַקט, נאָר איז דורך אַ לאַנגער עוואָלוציע אויסגעוואָקסן פון די טיפענישן פון דער חיות-וועלט, ד. ה. ער שטאַמט אָפּ פון אַנדערע וועזנס, וואָס שטייען נידריקער פאַר אים אין דער

*) קאָפּ-עקל — kijanka ·ГОЛОВАСТИК·

אַנטוויקלונג. זיינע עמבריאָנאַלע זשאַברעס-שפּאַרעס, עק א. א. וו. דאָס זענען ווי „שאָטנס" פון זיין היהשער פאַרגאַנגענהייט, סימנים פון זיינע ווייטע פאָר-עלטערן. אין פאַל, ווען עס פאַרהאַלט זיך די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פונם עמבריאָן, קומט אומפאַרמיידלעך צו אַ צייטווייליקן אָדער שטענדיקן פאַר-האַלטן זיך פון די סימנים, וואָס זענען אייגן דעם אָדער יענעם עטאַפּ פון עמבריאָנאַלער אַנטוויקלונג: עס ווערן געבוירן קינ-דער, באַדעקטע מיט געדיכטע האָר, וואָס האָבן עמבריאָנאַלע עקן, ד. ה. עס קומען פאָר יענע „מאָדנע" פאַלן, וואָס רופן טיילמאָל אַרויס אַן אַבערגלויבלעכן שרעק ביי מענטשן.

איצטער איז אונז אויך פאַרשטענדלעך אַזאַ, למשל, אונז באַקאַנטער פאַקט, אַז אַ יונג וואַלפישל האָט אין דער מוטערס בויך ציין, כאָטש ער ווערט געבוירן אָן ציין און האָט זיי נישט אין דערוואַקסענעם צושטאַנד. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער וואַלפיש שטאַמט אָפּ פון באַציינטע פאָר-עלטערן.

נאָר דאָס ברענגט דאָך אונז צום אויספיר, אַז פיל רודי-מענטאַרע אָרגאַנען וויזן זיך אַרויס נאָר צייטווייליק אינם אָרגאַ-ניזם און פאַרשווינדן דערנאָך אָן שפור. דאָס באַווייזט, אַז די רודימענטן פון די איצט-עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזמען האָבן ביי זייערע פאָר-עלטערן באַדאַרפט האָבן דעם אויסזען פון פולקאָם אַנטוויקלטע און נאָרמאַל-אַרבעטנדיקע אָרגאַנען, אַז זייער אַנט-וויקלונג איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון רעגרעס, פון פאַר-קלענערן זיך און אָפּשוואַכן. די אָרגאַנען, וואָס טראָגן ביי אַ דערוואַקסענעם בעל-חי אַ כאַראַקטער פון רודימענטן, דאַרפן ביים עמבריאָן אויף אַ געווי-סער שטופע פון אַנטוויקלונג טראָגן אַ כאַראַקטער פון מער פולקאָמע און נאָרמאַל-פונקציאָנירנדיקע אָרגאַנען. און ס'איז ווירקלעך טאַקע אַזוי. למשל, ביים מענטשלעכן עמבריאָן איז דער אַפּענדיקס לפי-ערך גרעסער (אין צוויי מאָל), ווי ביי אַ דערוואַקסענעם מענטש און איז דערביי אַ פאַרשמעלערטער המשך פון דער בלינדער קישקע, ד. ה. אין עמבריאָנאַלן צו-שטאַנד פאַרבאַהאַלט דער אַפּענדיקס זיין אורשפּינגלעכן כאַראַק-

טער, וועלכן ער האָט באַדאַרפט האָבן ביי אונזערע חיהשע פאָר-עלטערן.

אַלזאָ, די רודימענטאַרע אָרגאַנען, וואָס שטעלן פאָר פאַר דער לערע וועגן צוועקמעסיקייט און פאַר דער פאָרשטעלונג וועגן שאפונג אַן אומלעזלעך רעטעניש (ווייל אַ געוויינלעכער מענטש-לעכער שכל קען בשום אופן נישט אויפנעמען דעמדאָזיקן פאַקט צוזאַמען מיטן גלויבן אין דער אַל-גוטער שעפערישער קראַפט), איז אַן איבערצייגנדיקער אַרגומענט לטובת דאַרווינס לערע*). יעדנפאַלס איז אָבער קלאָר, אַז איין זאַך איז אָנערקענען די עקזיסטענץ פון מער אָדער ווייניק צוועקמעסיקע צופאַסונגען אין קאַמף פאַרן לעבן און גאָר אַן אַנדער זאַך איז זינגען לויב-געזאַנגען עפּעס אַן אומבאַוווסטער „וועלט-האַרמאָניע“. ווייל מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די־דאָזיקע צופאַסונגען זענען ווייט נישט פולקאָם, ווייל ביי דער אַבסאָלוטער פולקאָמענהייט פון יעדן פון זיי באַזונדער וואָלט נישט געווען קיין שום קאַמף און אין דער נאַטור וואָלט געהערשט „שלום ושלוה“. ווי ס׳האָט באַמערקט דאַרווין, אויסרעכנענדיק אַ ריי אומצוועקמעסיקע דערשיינונגען פון דער אָרגאַנישער נאַטור „איז אויפן סמך פון דעם נאַטירלעכן אָפּקלייב גיכער וואונדערלעך, וואָס מ׳האָט נישט אַנטדעקט נאָך קיין גרעסערע צאָל ענלעכע פאַלן פון מאַנגל אין אַבסאָלוטער פולקאָמענהייט“**). מיט איין וואָרט, דער לערע וועגן שכלדיקער צוועקמעסיקייט, וועגן „פאָרויס-איינגעשטעלטער וועלט-האַרמאָניע“ איז אַדאַנק דאַרווינען דערלאַנגט געוואָרן אַ טויט-קלאַפּ.

אָט פאַרוואָס ענגעלס האָט געשריבן מאַרקסן קורץ נאָכן פאַרעפנטלעכן דורך דאַרווינען זיינע אידייען, אין נאָוועמבער 1859 יאָר: „די טעאָלאָגיע איז אין איין ריכטונג נאָך נישט געווען פאַרניכטעט, אָבער דאָס איז שוין איצט געשעען“. און

---

*) דער באַוווסטער געלערנטער לעכע האָט דעמדאָזיקן געדאַנק אויסגעדריקט אַזוי: „די עצם עקזיסטענץ פון רודימענטן איז אַ ביטערער חוזק איבער יעדער היפּאָטעזע וועגן שאפונג און איז, דאַקעגן, אַ גלענצנדיקער באַווייז פון דער גערעכטיקייט פון דער עוואָלוציע-לערע“.

**) דאַרווין: „די אָפּשטאַמונג פון די מינים“.

מאַרקס איז דערמיט געווען דורכאויס מסכּים, ווי ס'איז צו זען פון זיינע ווערטער: „דאָ איז נישט נאָר דערלאַנגט געוואָרן אַ טויט-קלאַפּ דער טעאָלאָגיע אין די נאַטור-וויסנשאַפטן, נאָר ס'איז אויך עמפּיריש אויפגעקלערט געוואָרן איר שכלדיקע באַדייטונג"*). דאָס באַדייט: דאַרווין האָט נישט נאָר דערוויזן די אָפּוועזנהייט פון אַ ציל אין דער נאַטור, נאָר האָט אויך באַוויזן, ווי אַזוי מען זאָל אויפן נאַטירלעכן וועג דערקלערן די דאָזיקע רעלאַטיווע צילמעסיקייט, וועלכע מיר באַאָבאַכטן אין דער בעלי-חיים- און געוויקסן-וועלט.

פאַרוואָס-זשע דאַכט זיך מענטשן אויס, אַז אין דער נאַטור, וואָס רינגלט אונז אַרום, איז אַלץ גוט, פולקאָם, צילמעסיק, האַרמאָניש, שכלדיק? דאָס איז דערפאַר, ווייל מיר האָבן זיך צוגעפּאַסט, מיר זענען געוווינט געוואָרן צו דערדאָזיקער אומגעבונג. מיר רעכנען פאַר „אָרדנונג" דאָס אַלץ, צו וועלכן מיר האָבן זיך צוגעוווינט, צוגעפּאַסט און, פאַרקערט, רופן אָן „אומאָרדנונג". דאָס אַלץ, וואָס צעשטערט די געוויינלעכע איינטאָניקייט. אַנדערש געזאָגט, די פאַרשידנסטע צושטאַנדן דאַכטן זיך אונז אויס צילמעסיק ביי פאַרשידענע אומשטענדן, לויט דעם, ווי מיר האָבן זיך צו זיי צוגעפּאַסט. למשל, אַ צפונדיקן איינוווינער, דאַכט זיך אָנגענעם אָדער אומאָנגענעם די קעלט און אַ דרומדיקן, פאַרקערט — די היץ. הייסט עס, אַז די צילמעסיקייט פון דער נאַטור, די „וועלט-האַרמאָניע" איז נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ פּראָדוקט פון אונזער פאַנטאַזיע: אונז דאַכט זיך בלויז, אַז די נאַטור איז פולקאָם, אַז אין איר הערשן אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע און אָרדנונג: האַרמאָניע, אָרדנונג, צילמעסיקייט — דאָס זענען ריין-באַדינגטע באַגריפן און זענען אַן און פאַר זיך נישט אייגן דער וועלט. די צילמעסיקע נאַטור,

*) מאַרקס און ענגעלס: „קאָרעספּאָנדענץ".

די וועלט-האַרמאָניע האָט געשאַפן נישט גאָט, נאָר דער מענטש!

אָט פאַרוואָס די נאַטור-וויסנשאַפטן לייקענען אַנטשלאָסן, זייט דאַרווינען, די עקזיסטענץ פון גאָט, ווי אויך יעטוועדן ציל אין דער נאַטור און זאָגן זיך אָפּ ביים דערקלערן די דערשיינונגען צו ענטפערן אויף די אומזיניקע פראַגן „צו-וואָס", ד. ה. זיי וואַרפן אָפּ די טעלעאָלאָגיע: דער ציל מעסיקער שטאַנדפּונקט איז ענדגילטיק פאַרביטן דורך דער קויזאַלן.

אמת, די גייסטלעכע באַמיען זיך פאָרצושטעלן די זאַך אַזוי, ווי דער באַגריף פון קויזאַלער באַדינגטקייט שליסט נישט אויס דעם באַגריף פון ציל, פון „באַשטימונג", אַז ס'ווענדט זיך אַלץ דערפון, אויף וואָס מיר ווענדן די אויפמערקזאַמקייט ביים שטודירן אַ געוויסע דערשיינונג: צי אויף דערויף, „פאַר-וואָס" דידאָזיקע דערשיינונג איז אַנטשטאַנען, ד. ה. אויף דער סבה, צי אויף דערויף „צוליב וואָס" זי איז אַנטשטאַנען, ד. ה. אויפן ציל. אָבער דאָס איז נישט ריכטיק, ווייל די נאַטור קען זיך נישט שטעלן קיין באַשטימטע צילן, ווייל דערצו איז פעיק נאָר אַ מענטש, וואָס איז באַגאַבט מיט אַ באַוווּסטזיין. ווייל, למשל, שטעלן די פראַגע „צוליב וואָס" זענען דעם מוילוואָרף נויטיק די בלינדע אויגן, הייסט דאָך קודם-כל רעכענען לכתחלה, אַז דער ציל איז נישט אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען, וואָס רופן אַרויס די געגעבענע דערשיינונגען, ד. ה. זיך אָפּזאָגן פון אַ קויזאַלער דערקלערונג. די וויסנשאַפט קען מיט אַזאַ פּרינציפּ נישט שלום מאַכן, ווייל זי גייט אַרויס פון אַ גאַנץ אַנדערער הנחה: זי רעכנט, אַז אַ זאַך קען אין אַלע הינזיכטן, אויך אין הינזיכט פונם „ציל" וואָס זי פאַרווירקלעכט, פאַרשטאַנען ווערן נאָר פון די באַדינגונגען, וואָס רופן זי אַרויס, ד. ה. יעדע דערקלערונג „פאַרוואָס" נעמט אין דערזעלבער צייט אויך אַרום די דערקלערונג „צוליב וואָס" דידאָזיקע דערשיינונג קומט פאָר. ווען מיר דערקלערן, למשל, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָט אויף דער אַנטוויקלונג פונם זעונג-אָרגאַן די ליכט, ד. ה.

אַן אויסערלעכער תּנאי, ווערן מיר גלייכצייטיק געוווירר „צוליב־וואָס” דאָס אויג פון טייל בעלי־חיים איז איינגעאָרדנט אַזוי, און פון אַנדערע — אַנדערש. אונז ווערט קלאָר, למשל, אַז די בלינדקייט פון די הייל־חיות איז באַדינגט דערמיט, וואָס אַריינפאַלנדיק צופעליק אין דער אַבסאָלוטער פינסטערניש פון די היילן און זייענדיק געצוווּנגען אין זיי ווייטער צו לעבן, האָבן דידאָזיקע בעלי־חיים כּמעט ווי אָנגעווירן די אויגן, וואָס זענען בהדרגהדיק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נעבעכדיקע רודימענטאַרע אָרגאַנען. דעסגלייכן איז אונז פאַרשטענדלעך, פאַרקערט, אַז די טיף־וואַסערדיקע בעלי־חיים באַזיצן גרויסע אויגן אַדאַנק דעם, וואָס אַריינפאַלנדיק אַמאָל אין דער טונקעלער טיפקייט פונם ים, האָבן זיי זיך צוגעפּאַסט צו דערדאָזיקער באַדינגונג, ד. ה. דער אָפּקלייב אינם קאַמף פאַר עקזיסטענץ האָט אומבאַדינגט געמוזט פאַוואָריזירן יענע אינדיווידואומען, וועלכע זענען געווען פעיק צונויפצוזאַמלען די אָרעמע ליכט־שטראַל מיט דער הילף פון אַ גרויסן זעונג־אָרגאַן.

ווי מען זעט, פירט דער דאַרוויניזם, געבנדיק אונז אַ קויזאַלע דערקלערונג פון די דערשיינונגען פון דער אָרגאַנישער וועלט, צום אויספיר, אַז „די אויגן זענען אונז געגעבן גאָר נישט צוליב דעם, כּדי מיר זאָלן מיט זיי קענען זעען, פונקט ווי מיר האָבן באַקומען פיס נישט צוליב דעם, אַז מיר זאָלן קענען גיין. פאַרקערט, מיר זעען און גייען, דערפאַר, ווייל מיר האָבן אויגן און פיס. די ראיה עקזיסטירט נישט פריער ווי די אויגן און די רייד נישט פריער, ווי די צונג, נאָר פאַרקערט”*). צוליב דיזעלבע סבות מוזן מיר זאָגן, אַז דער הירש האָט לאַנגע פיס נישט „צו דעם”, אַז ער זאָל קענען שנעל לויפן, נאָר פאַרקערט, ער קען שנעל לויפן, ווייל ער האָט לאַנגע פיס. דער מוילוואָרף איז בלינד נישט „צוליב דעם”, אַז ער זאָל קענען לעבן אויף דער ערד, נאָר ער האָט אַ שוואַכע ראיה, ווייל ער גראָבט שטענדיק אין דער ערד; דער פאָלאַר־בער איז באַדעקט מיט אַ פעלץ פון ווייסן קאָליר נישט „צוליב דעם”. אַז ער זאָל לעבן אינם שטח פון אייביקן שניי און אייז, נאָר ער האָט אַ

*) באכנער: „קראפט און מאטעריע”.

ווייסן פעלץ, ווייל ער לעבט אין די פּאָלאַרע לענדער (אַזעלכע ביישפּילן קען מען ברענגען טויזנטער). דידאָזיקע אַלע כאַראַק-טעריסטישע סימנים פון די בעלי-חיים זענען נישט עפּעס אַ ספּעציעלע מתנה פון הימל, נאָר זענען אַן אומבאַדינגטער רע-זולטאַט פון די עקזיסטענץ-באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען די בעלי-חיים. דאָס הייסט, אַז אַ הירש מיט לאַנגע פיס, אַ מוילוואָרף, וואָס נויטיקט זיך נישט אין קיין אָרגאַן פון חוש-הראיה און אַ פּאָלאַר-בער פון ווייסן קאָליר האָבן צום בעסטן געקענט דורכהאַלטן דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אויס-מיידן די שונאים אָדער נישט וואַרפן זיך אין די אויגן זייערע קרבנות און איבערלאָזן אַ לעבנס-פעיקע נאָכקומערשאַפט. מיט איין וואָרט, אין די אַלע פאַלן, ווי אונז דאַכט זיך אויס, אַז ס'איז דאָ אָנספּקדיקע כוונה, אַן אַריינמישונג פון אַ שכלדיקער סבה, פאַרלירט דערדאָזיקער טעלעאָלאָגישער שטאַנדפּונקט זיין באַדיי-טונג, ווי נאָר מיר וועלן אַ קוק טון אויף דערדאָזיקער דער-שיינונג פון שטאַנדפּונקט פון דאַרוויניזם, ד. ה. אַלס רעזולטאַט פון צאָלרייכע פּרוּוון און ווייניקע דערפאָלגן, אַלס רעזולטאַט פון אַ פיל-הונדערטיעריקן, סטיכישן, בלינדן אַנטוויקלונג-פּראָצעס, אין וועלכע אייניקע אָרגאַניזמען, וואָס האָבן זיך געפונען אין פּאַסיקע עקזיסטענץ-באַדינגונגען אָדער וואָס האָבן געהאַט אייגנשאַפטן, וואָס האָבן אַנטשפּראָכן דער אַרומיקער לעבנס-סביבה, האָבן איבערגעלעבט אַלע אַנדערע און איבערגעגעבן בירושה זייערע גינסטיקע אייגנשאַפטן. קורץ גע-זאָגט, די אָרגאַניזמען זענען אַזעלכע, ווי זיי זענען פאַקטיש, ווייל זיי האָבן זיך אַנטוויקלט אונטער דער ווירקונג פון באַ-שטימטע נאַטירלעכע סבות: ווען זיי וואָלטן זיך אַנטוויקלט אָדער געקענט אַנטוויקלען אַנדערש, וואָלטן מיר זיי געהאַלטן נישט פאַר ווייניקער צוועקמעסיק.

„אויף אַזאַ אופן, — זאָגט טימיריאַזעוו, — ענדערט זיך אינגאַנצן דער אַלטער טעאָלאָגישער שטאַנדפּונקט. איינהאַלטנדיק דאָס אַלטע וואָרט „צילמעסיקייט", גיבן מיר אים צו אַ נייעם זין. נישט צוליב און נישט אין דערוואַרטונג פון אַ געוויסן נוצן האָבן זיך געשאַפן דידאָזיקע אַלע פולקאָמע אָרגאַנען און גאַנצע

אָרגאַניזמען, נאָר דער נוצן אַליין האָט זיי געשאַפן. אָנשטאָט אַן השערהדיקן ציל האָבן מיר אַ ווירקלעכע סבה. די פולקאָמענקייט פון דער אָרגאַנישער וועלט איז נישט קיין מעגלעכער ציל נאָר אַן אומפאַרמיידלעכער אומבאַדינגטער רעזולטאַט פון די געזעצן פון דער נאַטור״[*].

פונקט אַזוי האָט זיך אויך אויסגעדריקט דער אָנגעזעענער ביאָלאָג, דעליאַזש. ער זאָגט: „יענע וווּנדערבאַרע האַרמאָניע, יענע שטרענגע צופאַסונג, וואָס מיר באַגעגענען מכלומרשט איבעראַל, דאָס איז אַן אילוזיע, וואָס שטאַמט דערפון, וואָס מיר זעען בלויז דעם נאַקעטן רעזולטאַט: דער בעל-חי אָדער דאָס געוויקס לעבט, אָבער אָפּשאַצן, וויפיל זיי האָבן אַוועקגעלייגט אָנשטרענגונגען, וויפיל זיי האָבן איבערגעלעבט מפלות, וויפיל שעדלעכע ווירקונגען, כדי צו זיכערן דאָסדאָזיקע לעבן — דאָס קענען מיר נישט״[**]. מיט איין וואָרט, אַ צוועקמעסיקע אָרגאַניזאַציע איז אַן איינצלנער פאַל פון טויזנטער אומצוועקמעסיקע אָדער ווייניקער צוועקמעסיקע, וועלכע זענען דערפאַר געווען אומפעיִק זיך אויפצוהאַלטן.

ווי מיר זעען פון דעם אַלעם, באַשטייט דער גרונט-טעות פונם טעאָלאָגישן שטאַנדפונקט אין דעם, וואָס ער נעמט אומעטום אָן דעם פועל-יוצא פאַר דער סבה, ד. ה. ער דרייט איבער קאַפויר דעם באַגריף פון קויזאַליטעט. ער טויג לגמרי נישט אַלס אופן פון וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, ווייל ער איז פול מיט גלויבן אין געהיימע כוחות און קלערט ממילא נישט אויף, נאָר פאַרטונקלט די שטודירטע פראַגע. ווי ס'האָט גלענצנדיק פאַרטייטש נאָך דער געניאַלער פילאָזאָף שפינאָזאַ, „דערפירט דער טעאָלאָגישער שטאַנדפונקט, לויט וועלכן אַלע זאַכן אין דער נאַטור ווירקן, ווי-

---

*) טימיריאַזעוו: „טשאַרלז דאַרווין און זיין לערע״.

**) דעליאַזש: „די עוואָלוציע-טעאָריע״.

מענטשן, פאַר עפּעס אַ ציל... אומגערנוויליק צו גאָטס ווילן, ד. ה. צו דעם מקום מקלט פון עם-הארצות"*).

*) שפּינאָזאַ (XVII יאָרהונדערט) האָט אין זיין „עטיק" געגעבן אַ קלאַסישע לויט איר קלאָרקייט כאַראַקטעריסטיק פונם טעלעאָלאָגיזם, פונם צילמעסיקן שטאַנדפּונקט. ער האָט געשריבן: „אַלע פאָראורטיילן, וועלכע איך האָב דאָ בדעה צו באַווייזן, זענען אָפּהענגיק פון איין פאָראורטייל, לויט וועלכן מענטשן האַלטן געוויינלעך, אַז אַלע זאַכן אין דער נאַטור ווירקן, פּונקט אַזוי ווי זיי אַליין, פאַר עפּעס אַ ציל און באַהויפּטן אַפילו אויף זיכער, אַז גאָט אַליין פירט אַלץ צו אַ באַשטימטן ציל (ווייל זיי זאָגן, אַז גאָט האָט געשאַפן אַלץ פאַר'ן מענטש און דעם מענטש האָט ער געשאַפן, כדי ער זאָל אים ערן). היות זיי געפינען אין זיך און אויסער זיך נישט ווייניק מיטלען, וואָס העלפן זיי מיט צו דערגרייכן זייערע צילן, למשל, אויגן צו זען, ציין צו קייען, געוויקסן און חיות, כדי זיך מיט זיי דערנערן, די זון, כדי זיי צו באַלייכטן, דעם ים, כדי צו דערנערן די פיש א. א. וו., נעמט זיך דערפון דאָס, וואָס זיי קוקן אויף אַלע זאַכן אין דער נאַטור, ווי אויף מיטלען פאַר זייער נוצן. נאָר אַזוי ווי זיי ווייסן אַז די דאָזיקע מיטלען האָבן זיי געפונען, אָבער נישט זיי האָבן זיי צוגעגרייט, האָבן זיי דערפון באַקומען אַ סבה צו טראַכטן, אַז ס'איז דאָ עמיץ אַנדערש, וואָס האָט די דאָזיקע זאַכן צוגעגרייט פאַר זייער נוצן... אויב, למשל, ס'איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון דאַך און דערהרגעט וועמען, וועלן זיי אויף אַזאַ אופן גיין דערווייזן, אַז דער שטיין איז אַראָפּגעפאַלן, כדי צו דערהרגענען אַ מענטש. ווייל, אויב ער איז, לויט גאָטס ווילן, נישט אַראָפּגעפאַלן מיטן דאָזיקן ציל, טאָ ווי אַזוי האָט זיך געקענט צופעליק פאַרייניקן אַזוי פיל אומשטענדן מיט אַמאָל (אָפט טרעפן זיך באמת צוגריף פיל אומשטענדן)? אויב דו וועסט, אפשר, ענטפערן, אַז דאָס האָט געטראָפן, ווייל ס'האָט געבלאָזן אַ ווינט און דער מענטש איז אין יענער צייט געגאַנגען פאַרביי, וועלן זיי דערווידערן: פאַרוואָס-זשע האָט דאַן געבלאָזן אַ ווינט און פאַרוואָס איז פּונקט דער מענטש פאַרבייגעגאַנגען דווקא אין יענער צייט? אויב מען זאָל זיי ווידער ענטפערן, אַז דער ווינט איז געוואָרן דערפון, וואָס דער ים האָט זיך נעכטן אָנגעהויבן צו שטורמען נאָך ביי אַ שטיל וועטער, און אַז דער מענטש איז געגאַנגען לויט אַן איינלאַדונג צו זיין פריינט, וועלן זיי פרעגן — ווייל ס'איז קיין סוף נישטאָ צו זייערע קשיות — פאַרוואָס-זשע האָט דער ים געשטורעמט און פאַרוואָס איז דער מענטש געווען איינגעלאַדן דווקא אין יענער צייט? און אַזוי ווייטער וועלן זיי נישט אויפהערן צו פרעגן וועגן די סבות פון די סבות אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן נישט דערגיין צו גאָטס ווילן, ד. ה. צו דעם

אַזוי אַרום איז דער טעלעאָלאָגישער קוק אויף דער נאַטור פּראָסט און פּשוט אַן עם-הארצישער קוק. דאָס האָט נאָך פאַרשטאַנען בעקאָן, וואָס האָט געזאָגט, אַז „דאָס שטודירן די צילמעסיקע סבות איז ענלעך צו אַ מאָנאַכין: ס'איז געהייליקט צו גאָט און פּרוכטלאָז".

ווי זשע רעאַגירן דערויף די גייסטלעכע? אויסשעפּנדיק אַלע זייערע לעכערלעכע אַרגומענטן, דערקלערן זיי צוזאַמען מיט דענגערט: „נאָר יענער לייקנט אָפּ אַ ציל אין דער נאַטור, וואָס וויל נישט זעען קיין כוונה אין דער נאַטור אָדער גייט אַרויס פון דער דאָגמע, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט". הייסט עס, נאָר יענער אָנערקענט צילמעסיקייט אין דער נאַטור, וואָס וויל אומבאַדינגט זעען אין דער נאַטור שכל, חכמה? ווי ס'זאָל זיך נישט דרייען דער דורכגעטריבענער טעאָלאָג, קומט ער אַלץ צו דעמזעלבן „באַוויז": גאָט עקזיסטירט, ווייל... איך גלויב אין אים!

אַגב, ווילן מיר באַמערקן, אַז מען דאַרף גאָרנישט זיין קיין דאַרוויניסט, כדי צו פאַרשטיין, אַז דער צילמעסיקער קוק, די טעאָריע פון שכלדיקער צוועקמעסיקייט פאַרפלאָנטערט זיך אַליין אין אירע הנחות. באמת טאַקע, אויב די פלייש-

---

מקום-מקלט פון עם-הארצות. דעסגלייכן, זעענדיק דעם געבוי פונם מענטשלעכן גוף, ווערן זיי פאַרוווּנדערט, און דערפון, וואָס זיי ווייסן נישט די סבות פון אַזאַ מייסטערהאַפטן געבוי, מאַכן זיי דעם אויספיר, אַז ער איז נישט געמאַכט דורך אַ מעכאַנישער, נאָר דורך אַ געטלעכער אָדער איבערנאַטירלעכער קונסט און איז געבויט אַזוי, אַז איין טייל זאָל נישט שאַדן דעם צווייטן. דערפון שטאַמט דאָס, וואָס יעדער איינער, וואָס זוכט די אמתע סבות פון דידאָזיקע ווונדער און באַמיט זיך פאַרשטיין די זאַכן אין דער נאַטור, ווי אַ געלערנטער און נישט פּשוט זיך וווּנדערן אויף זיי, ווי אַ נאַר, ווערט אויף טריט און שריט גערעכנט פאַר אַן אַפּיקורוס און אַ רשע און ווערט אַלס אַזעלכער פּראָקלאַמירט מצד יעניקע, וועלכע דאָס פאָלק ערט אַלס פאַרטייטשער פון דער נאַטור און די געטער. ווייל זיי ווייסן, אַז נאָכן באַזייטיקן דאָס עם-הארצות וועט אויך פאַרניכטעט ווערן די טיפע פאַרוווּנדערונג, ד. ה. דאָס איינציקע מיטל, וואָס זיי פאַרמאָגן פאַר זייער אַרגומענטאַציע און אויף אונטערצוהאַלטן זייער אויטאָריטעט".

עסער-בעלי-חיים באַזיצן די אַלע אייגנשאַפטן, וואָס מאַכן זיי צוגעפּאַסט אויסצושפּירן זייער רויב און אָנצופאַלן אויף אים, דהיינו: אַנטוויקלטע חושים, שאַרפע נעגל און ציין, אַ נוצלעכע פאַר זיי פּעל-באַפאַרבונג און אַ גרויסע פיזישע קראַפט און כיטרעקייט, — פאַרמאָגן, פון דער צווייטער זייט, די בעלי-חיים, וואָס זענען באַשטימט צו זיין פאַר זיי שפּייז, אייגנשאַפטן, וועלכע העלפן זיי אויסצומיידן אָנפאַלן. קומט אויס, אַז איין ציל, גייענדיק קעגן דעם אַנדערן, פאַרניכטן זיך קעגנזייטיק. אויב די אַנטילאָפּע איז „באַשטימט" פאַר אַ שפּייז דעם טיגער, טאָ צו-וואָס האָט זי, אויב אַזוי, אויפגעהאַלטן די שטרעבונג און מעגלעכקייט אויסצומיידן זיינע נעגל. וואָלט די אַנטילאָפּע נישט נעהאַט געוויסע, געגעבענע איר אייגנשאַפטן (למשל, אַ שנעלן לויף), וואָלט די אויפגאַבע פונם טיגער דאָך געווען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אים פאַרלייכטערט, ד. ה. אַ קלענערע זאָרג וועגן דער אַנטילאָפּע וואָלט געהאַט אַלס פאָלג אויך אַ מעגלעכקייט פון אַ קלענערער זאָרג וועגן טיגער. און פאַרקערט אויך. אָדער אַן אַנדער ביישפּיל: אויב אין דער נאַטור איז אַלץ געמאַכט מיט חכמה, מיט אַ ציל און אויב דער מענטש איז ווירקלעך — ווי דאָס באַהויפּטעט די רעליגיע — די הויפּט-זאָרג פון דער השגחה, וואָלט דאָך זיך באַדאַרפט דאַכטן, אַז אין דער נאַטור דאַרף קיין אָרט נישט זיין פאַר יענע אָרגאַניזמען, וואָס שטערן דער עקזיסטענץ פונם דאָזיקן „ליבלינג". צו-וואָס זשע זענען געשאַפן באַקטעריעס פון פאַרשידענע קרענק (טיפוסן, כאָלערע, סיפיליס, שווינדזוכט א. א. וו.), וואָס לעבן אויפן חשבון פון טויט און ליידן פון דערדאָזיקער „קרוין פון דער שאַפונג"? און פאַרוואָס, בכלל, איז איין בעל-חי באַשטימט אויפצופרעסן אַנדערע אָדער צו ווערן אויפגעפרעסן דורך אַנדערע?

די מעשה איז אַ פּשוטע — אין דער נאַטור איז נישטאָ קיין שום ליבלינגען: דער מענטש, דער גיפטיקער שלאַנג, דער היישעריק, דער כאָלערע-באַציל א. א. וו. — זענען גלייך טיילן פון דער נאַטור און אונטערגעוואָרפן

א י ר ע ש ט ר ע נ ג ע ג ע ז ע צ ן (קאַמף פאַר עקזיסטענץ, ירושה, פאַרמערונג א. א. וו.). ווי לעכערלעך ס'איז באַך דעם צו רעדן וועגן אַ „פּאָרויס-איינגעשטעלער האַרמאָניע", וועגן אַרויסווייזן זיך אין דער נאַטור פונם ווילן פונם באַשע-פער אָדער פון אַ גרויסער ציל-שטעלנדיקער „חכמה"?!

אַלזאָ, ד ע ר ט ר י ו מ ף פ ו ן ד אַ ר ו י-נ י ז ם א י ז ד י ב אַ ש ט ע ט י ק ו נ ג פ ו ן אַ ט ע י ז ם, דער באַנקראָט פונם גרינטלעכסטן „אָביעקטיוון" באַווייז פון דער עקזיסטענץ פון גאָט. נישט אומזיסט האָט איינער פון די גרעסטע „וויסנשאַפטלעכע" פאַרטיידיקער פונם קלער, פּראָפ. א. וו. טיכאָמיראָוו, אָנגערופן דעם דאַרוויניזם „די אַממערסטן אַנטי-קריסטלעכע לערע" און שליסט אײנס פון זיינע ביכלעך מיט אַזעלכע ווערטער: „מיר חזרן איבער, אין פערזאָן פון דאַרוויניזם האָט די וויסנשאַפט אויפגעהויבן דאָס געווער קעגן דעם קריסטנטום: אין דעם איז איר שווער-סטער חטא"*)

*) טיכאָמיראָוו, „די שולד פון דער וויסנשאַפט" (דאַרוויניזם און סבּינאָזיזם).

III.

ווי אַזוי דער קלער „מאַכט שלום"

צווישן דאַרוויניזם און רעליגיע

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן דערויף, אַז ווי נאָר ס'איז דערשינען דאָס הויפּט-ווערק פון דאַרווינען, וואָס האָט, ווי אַ בליץ באַלויכטן די פינסטערע ווינקלען פון דער אַלטער ביאָלאָגיע, זענען גאָטס קנאים פון אַלע סאָרטן און ראַנגען, אין און אָן קאַפּאָטעס, תיכף אויפגערודערט געוואָרן, דערפילנדיק דאָס דערשיינען פון אַ זייער געפערלעכן און זייער ערנסטן שונא. און ווירקלעך, מיטן אַנטשטיין פון דאַרווינס לערע האָט די אַלטע אומאויפהערלעכע מחלוקת צווישן וויסנשאַפט און רעליגיע, ד. ה. צווישן **ווירקלעכקייט און אויסטראַכטעניש** אָנגענומען אַ באַזונדערס שאַרפע פאָרם. לויט דער אַלטער טראַדיציע האָבן די פאָרשטייער פון דער רעליגיע (קודם-כל פון קריסטנטום) נישט איבערגעקליבן קיין מיטלען און דעריבער האָבן זיך אויף דאַרווינס קאָפּ אויסגעגאָסן גאַנצע עמערס רכילות, ס'האָבן זיך אַ שאָט געטון קללות, נישט רעדנדיק שוין וועגן די אומענדלעכע וויצן (למשל, אין דייטשלאַנד האָט מען אויסגעגאָסן אַ מעדאַל — צוליב שפּאָרזאַמקייט אַ בלייענעם — אויף וועלכער דאַרווין איז פאָרגעשטעלט מיט אייזל-אויערן). נאָר אַזוי ווי, נישט קיין רכילות, נישט קיין אנדערע אויסדרוקן פון שנאה, אויפרעגונג און פאַראַכטונג און אַוודאי נישט

קיין קללות און וויצן האָבן נישט געקענט אָפּשטעלן דעם טריומף-צוג פון דאַרוויניזם, ווייל דידאָזיקע לערע האָט מנצח געווען, איז געוואָרן אַ „באַהערשער פון געדאַנקען", איז אַריין אין בלוט און פלייש פון דער וויסנשאַפט, — האָבן די אינטעליגענטערע פאָרשטייער פון דער רעליגיע, די מער פאַרשטענדיקע שוואַרצע בעלי-דרשנים געמוזט מאַכן אַ רייע הנחות און ענדערן די טאַקטיק.

ווייל, אין דער צייט, וואָס מען האָט צונויפגעזאַמלט און געגנוי פעסטגעשטעלט אַ ריזיקע צאָל פאַקטן, וואָס באַווייזן די אומצווייפלהאַפטע ריכטיקייט פון דער לערע וועגן דער „אָפּשטאַמונג פון די מינים", האָט מען אָבער נישט געקענט אָנווייזן קיין איין נאַטור-דערשיינונג, וואָס זאָל ווידערשפּרעכן דערדאָזיקער לערע. נאָך מער! ס'פלעגט זיך אַפילו טרעפן, אַז די קעגנער פון דערדאָזיקער לערע, זוכנדיק באַווייזן, וואָס זאָלן זי אומוואַרפן, פלעגן געפינען פונקט דעם היפּוך דערפון, וואָס זיי האָבן געזוכט און פלעגן ק ע ג ן ז ײ ע ר װ י ל ן נאָר פאַרפעסטיקן דאַרוויניס לערע דורך אַלץ נייע און נייע ראיות: אַזוי אַרום פלעגן פון פיל שאול'ס ווערן פּוילוס'עס. דאָס האָבן נישט געקענט נישט באַמערקן די אַממערסטן ווייטזיכטיקע טעאָלאָגן און קירך-דרשנים, וואָס זענען געקומען צום באַשלוס, אַז פאַרצוזעצן דעם קאַמף מיטן דאַרוויניזם איז אַ האָפנונגלאָזע זאַך. אַזוי איז, למשל, דער דייטשער טעאָלאָג, שראַם, געצוווּנגען געוואָרן צו דערקלערן אין יאָר 1886: „וואָס פאַר אַ געוואַלט עס זאָלן נישט אויפהויבן די כהנים גדולים פון עם-הארצות, פאַרורטיילן אין אבערגלויבנס מיטן ציל צו שטערן דעם זיגרייכן צוג פונם וויסנשאַפטלעכן אמת,—איז די ווייטערדיקע פאַרשפּרייטונג פונם דאָזיקן אמת צווישן פאָלק, אַפנים, בלויז אַ פראַגע פון צייט", ס'איז קלאָר דעריבער, אַז די פאָרשטייער פון דער רעליגיע האָבן נישט געקענט בלייבן ביי זייער פריערדיקער טאַקטיק — זיי האָבן דעם ענין געמוזט געבן אַן אַנדערע ווענדונג. און ווי דאָס איז נישט געווען לעכערלעך, האָבן זיי געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען פיינטלעך געשטימט אין באַצוג צו דער עוואָלוציע-טעאָריע, ווי זיי וואָלטן אויף איר קאָפּ נישט געשיקט קיין דונערן און בליצן.

מאַכנדיק אַזאַ מין **דיפּלאָמאַטישן ריקצוג** האָבן זיי זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַווייזן, אַז דער דאַרוויניזם איז אין תּוך גאָרנישט אין סתּירה מיט דער רעליגיעזער וועלט-אָנשויונג, ד. ה. צו מאַכן שלום צווישן דערדאָזיקער וויסנשאַפטלעכער קאָנצעפּציע מיט די עיקרים פון דער אמונה. אָבער די טעאָלאָגן און זייערע פאַרבינדעטע אַליין האָבן נישט געקענט נישט פילן, אַז דאָס איז אַן אומליייזבאַרע אויפגאַבע, אַז צופרידן זיך גענצלעך מיטן דאַרוויניזם וועט זיי נישט געלינגען. ס'איז קיין וווּנדער נישט דעריבער, וואָס די פאַרטיידיקער פון דער רעליגיע, מאַכנדיק אַ פריינטלעכע מינע, האָבן פאַרבאַהאַלטן אין האַרצן די שנאה צו דער פאַרהאַסטער לערע, אָפוואַרטנדיק אַ גינסטיקן מאָמענט פאַר אַ נייעם אָנגריף אויפן געפערלעכן שונא. אַזאַ מין „פריידיקער" פאַר זיי מאָמענט קומט אָן יעדעס מאָל, ווען די דאַרוויניסטן עפענען אַ דיסקוסיע צוליב דעם אָדער יענעם פּונקט פון זייער לערע, באַמיענדיק זיך זי צו פאַרברייטערן, פאַרטיפן אָדער בכלל אַנטוויקלען, גענויער פאַנאַנדערצואַרבעטן. דאַן דערקלערן זיי „זיגרייך", קלינגנדיק אין אַלע גלאָקן: „דער דאַרוויניזם איז געשטאָרבן! זאָל לעבן די טעאָלאָגיע!".

לאָמיר קודם זען, ווי אַזוי די טעאָלאָגן באַמיען זיך צו „שליסן שלום" מיטן דאַרוויניזם, צו ברענגען אין הסכּם דידאָזיקע לערע מיט דער ביבלישער לעגענדע וועגן בריאת העולם.

פיל אַזעלכע פּרווון זענען בוכשטעבלעך קוריאָזן. איין פּרוּוו באַמיט זיך צו ראַטעווען דעם אויטאָריטעט פון דער ביבל אין די אויגן פון דער עם-האַרצישער רעליגיעז-געשטימטע מאַסע דורכן אַרויסרוקן אַ רייע „באַדינגטע פּירושים". די טעאָלאָגן פאַרזיכערן, אַז דעם „פּסוק" דאַרף מען פאַרשטיין אין אַן „איבערגעטראָגענעם זין" און נישט אַזוי, ווי ס'איז אָנגעשריבן, ווי ס'האָבן אים ביז איצט געלעזן און פאַרשטאַנען די גלויביקע. נעמלעך, ווען אין דער וויסנשאַפט איז אַריינגעפירט געוואָרן די סכעמע פון דער געאָלאָגישער צייט-רעכנונג, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אויסער יעדן צווייפל, אַז דער עבר פון דער ערד צעפאַלט אויף אַ גאַנצע רייע קלאָר פאַנאַנדערגרעניצטע ערן, פעריאָדן און עפּאָכן, האָבן די אָנהענגער פון דער ביבלישער

לעגענדע אָנגעהויבן דערקלערן, אַז אין דערדאָזיקער נייער דער־גרייכונג פון דער וויסנשאַפט איז נישטאָ גאָרנישט, וואָס זאָל ווידערשפּרעכן דער וויסנשאַפט, ווייל, זאָגן זיי, די ביבלישע „ששת ימי בראשית" דאַרף מען נישט פאַרשטיין בוכשטעבלעך, נאָר אין זין פון גרויסע געאָלאָגישע עפּאָכן; דערביי קען יעדע פון זיי דויערן וויפיל מען וויל מיליאָנען יאָרן.

אָבער אַזאַ מין פּירוש גיט אונז גאָרנישט נישט אַזוינס, וואָס זאָל זאָגן וועגן שלום צווישן ביבל און וויסנשאַפט. ווי ס'האָט ריכטיק באַמערקט טשולאָק, איז „דער וואָס גלויבט פעסט אין אַזעלכע זעקס טעג פון שאַפונג, וועט אומגערנוויליק באַמיען זיך צובויגן די פאַקטן צו דערדאָזיקער פאָרויס-באַשטימטער מיינונג און וועט אומבאַדינגט אונטערשיידן זעקס פעריאָדן אָדער ערן. באמת אָבער, איז אַזאַ פאַנאַנדערטיילונג מיט גאָרנישט נישט באַרעכטיקט. און בכלל, וואָס זאָלן מיר צוגלייכן צו אַ טאָג: אַן ערע, אָדער פעריאָדן, אָדער אַן עפּאָכע? נישט אין דעם, נישט אין יענעם פאַל שטימט נישט דער חשבון. ווייטער, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז עס גייט דאָ נישט אַזוי אין דער צאָל פון די „ימי-בראשית", ווי אין דער פראַגע פון קאָנטינואיטעט און אומאויפהערלעכקייט פונם איבערגאַנג פון איין פעריאָד צום צווייטן, פון איין עפּאָכע צו דער צווייטער. ווער ס'האָט אָנער־קענט די געאָלאָגישע פעריאָדן, נאָר האָט זיי געטייטשט אַלס פעריאָדן פון טעטיקייט פון אַ באַשעפער, דער האָט געוויינלעך אויך אָנערקענט, אַז צווישן דידאָזיקע פעריאָדן פון שעפערישער טעטיקייט זענען געווען שאַרף-אָנגעצייכנטע איבעררייסן, באַגלייטע דורך קאַטאַסטראָפעס, דורך פאַרניכטונג פון אַלעם, וואָס האָט געלעבט אינם פריערדיקן פעריאָד און דורך פאַרטוישן זיי דורך גאַנץ נייע פאָרמען. אָבער ביי אַזאַ מין הנחה וואָלטן מיר נישט געקענט פאַרשטיין די דייטלעך-שטופנווייזע דערנענטערונג פונם פריערדיקן צוזאַמענשטעל און כאַראַקטער פון דער בעלי-חיים-באַפעלקערונג פון דער ערד צו איר איצטיקן צוזאַמענשטעל און כאַראַקטער"*).

עס טרעפן זיך, אמת, צווישן די טעאָלאָגן אויך אַזעלכע

---

*) טשולאָק: „די עוואָלוציע-טעאָריע".

„דרייסטע", וואָס זאָגן זיך אָפּ פון דער „קאַטאַסטראָפעס-טעאָריע". זיי באַמיען זיך איינצורעדן דער גאַנצער פינסטערער מאַסע, וואָס גלויבט גערן אין וואָס מען וויל, אַבי ס׳זאָל נישט אונטערגיין דאָס „געטלעכע בוך", אַז אינם דאָזיקן בוך רעדט זיך גאָרנישט וועגן קיין פּלוצימדיקער שאַפונג, אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט נישט מיט אַמאָל, נאָר בהדרגה. הייסט עס, כאָטש אין תנ"ך רעדט זיך וועגן פרימאָרגן און אָוונט פון יעדן שאַפונג-טאָג, דאַרף מען זיך אָבער דערמיט נישט רעכנען, וואָס עס ווערן דאָ אָנגערופן טעג, נאָר מיט דער אָרדנונג פון שאַפן, מיט דער עוואָלוציע: צוערשט דאָס ליכט, דערנאָך די זון, דערנאָך די חיות און, ענדלעך, דער מענטש. נאָר אויב אַלץ אויף דער וועלט איז פאָרגעקומען אויפן וועג פון שטופנווייזער אַנטוויקלונג, טאָ קען מען דאָך צוזאַמען מיט דאַרווינען זאָגן, אַז די אָרגאַנישע מינים זענען נישט קיין שטענדיקע, זענען נישט דערשינען „פאַרטיקערהייט".

ס׳איז זייער לייכט איינצוזען דעם פולקאָמען ווילקיר פון אַזאַ מין באַדינגטער, נישט בוכשטעבלעכער אויסטייטשונג פון דער ביבל, אויב מיר וועלן אויפמערקזאַם איבערלייענען די אַנטשפּרעכנדיקע פסוקים פון ספר בראשית. דאָרט זאָגט זיך, למשל, אַז נאָך זעקס טעג אַרבעט האָט גאָט גערוט דעם זיבעטן טאָג, שבת, און פאַרזאָגט די מענטשן אויך צו פייערן איין טאָג: דווקא טאַקע צו רוען איין „טאָג" און נישט גאָר אַ ריי מיליאָנען יאָרן! גלייכצייטיק דערמיט ווייזט דער חומש גאַנץ דייטלעך אָן אויף דעם אונטערשיד צווישן די מינים, אַלס אויף אַן איינגעשטעלטן דורך גאָט אין אַ שטענדיקן: „החיה למיניה" זאָגט זיך נישט איינמאָל אינם סיפּור מעשה בראשית. אַזוי אַרום שטערט די ביבל אַליין די טעאָלאָגן צו פאַרבינדן איין עק מיטן צווייטן.

אָט פאַרוואָס די געבילדעטסטע טעאָלאָגן, נאָך אַלע זייערע פּרוּוון צו פאַרבינדן דאָס, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרבינדן, זענען סוף-כּל-סוף געצוווּנגען געווען צו דערקלערן, אַז די ביבל איז נישט קיין אויטאָריטעט אין וויסנשאַפטלעכע פראַגן, אַז זי

פאַרנעמט זיך בלויז מיט די פראַגן פון דת, מיט דעם, וואָס האָט אַ שייכות צו דער „מאָראַלישער זייט פונם מענטש". דענגערט, למשל, זאָגט: „די ביבל איז פאַר מיר גאָטס וואָרט און התגלות, אָבער נישט אין ריין ערדישע און נאַטירלעכע זאַכן: די ביבל און איר לעגענדע וועגן בריאת-העולם איז נישט קיין לערבוך פון נאַטור-וויסנשאַפט. די התגלות השכינה אין דער ביבל איז נוגע די אייביקע זייטן פון דער מענטשלעכער נשמה"*).

פונקט אַזוי שרייבט אויך איינער פון די אָנגעזעענסטע ענגלישע טעאָלאָגן: „דער ספר בראשית האָט געמוזט מיט זיך פאָרשטעלן זייער אַ פשוטע דערציילונג, וועלכע זאָל קענען ווערן אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק דורך פרימיטיווע פעלקער, וואָס זענען ענלעך צו אַ קינד. דער ספר בראשית האָט נישט געהאַט קיין ציל צו לערנען וויסנשאַפט; עסה אָט באַדאַרפט זיין די אָנפאַנג-טעאָלאָגיע"**). הייסט עס דאָך, אַז אַפילו צווישן די טעאָלאָגן אַליין האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן דערקלערט, אַז מען מוז אָפוואַרפן דעמדאָזיקן פרינציפיעלן קוק, אַז די גאַנצע ביבל איז אונטערגעזאָגט דורך גאָט, אַז אַלץ איז אין איר ברוח הקודש, הייליק: די גאַנצע מעשה וועגן בריאת העולם אין זעקס טעג איז אין תוך גענומען אַ מעשה פאַר קינדער אָדער ווילדע!

דאָך, ווי דער טעאָלאָג זאָל נישט טייטשן די ביבל, מוז ער אָבער אומבאַדינגט „אַרויסראַטעווען" גאָט, ראַטעווען די פאָרשטעלונג וועגן אַלמעכטיקן באַשעפער פונם אָנגריף פון דאַר-וויניזם. וואָס זשע, אַ שטייגער, האָט די קירך אונטערגענומען באַזונדערס די קאַטוילישע, די אינטעליגענטסטע און דערפאַרנ-סטע פון אַלע קירכן? זי האָט אין דעם פאַל געטון, ווי מיטן סאָציאַליזם: זי האָט אָנגעהויבן שאַפן איר אייגענעם „דאַר-וויניזם", — אַ לערע וועגן עוואָלוציע אויף אַ „געטלעכן יסוד"!

ווירקלעך, ווען די „פלאָג" פון סאָציאַליזם האָט אַלץ מער אָנגעהויבן אָנשטעקן דעם שכל און דאָס האַרץ פון מענטשן, וואָס האָבן זיך ביז דאַן געפונען אונטער דער השפעה און כסדרדיקן

*) דענגערט: „צי איז גאָט געשטאָרבן".

**) „אַלטע גלויבנס און נייער וויסן". Nobody (רוסישע איבערזעצ.)

קאָנטראָל פון די „הייליקע פאָטערס", און ווען ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז מיט דערדאַזיקער „מגפה" קען מען נישט קעמפן דורך קירכלעכע רעפּרעסיעס, — דאַן האָבן די קליגסטע און ווייטזעעוודיקסטע גלחים דערפונדן דעם „קריסטלעכן סאָציאַליזם" און האָבן מיט שטאָלץ דערקלערט די פיל מיליאָנען שעפעלעך זייערע, אַז די קירך, און נאָר זי אַליין, איז פונם אַנטשטיין פון קריסטנטום אָן געווען די פּרעדיקערין פון „אמתן" סאָציאַליזם און אַפילו קאָמוניזם. און אָט האָט די געשיכטע זיך אין אַ געוויסער צייט אַרום איבערגעחזרט, נאָר שוין אין אַן אַנדערער פאָרם: דאַן האָט מען באַדאַרפט דערשלאָגן די „הידרע פון סאָציאַליזם", „מאַכנדיק שלום" צווישן איר מיט די דאָגמען פון קריסטנטום; איצטער מוז מען אויפהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער קריסטלעכער (בכלל, רעליגיעזער) וועלט-אָנשויונג, „שלום-מאַכנדיק" צווישן אירע גרונט-עיקרים מיט די אויספירן פון דער נאַטור-פאָרשונג. דיזעלבע צילן, דיזעלבע מיטלען! אָבער, פאַרשטייט זיך, נישט קענענדיק די וויסנשאַפט, קען קיין רייד נישט זיין, אַז מ'זאָל זיך קענען אַן עצה געבן מיט אַזאַ „גאָטפאָרכטיקער" אויפגאַבע.

אָט פאַרוואָס דער פּויבסט לעאָ XIII האָט געזאָגט: „ס'איז בויטיק, אַז דער באַשיצער פון דער אמונה זאָל מער, ווי אין פריערדיקע צייטן, זאָרגן וועגן שטודירן די נאַטור-וויסנשאַפט". דעסגלייכן, האָט דער פּויבסט פּיוס X אין זיין ענציקליק פון 9-טן סעפּטעמבער 1907 יאָר געשריבן: „באַמיט זיך מיט התמדה צו שטודירן די נאַטור-וויסנשאַפט, די געניאַלע אַנטדעקונגען, וואָס זענען אויף דעם געביט געמאַכט געוואָרן אין אונזערע טעג, אַנטדעקונגען, וואָס רופן מיט רעכט אַרויס די אַנטציקטע צושטימונג פון אונזערע צייט-חברים, וועלן אויך אין דער צוקונפט זיין אַן אָביעקט פון באַוווּנדערונג און לויב". מיט איין וואָרט, די קירך האָט באַשלאָסן, אַז איין קלין שלאָגט מען אַרויס מיטן צווייטן און כדי אומצוקערן אין איר שויס די פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלעך, כדי צו פאַרפעסטיקן דעם דערשיטערטן גלויבן, האָט זי אַרויסגערוקט אירע נאַטוראַליסטן, ד. ה. זי האָט געשיקט אירע בעסטע זין צו שלאָגן די וויסנשאַפט מיט דער וויסנשאַפט. אויף אַזאַ אופן האָט די קירך,

ענלעך ווי דעם קריסטלעכן סאָציאַליזם, דערפונדן א י ר א יי-
נ ע נ ע פאַרקריפּלטע אַנטוויקלונג-לערע — אַ „ק ר י ס ט ל ע כ ן
ד אַ ר ו י נ י ז ם", ד. ה. זי האָט „געמאַכט שלום" צווישן דער
עוואָלוציע-אידיי מיט דער אידיי פון גאָט.

אַוודאי באַזירט דידאָזיקע גאַנצע „אָפּעראַציע" אויף
ש ו י נ ד ל א ו ן ס אָ פ י ס ט י ק. ווי ס'האָט ריכטיק באַ-
מערקט לונקעוויטש, „האָט די קירך, אין פולער באַוואָפנונג פון
די געוויינלעכע מעטאָדן פון יעזואיטיזם און סאָפיסטיק, פון
אייניקע וויסנשאַפטלעכע אידייען, אָנגעהויבן אָפּוואַרפן אַנדערע
וויסנשאַפטלעכע אידייען, אָנרופנדיק נאָך דערצו דידאָזיקע שענד-
לעכסטע פאָרם פון אינטעלעקטועלן פּאַראַזיטיזם, דידאָזיקע אַב-
סורדאַלע אמאלגאַמע פון יאָרהונדערטער-אַלטע פאָראורטיילן מיט
די גלענצנדיקסטע דערגרייכונגען פונם מענטשלעכן געדאַנק, מיטן
נאָמען פון בונד פון דער קירך מיטן פינקטלעכן וויסן, פון
שלום צווישן וויסנשאַפט און רעליגיע... די צייטן ענדערן זיך.
די „שעפעלעך" זענען געוואָרן קליגער, פאָדערן מער. דעריבער
קומט אויס זיי איינצוויגן מיט אַנדערע לידלעך, וואָס זענען
געבויט אויף אַן אַנדער אופן, מיט העפלעכע פאַרנייגונגען פאַרן
נעכטיקן קעגנער, וועלכן עס ווילט זיך דאָך אַזוי איינשפּאַנען
אין אייגענעם רייטוואָגן, כּדי דורכפאָרן זיך אויף אים מיט
טריומף פאַר די אויגן פון דער פרומער „סטאַדע" דערפרייען די
הערצער פון די גלויביקע דורך דער אייניקייט פון די דינער
פון דער רעליגיע מיט די כּהנים פונם אמת"*).

דאָך, צי האָט דער פאַרקריפּלטער קריסטלעכער „דאַרווי-
ניזם" אַן אויסזיכט אויף דערפאָלג? — ס'וועט אונז נישט שווער
זיין דערויף צו ענטפערן, ווען מיר וועלן זיך באַקענען מיט די
נייעסטע מאָדעלן פון דער „יעזואיטישער וויסנשאַפט", וואָס
באַמיען זיך צו דערפירן די וויסנשאַפט און רעליגיע צו אַ
„פשרה" צווישן זיך.

די געבילדעטע יעזואיטן, ווי פלינקע פאַנגער פון נאַיווע
נשמות, באַמיען זיך, אַרויסרוקנדיק די „קירכלעכע עוואָלוציע-
לערע", צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז די עוואָלוציע פון דער

*) לונקעוויטש: „די יסודות פונם לעבן", באַנד II

נאַטור שטעלט אַרויס אין נאָך אַ בעסערער שיין און אין נאָך אַ ברייטערן מאַסשטאַב די חכמה און מאַכט פונם באַשעפער. למשל, דער געבילדעטער קאַטוילישער גלח, זאנדער, שרייבט: „אונזערע איצטיקע פאָרמען פון דער מאַטעריע זענען נישט קיין דירעקטע שאַפונג פון גאָט, נאָר שטעלן מיט זיך פאָר אַ רעזולטאַט פון די פאָרמירנדיקע כּוחות, וועלכע זענען דורכן באַשעפער אַריינגעלייגט געוואָרן נאָך אין דער אורשפּרינגלעכער מאַטעריע, און וועלכע האָבן דערנאָך שטופנווייז אַרויסגעוויזן זייער טעטיקייט, אין פאַרלויף פון דער געשיכטע פון דער ערד, אין די פאַלן, ווען די אויסערלעכע סבות זענען דערצו געווען גינסטיק". אָבער, אין תוך גענומען, איז אַזאַ קוק אין אָפּקלאַנג פון ד ע י ז ם, וואָס לערנט, אַז גאָט האָט בלויז געשאַפן די מאַטעריע מיט אירע אייגנשאַפטן, איבערלאָזנדיק אַלץ דעם נאַטירלעכן גאַנג פון די זאַכן, נישט אַ ר יי נ מ י ש נ ד י ק זיך אין די פּראָצעסן פון דער נאַטור, אַזוי אַז די נאַטור איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל ענלעך צו אַ מאַשין, וואָס איז געלאָזט אין באַוועגונג, ד. ה. אַלץ גייט אין איר פאָר פון זיך. אָבער אַזאַ מין קוק מוז דאָך פונם שטאַנדפּונקט פון אַ גלויביקן באַטראַכט ווערן, ווי אַ ג אָ ט - ל ע ס ט ע ר נ ד י ק ע ר!

זיין קלאַסישע, כאַראַקטעריסטישסטע און פאַרענדיקטע פאָרם האָט דער גלחישער „דאַרוויניזם" באַקומען ביי אַן אַנדערן גאון פון דער קירך, ביים מיטגליד פונם יעזואיטן-אָרדען, עריק וואסמאַן*). דערדאָזיקער גלח פאַרמאָגט אַ ברייטע און פולקאָם פאַרדינטע באַרימטקייט אין די וויסנשאַפטלעכע קרייזן אַ דאַנק אַ רייע פון זיינע אויסגעצייכנטע פאָרשונגען וועגן לעבן פון די מוראַשקעס און זייערע שטענדיקע געסט. נאָר זיין וויסן און פאָרשונגען געפינען זיך אין אַ גוואַלטיקער סתירה מיט זיינע רעליגיעזע אָנשויונגען, מיט זיינע פיינלעכע פּרוּוון צו ברענגען צו אַ הסכם צווישן דער לערע פון אַנטוויקלונג מיט דער פאָרשטעלונג וועגן גאָט. אין רעזולטאַט האָט ער זיך פולקאָם האָפנונגלאָז פאַרפּלאָנטערט אין זיין י ע ז ו א י ט י ש ע ר

*) זע זיין בראָשור: „די אַנטוויקלונג-טעאָריע און דאָס קריסטנטום"

„ד אַ ר וו י נ י ז ם" ש ט ע ל ט מ י ט ז י ך פ אָ ר אַ ג ע מ יי־
צ ע פ ר אָ ס ט י ט ו א י ר ו נ ג פ ו ן ד ע ר וו י ס נ ש אַ פ ט.

אַלס נאַטור־פאָרשער, וואָס האָט געגעבן ווערטפולע וויסנ־
שאַפטלעכע אַרבעטן, דערקלערט זיך וואסמאַן דרייסט פאַר אַן
אָנהענגער פון דער עוואָלוציע־טעאָריע בכלל און פון אייניקע
אידייען פון דאַרוויניזם בפרט. נאָר באַלד אויפן אָרט שאַפט ער
זיך „פון דער זייט" אַ סתירה, פאַרזיכערנדיק, אַז צווישן דעם
„נאַטירלעכן וויסן" און צווישן גלויבן אין „איבערנאַטירלעכער אַנט־
פּלעקונג" הערשט שלום און האַרמאָניע. ער זאָגט: „צווישן נאַטיר־
לעכן וויסן און איבערנאַטירלעכער אַנטפּלעקונג קען נישט זיין
קיין שום ווירקלעכע סתירה, ווייל ביידע זענען זיי אַנטשטאַנען
פונם זעלבן געטלעכן גייסט... די אַנטוויקלונג־טעאָריע, ביי וועל־
כער איך האַלט זיך, אַלס נאַטור־פאָרשער און פילאָזאָף, באַזירט
אויפן יסוד פון דער קריסטלעכער רעליגיע, וועלכע איך אָנער־
קען אַלס די איינציק ריכטיקע: צוערשט האָט גאָט געשאַפן
דעם הימל און די ערד (בראשית ברא אלהים את השמים ואת
הארץ)". אָבער ער פ אַ ר ש וו ייַ ג ט, געווייינטלעך, וועגן דעם
פאַרביסענעם קאַמף, וועלכן דער וויסנשאַפט קומט כסדר אויס
צו פירן קעגן דעם גלויבן אין געטלעכער אַנטפּלעקונג און ער
זאָגט אונז, ווי אַזוי ער שטעלט זיך פאָר דאָס „שאַפן פון גאָר־
נישט" (יש מאין) און וואָס פאַרשטייט ער אונטער די ווערטער
„גאָט אין הימל".

ווייטער, אָנערקענט וואסמאַן גערן, אַלס נאַטוראַליסט, אַז
די איצטיקע קאָמפּליצירטע אָבער צווישן זיך קרובהשע מיני־
פון בעלי־חיים און געוויקסן שטאַמען אָפּ, לויט דאַרווינען, דורך
פאַרענדערונגען און אונטער דער ווירקונג פון נאַטירלעכן אָפּ־
קלייב, פון אַ מער פּשוטן אורשפּרינגלעכן מין, וועלכן ער רופט
אָן דער „נאַטירלעכער מין". דאָס זעט ער צום בעסטן אויפן
ביישפּיל פון די פון אים שטודירטע מוראַשקעס. 4000 מיני־
מוראַשקעס, אין דער קרובהשאַפט פון וועלכע ער האָט זין
פולשטענדיק איבערגעצייגט אויפן סמך פון די דורך אים צונויפ־
געזאַמלטע פאַקטן, זאַמלט ער צונויף אין איין „נאַטירלעכן מין",
ד. ה. ער רעכנט, אַז די אַלע מינים זענען אַנטשטאַנען פון
איין אורשפּרינגלעכן מין. אָבער, גיט צו וואסמאַן — דידאַ[illegible]

אורשפרינגלעכע „נאַטירלעכע מינים" — זענען די יצירה פונם וועלט־בורא: מיט כּוח פונם אויבערשטן „יהי" זענען זיי אַנטשטאַנען צום לעבן און דערנאָך, געהאָרכזאַם דעם אַלמעכטיקן ווילן פונם בורא, וואָס האָט געזאָגט: „פּרו ורבו ומלאו את הארץ" (מערט זיך און באַפעלקערט די ערד), האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פאַרענדערן, פון זיך, אָן שום איבערנאַטירלעכער אַריינמישונג, ד. ה. ווידער אַמאָל אין הסכּם מיט דער לערע פון דעיזם. „גאָט — זאָגט ער — וועט דאָך נישט גיין זיך אומ־מיטלבאַר אַריינמישן אין נאַטירלעכן גאַנג פון די זאַכן דאָרט, ווו ער קען דערגרייכן דעם ציל, באַנוצנדיק זיך מיט נאַטירלעכע סבּות". אָבער, דאָס זענען אַלץ הוילע באַהויפּטונגען. וואסמאַן ברענגט נישט קיין איין פאַקט און קיין איין לאָגישן אַרגומענט לטובת זיין דערקלערונג, אַז די לערע וועגן עוואָלוציע פירט נישט צו דער פעסטער באַגרינדונג פון דער איבערנאַטירלעכער שאַפונג־טעאָריע.

נאָר באַזונדערס באַמערקנסווערט איז אָט וואָס: כאָטש וואסמאַן, אַלס נאַטור־פאָרשער, אָנערקענט, אַז דער אָרגאַניזם פונם מענטש איז קרובהיש צו די אָרגאַניזמען פון די העכערע זויגערס, האַקט ער דאָך אָפּ דעמדאָזיקן אויספיר און מאַכט אַ פאָרבאַהאַלט, אַז די קרובהשאַפט איז נישט נוגע דער גייסטיקער זייט פונם מענטש, אַז די מענטשלעכע נשמה גייט אַרויס פון די ראַמען פון וויסנשאַפטלעכער דערקענטניש, ווייל זי איז באַשאַפן אויף אַ באַזונדערן אופן. ער זאָגט: „די מענטשלעכע נשמה, אַלס עפּעס אַ גייסטיקס, קען נישט אָפּשטאַמען פון דער מאַטעריע, אַפילו דורך דער אַלמעכטיקער מאַכט פון גאָט, ווי דאָס ווערט געטון בייט אַנטשטיין פון די עיקרדיקע פאָרמען פון בעלי־חיים און געוויקסן". געוויס, אויך דידאָזיקע דערקלערונג איז לחלוטין אויף גאָרנישט באַגרינדעט און שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּוסטן קלאַנג. נאָר ס'איז מאָדנע, וואָס די גלויביקע אַליין פּראָטעסטירן נישט קעגן אַזעלכע „קנאים". פונם שטאַנדפּונקט פון אַ גלויביקן איז דאָך דאָס אַ פאַרלייקענען די אַלמעכטיקייט ביים „אַלמעכטיקן בורא" — אַ „חילול השם" נישט צום מוחל זיין. אַפּנים, די גלויביקע פאַרשטייען, אַז אַזאַ מין חילול השם איז זיי זייער

נוצלעך, אַז דאָס איז זיי נויטיק, כדי אויפצוהייבן די נשמה אויף אַן אומדערגרייכלעכן פאַר דער וויסנשאַפט פּעדעסטאַל און מאַכן זי אויסשליסלעך פאַר אַ נחלה פון דער קירך...

נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט געניטער אויסצולייגן און פאַנאַנדערקלויבן די פאַרפּלאָנטערטע, זייער סתירותפולע אידייען פון וואסמאַנען און אַנדערע קריסטלעכע „עוואָלוציאָניסטן”, וועלן מיר נאָר אָנווייזן אין אַלגעמיינע שטריכן אויף זייער מעטאָד פון פאַרטיידיקן זייער האָפנונגלאָזע זאַך. קודם כל, איגנאָרירן זיי אָדער פאַרלייקענען פּראָסט און פשוט דאָס אַלץ, וואָס פּאַסט זיך נישט איין אין זייער בונט יעזואיטיש קרעמל. צוזאַמען דערמיט צעדרייען זיי סיסטעמאַטיש, פאַרקריפּלען אַלע פראַגן און ענטפערן פון דער וויסנשאַפט, אַזוי אַז די יסודות פון וויסן ווערן זייער געשיקט אונטערגעריסן, פאַרקריפּלט. אין אַלגעמיין, האַלטן זיי זיך ביים כלל: פריי באַנוצן זיך מיט די פאַקטן אַליין, כדי, פאַרענדערנדיק און פאַרדרייענדיק זיי דורך פאַרשידענע סאָפיסטישע קונצן, פאַרטונקלען דעם ענין און „באַווייזן” פונקט דאָס להיפוכדיקע פונם אמת, ד. ה. שלום מאַכן צווישן אוממעגלעכע קעגנער — דער וויסנשאַפט און רעליגיע. גישט אומזיסט האָט עשעריק געזאָגט: „אויב אַ ווירקלעכע פשרה צווישן דער טעאָריע פון פאַרענדערלעכקייט פון די מינים און צווישן די קירכלעכע דאָגמען איז מעגלעך נאָר אין דער פאָרם, ווי דאָס דערגרייכט עס וואסמאַן, האָט ער געגעבן דעם אָנשוילעכסטן באַווייז פאַר דעם, אַז אַזאַ פשרה איז פשוט אוממעגלעך. דאָס, וואָס וואסמאַן לייגט פאָר, אַלס עוואָלוציע-טעאָריע, איז דאָך אַ צעקאַלעטשעט וועזן ביז צום נישט דערקענען, וואָס קען זיך קיינמאָל נישט אַרויסווייזן פאַר לעבנס-פעיק”. מיר מוזן, מיט איין וואָרט, קאָנסטאַטירן צוזאַמען מיט העקקעלן, אַז „די עוואָלוציע-אידיי און די קירכלעכע וועלט-אָנשויונג געפינען זיך אין אַ דיאַמעטראַלן און אומפאַראייניקלעכן קעגנזאַץ צווישן זיך און די פרווון פון די יעזואיטן פון דער נייעסטער פאָרמאַציע שלום צו

מאַכן צווישן דידאָזיקע צוויי קעגנער באַזירן אויף שווינדל און סאָפּיסטיק"*).

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט שאַדט נישט אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף פאָלגנדיקן זייער כאַראַקטעריסטישן און גלייכצייטיק טראַגי-קאָמישן מאָמענט. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, ווערט דער דאַרוויניזם פאַר דער לעצטער צייט זייער שטאַרק פאַרפאָלגט אין די פאַרייניקטע שטאַטן און איז אין אַ רייע שטאַטן פול-קאָם אַרויסגעטריבן געוואָרן פון אַלע שולן, אַפילו פון די העכערע. דאָסדאָזיקע אַרויסטרייבן איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן געזעצגעבערישן וועג, אַזוי אַז דאָס נישט אָפּהיטן דעמדאָזיקן געזעץ ווערט גאַנץ פילבאַר באַשטראָפט דורכן געריכט (דער פּראָצעס פונם לערער סקאָפּס, וואָס איז באַוווסט אונטערן נאָמען פון „מאַלפּע-פּראָצעס"). הייסט עס, אַז דער דאַרוויניזם איז דאָרט געוואָרן אָפיציעל אַן „אומגעזעצלעכע" לערע, „וואָס איז קעגנעריש צום געזעלשאַפטלעכן וווילשטאַנד", ד. ה. שעדלעך פאַר

*) העקקעל: „דער קאַמף פאַר דער עוואָלוציע-אידיי". — אינם זעלבן ביכל דערציילט העקקעל, ווי אַזוי ער האָט נישט איין מאָל געפילט אויף זיך אַליין, וואָס פאַ־א ראָל דער סיסטעם פון ליגנס שפּילט אינם קאַמף פונם קלער מיט דער אמתער וויסנשאַפט. אַזוי, למשל, ווען ער האָט אין יאָר 1905 אין בערלין געהאַלטן אַ פאָרטראַג, געווענדעט קעגן וואַסמאַנען, זענען אין די צייטונגען פון אַלע לענדער געווען אָפּגעדרוקט טעלעגראַפישע מעלדונגען, אַז ער האָט געענצלעך אָנערקענט די טעאָריע פונם דאָזיקן גלח און זיך איבערגעצייגט אין דער אומריכטיקייט פונם דאַרוויניזם. אַלס רעזולטאַט — דערציילט העקקעל, — איז געקומען אַ גאַנצע רייע בריוו פון די דערשטוינטע אָנהענגער פון דער עוואָלוציע-טעאָריע, וועלכע האָבן אַלע באַנאַנד געפרעגט וועגן דער סבה פון אַזאַ אומפאַרשטענדלעכער פּראָנט-ענדערונג. איך האָב צוערשט געטראַכט, אַז די פאַלשע טעלעגראַמע איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ מיספאַרשטענדעניש אָדער טעות; אָבער שפּעטער האָט מען מיר געמאָלדן פון בערלין, אַז איר נישט ריכטיקער זין האָט זיך באַקומען באַשיינפּערלעך צוליב אַ פאַרדרייונג מצד אַ פרומען קעמפער פאַר גאָטס נאָמען, וועלכער האָט געוואָלט מיט דער הילף פון אַ ביטערע ליגן ראַטעווען די אמונה; אַנשטאָט די ווערטער „האָט אָפּגעוואָרפן" האָט ער געשטעלט „האָט באַשטעטיקט" און אַנשטאָט „אמת" — דעם היפוך דערפון — „די פאַלשקייט"!

דער קאַפּיטאַליסטישער „געזעץ-אָרדנונג”, וואָס ווירקט צעשטערנדיק אויף דער קלאַסן-אָרדנונג. פונם שטאַנדפונקט פון דער בורזשואַזיע איז עס גאַנץ לאָגיש, ווייל דאָס פאַרשפּרייטן צווישן די מאַסן די אידייען פון דאַרוויניזם באַטייט דעם וווּקס פון אַטעיזם. און דער אַטעיזם פירט אומפאַרמיידלעך צום **רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם**: ווייל אויב אין דער נאַטור איז נישטאָ קיין באַלעבאָס, קיין הערשער, קיין האַר, טאָ צו-וואָס זאָל מען פאַרטראָגן הערן, באַלעבאַטים אָדער אייגנטימער פון פּראָדוקציע-מיטלען, עקספּלואַטאַטאָרן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט ?! פרעגט זיך איצט: וואָס בלייבט איצט איבער צו טון אַ מאָדערנעם אַמעריקאַנישן געלערטן, אַז ער זאָל נישט ווערן אַרויסגעטריבן פון דער שולע, אַז ער זאָל נישט פאַרלירן דעם פּאָסטן, די אַרבעט ?

עס בלייבט אים איבער די פאַלשע און פולע מיט אינערלעכע סתירות לאַגע, און וועלכער עס געפינט זיך געוויינלעך דער טעאָלאָג, וואָס פּאַסט אָבער גאָרנישט פאַר קיין געלערטן. נעמלעך, דעם אומגליקלעכן געלערטן קומט אויס איבערצוחזרן דעם טעאָלאָגישן מישמאַש וועגן דעם, אַז צווישן וויסנשאַפט און רעליגיע איז מעגלעך אַ פולשטענדיקער הסכם און אַן „אמתע” פריינטשאַפט. דערביי טרעפן נישט זעלטן פאַלן פון שוין „צופּיל התמדה”, ווען דער אָדער יענער „געלערטער” באַמיט זיך אין נאָמען פון „שלום” צווישן וויסנשאַפט און רעליגיע „אָפּצורייניקן” דעם דאַרוויניזם פון אַטעאיזם און באַשליסט צו דעם צוועק צו פאַרקריפּלען דעם פאַקטישן אינהאַלט אין ווירקלעכן זין פון דערדאָזיקער לערע. נאָר באַמיענדיק זיך אויפצוהאַלטן זיך אויף דערדאָזיקער גאַנץ פאַלשער פּאָזיציע, ענדיקן אָפּ דידאָזיקע לייט פאַקטיש מיט דער וויסנשאַפט, טראָגן זיך אַליין אַרויס אַ שטרענגן פּסק-דין. ווייל דורך קיין שום שפּיצלעך קען מען נישט פאַרשמירן יענע שאַרפע אומפאַריינלעכע ווידערשפּרוכן, וואָס עקזיסטירן צווישן די, וואָס שטייען אויפן שטאַנדפונקט פון שטרענגער וויסנשאַפט און די, וואָס נויטיקן זיך אינם אויפהאַלטן די רעליגיעזע פינסטערניש.

אַזוי אַרום, **איז אין די בורזשואַזיע לענדער די פראַגע וועגן דאַרוויניזם**

אַרויס פון די ראַמען פון ענג-וויסנשאַפט־לעכע אינטערעסן און באַקומען אַ שאַרף-אויסגעדריקטן קלאַסן־כאַראַקטער. און אַזאַ לאַגע וועט זיך ציען ביז דאַן, ווען דער קאַמף פון די אַרבעטער- און פויערים-מאַסן וועט מאַכן אַ סוף צו דעם עקאָנאָמישן קלאַסן-סיסטעם, וואָס נויטיקט זיך אין דער הערשאַפט פון דער רעליגיעזער פינסטער־ניש.

IV

ווי אַזוי דער קלער „צעקלאַפּט" דעם דאַרוויניזם

מיר האָבן געזעען, אַז דער דאַרוויניזם שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַנטי-טעלעאָלאָגישע לערע, ד. ה. אַזאַ, וואָס שליסט אויס דאָס פאַראַנען זיין איז דער נאַטור פון וועלכער ס'איז כּוונה, שכל. אַרויסגייענדיק פונם קויזאַליטעט-פּרינציפּ, זאָגט זי אונז, אַז אין דער נאַטור איז נישטאָ קיין שום ציל, פּונקט אַזוי, ווי ס'איז נישטאָ קיין שום אָרדנונג אָדער אומאָרדנונג, נוצלעכס, אָדער שעדלעכס, וועזנטלעכס און אומוועזנטלעכס, שיינס און מיאוסעס. אין איר איז פּשוט דאָ זיין און ווערן, אַלס אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון נאַטירלעכע סבות. איינס פון די וויכטיקסטע ערטער פון דעם „וויסנשאַפטלעכן" קלעריקאַליזם זענען די פּרוּוון שלום צו מאַכן צווישן דעמדאָזיקן אומפאַרמיידלעכן אויספיר פון דאַרוויניזם מיטן צענטראַלן פּונקט פון דער רעליגיעזער וועלט-אָנשויונג — מיט דער פאָרשטעלונג וועגן גאָט, וועגן וועלט-שכל. נאָר דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גאַנץ האָפנונגלאָזע אונטערנעמונג. אַלע באַמיונגען פונם קלער אין דער הינזיכט זענען פולשטענדיק דורכגעפאַלן און די מערהייט טעאָלאָגן מיט זייערע „געבילדעטע" אָנהענגער איז געווען געצוווּנגען אויפסניי צו קאָנסטאַטירן, אַז די רעליגיע וועט זיך קיינמאָל נישט

א יי נ גל ע ב ן מ י ט ן ד אַ ר ווי נ י ז ם! זיי זענען שונאים, שונאים „מעתה ועד עולם". אַט פאַרוואָס ביי די גאָטס קאָזאַק און זייערע „וויסנשאַפטלעכע" אָנהענגער איז נאָר געבליבן איין אויסוועג: מיט דער הילף פון פאַרשידענע קונצשטיק שאַפן אַן איינדרוק ביי דער גלויביקער און האַלב-געבילדעטער מאַסע, אַז דער דאַרוויניזם איז אַרונטערגעריסן, אָפּגעוואָרפן און אויפן אָרט פונס „באַזיגטן" דאַרוויניזם „עליו השלום" ווערן אַרויסגערוקט נייע לערעס, וואָס זענען פולשטענדיק אין הסכם מיט דער רעליגיעזער וועלט-אָנשויונג. אייניקע פון דידאָזיקע קונצשטיק וועלן מיר דאָ באַטראַכטן אין די סאַמע אַלגעמיינסטע שטריכן.

איך האָב שוין אָנגעמערקט, אַז צווישן די קעגנער פון דאַרוויניזם זענען אָפּט געווען אַזעלכע, וואָס האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען אין זיין לערע און דעריבער זענען זייערע טענות, זייער אַרגומענטאַציע בוכשטעבלעך געווען לעכערלעך, קאָמיש. למשל, איין גלח האָט „זיגרייך" דערקלערט: „דאַרווין זאָגט: וואַרפט אַריין אַ הון אין וואַסער, וועט ביי איר אויסוואַקסן אַ שווים-הייטל, איך אָבער זאָג, אַז די הון וועט פשוט דער-טרונקען ווערן"*). מיר וועלן, פאַרשטייט זיך גיין פאַרביי אַזאַ מין „קריטיק" און מיר ווענדן אונזער אויפמערקזאַמקייט בלויז אויף די ערנסטעסטע און אינטערעסאַנטסטע פון די דערווידערונגען.

דאָס אַנטשטיין פון דער „קריסטלעכער עוואָלוציע-לערע" זאָגט עדות וועגן דעם, אַז פאַרטיידיקן די ביבלישע דאָגמע וועגן באַזונדערע שאַפונג-אַקטן, ד. ה. פאַרלייקענען דעם באַווי-

---

*) לויט דער מיינונג פון אַזעלכע מין „קריטיקער"—זיי זענען אויך איצט נישט קיין זעלטנהייט — קען מען פון אַ דאַרוויניסט פאָדערן, אַז ער זאָל במשך איין יאָר פאַרוואַנדלען אַ קיניגל (קראָליק) אין אַ העלפאַנט, אַ פלעדערמויז אין אַ פאָפוגאַי, אַ מאַלפע אין אַ מענטש א. א. וו. אפילו איינער פון די סאַמע גע-בילדעטסטע טעאָלאָגן, דעננערט, האָט אין אַ דיסקוסיע מיטן דאַרוויניסט דאָדעל אויף דער טעמע „משה צי דאַרווין" אויסגעשריגן: „איך פאָדער נישט פיל פון דאָדעלן: זאָל ער בלויז פאַרוואַנדלען אַן אַמבע אין אַ ים-קראָפּיווע". און דער-דאָזיקער גאָטס קעמפער האָט דאָס אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך אונטערן נאָמען „דער דאַרוויניזם אויפן טויטן בעט"!

זעגעם דורך דאַרווינען פאַקט פון אָרגאַנישער עוואָלוציע, וועט זיך איצט נישט אונטערנעמען קיין איין ערנסטער געלערטער: דער דאַרוויניזם אין ברייטערן זין, ד. ה. די לערע וועגן עוואָלוציע איז דער אומדערשיטערטער יסוד פון דער ביאָלאָגיע. דעריבער ווענדן אַלע קעגנער פון דאַרווינען אַלע זייערע דערווידערונגען קעגן דעם דאַרוויניזם אין ענגערן זין, ד. ה. קעגן דער אָפּקלייב-טעאָריע, אַלס אַ נאַטירלעכע קויזאַלע דערקלערונג פון דער עוואָלוציע פון דער אָרגאַנישער וועלט. אָבער, ווי ס'איז שוין אויפגעקלערט געוואָרן, באַדייט דער טריומף פון דער דאַרווינישער לערע וועגן אָפּקלייב דעם טויט פון דער טעלעאָלאָגיע. ווייל, ווי באַוווּסט, רעכנט זיך דאָך דער טעלעאָלאָגישער באַווייז פון דער עקזיסטענץ פון גאָט ביי אַלע טעאָלאָגן און טעאָלאָגיזירנדיקע פילאָזאָפן-אידעאַליסן פאַר דעם „אָביעקטיוּוסטן”, ערנסטעטסן און באַשיינפּערלעכסטן באַווייז. נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס דער גאַנצער קאַמף פונעם קלער מיטן דאַרוויניזם באַצוועקט קודם-כּל איין ציל — ראַטעווען די טעאָלאָגיע, אויפהאַלטן דעם גלויבן אין שכלדיקער צילמעסיקייט, וואָס איז צעגאָסן אין דער נאַטור בכלל און אין דער אָרגאַנישער נאַטור בפרט. מען דאַרף נאָר זיין אויף די אַרויסטריטן פון די טאַלאַנטפולסטע ביי אונז פּרעדיקער-פּראָפּאַגאַנדיסטן פונעם קלער, למשל, אויף די פאָרטראַגן פון מיטראָפּאָליט ווועדענסקי, בכדי זיך איבערצוצייגן, אַז ס'איז אַזוי: מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין רעדנערישקייט באַזינגט ער די פולקאָמענהייט פון דער נאַטור און אירע ווּנדערס. „גיט אַ קוק — זאָגט ער — אויף דער וועלט, וואָס רינגלט אונז אַרום! ווי שיין און פאַרשידנאַרטיק זי איז! וואָס פאַראַ דערשטוינענדיקע אָרדנונג, סאַראַ אומבאַשרייבלעכע האַרמאָניע, סאַראַ אומבאַגרייפלעכע פולקאָמענהייט און ווּנדערלעכע איינשטימיקייט עס עקזיסטירט אין אַלע אירע ווינקעלעך! נאָר אַ בלינדער, וואָס איז פאַרסמט דורך דאַרווינס לערע, זעט נישט און פילט נישט די דאָזיקע גאַנצע שיינקייט, די דאָזיקע האַרמאָניע און שכלדיקע צילמעסיקייט, וואָס איז צעגאָסן אומעטום אין דער נאַטור. איך פיל די דאָזיקע שיינקייט און האַרמאָניע מיט מיין גאַנץ האַרץ.

מיט מיין גאַנצער נשמה, דאָס קען ביי מיר קיינער נישט צוגעמען און דאָס איז מיין גאָט"*).

ווי מען זעט, באַשטייט דער גאַנצער זין פון דערדאָזיקער דרשה דערין, אַז די וועלט איז האַרמאָניש, פּולקאָם, צילמעסיק און אַז אַליין פאַר זיך, אָן דער עקזיסטענץ פון אַ קלוגן וועלט-„בוימייסטער", אָן דער אַריינמישונג פון אַן איבערנאַטירלעכן אַלוועלטלעכן אָרגאַניזאַטאָר, וואָלט דאָס אַלץ נישט געווען: ווען ס'וואָלט נישט געווען קיין גאָט, וואָלט אַרום אונז געווען אַ כאַאָס, אַן אומאָרדנונג, אַ תוהו ובוהו. נאָר דאָס זענען בלויז ווערטער: באַזינגען די פולקאָמענקייט פון דער וועלט הייסט נאָך נישט זי דערווייזן. די אָנהענגער פון טעלעאָלאָגיע באַווייזן לחלוטין גאָרנישט, שטיצן זיך נישט אויף קיין שום פאַקטן, נאָר זאָגן נאָר אָן אָדער „פאַרטייטשן". זיי רייסן נישט אַרונטער, נאָר וואַרפן פשוט אָפּ דעם דאַרוויניזם: „מיר פילן", הייסט עס, די געטלעכע וועלט-האַרמאָניע, און — פאַרטיק!

דערפאַר טאַקע באַנוצן זיך די קעגנער פון דאַרוויניזם מיט איין „שפּיצל". זיי פאַרשווייגן געוויסלעך וועגן דער עקזיסטענץ פון כלערליי טעותן פון דער נאַטור און „אָרגאַנישע אַבסורדן", ווי, למשל, אַזעלכע אָרגאַנען, באַזונדערקייטן און אינסטינקטן, וואָס זענען נישט נאָר אומנוצלעך, צוועקלאָז, נאָר אַפילו שעדלעך פאַר די אָרגאַניזמען. שוין בלויז דאָס פאַראַנען זיין פון קרענק (און מעדיצין) דאַרף דערפירן אַ טעאָלאָג צו פאַרצווייפלונג, ווייל דאָס ווייזט אָן דערויף, אַז די נאַטור ווירקט נישט שטענדיק צילמעסיק. אמת, די איבערגעשפּיצטע קנאי הדת באַמיען זיך אונז צו פאַרזיכערן, אַז דאָס איז נאָר אַ פּועל-יוצא פון דער זינדיקייט פונם מענטש, אַז קרענק און כלערליי אַנדערע אומאָנגענעמלעכקייטן זענען געבראַכט געוואָרן אויף דער וועלט, נאָר אַלס גאָטס שטראָף פאַר דער מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט פון דער מענטשהייט. נאָר דאָסדאָזיקע לעכערלעכע

*) זע גורעוו: „דער שטרייט וועגן גאָט צווישן וויסנשאַפט און רעליגיע אָן ענטפער ווערעסקין".

דריידל ווערט אָפן אָפגעוואָרפן נישט נאָר דורכן געזונטן שכל, נאָר אויך דורך דער פּאַלעאָנטאָלאָגיע: דאָס שטודירן די ביינער פון חיות, וועלכע האָבן געלעבט אין לאַנג פאַרגאַנגענע עפּאָכן נאָך לאַנג פאַרן דערשיינען פונם מענטש, באַווייזט קלאָר, אַז די קרענק איז פּונקט אַזוי אַלט, ווי דאָס אָרגאַנישע לעבן בכלל.

באַשרייבנדיק די שיינהייט פון דער נאַטור און איר ציל־מעסיקייט, ווייזן די טעאָלאָגן אָפט אָן אויף די בלומען, וועלכע עקזיסטירן מכלומרשט דערצו, אַז זיי זאָלן פרייען דעם מענטשלעכן בליק. נאָר נאָך וואָס־זשע דאַרף מען אין אַזאַ פאַל די ריזיקע צאָל בלומען, וואָס בליען אין אומצוגענגלעכע ערטער אָדער אויפן גרונט פון די ימים, וווּ זיי קען זעען סיידן נאָר דאָס אויג פון אַ וואַסער־טויכער? און יענע בלומען, וואָס האָבן געבליט אין פאַרלויף פון אַ רייע געאָלאָגישע עפּאָכן, וועלכע ס'האָט נישט געזעען קיין איין מענטשלעך אויג?! נאָר דאָס וויכטיקסטע: דאַרווין האָט באַוויזן, אַז די בונטע באַפאַרבונג פון די בלומען שפּילט אַ באַשטימטע דינסטלעכע ראָל, נעמלעך, זי איז נויטיק די בלומען, כדי זיי זאָלן צוציען אינזעקטן, וואָס העלפן מיט זייער באַפרוכפּערונג, בשעת די געוויקסן, וועלכע ס'העלפט אין דער היני־זיכט דער ווינט, נויטיקן זיך נישט אין קיין ספּעציעלער באַפאַרבונג און דעריבער האָבן זיי נישט קיין העל־באַפאַרבטע קריינדלעך.

הייסט עס, די בלומען דאַרפן נישט קיין שיינע באַפאַרבונג, אויב זי איז פאַר זיי נוצלאָז און איז נישט אַרויסגערופן דורכן קאַמף פאַר עקזיסטענץ. גלייכצייטיק דערמיט ווייזט דאָס אָן דערויף, אַז זייער פיל געוויקסן זענען געבויט אויפן העכסטן אופן נישט צוועקמעסיק אַזוי, אַז דער אומבאַדינגטער תנאי פאַר זייער באַפרוכפּערונג, ד. ה. דאָס איבער־טראָגן דעם בלומען־שטויב אויפן מיילעכל פונם שטעמפּל, איז זייער באַשווערט און נאָר אַזעלכע צופעליקע אומשטענדן, ווי אינזעקטן, ווינט, רעגן א. א. וו. מאַכן מעגלעך זייער פאַרמערן זיך. פאַרוואָס־זשע איז דאָס אַזוי? ווּ איז דאָ „גאָטס חכמה“!

דערויף איז נישט ביכולת צו ענטפערן ווי ס׳געהער צו זיין קיין איינער פון די קליגסטע טעאָלאָגן*).

וויפיל די טעאָלאָגן זאָלן נישט באַשרייבן די באַצויבערנדיקע שיינקייט און האַרמאָניע פון דער נאַטור, וועלן זיי נישט פאַרשמירן יענעם פאַקט, וואָס שטעכט די אויגן, אַז אין דער נאַטור איז דאָ אַ סך שאַרפע קעגנזאַצן, דיסהאַרמאָניעס, דערשיינונגען, וואָס זעען זיך אונז אויס אומזיניק, אַז די נאַטור מאַכט אַזוי ווי איין פעלער נאָכן צווייטן. לאָמיר בלויז דערמאָנען וועגן דער שוין דערמאָנטער דורך אונז דיסהאַרמאָניע צווישן דער פרוכטבאַרקייט פון די אָרגאַניזמען און צווישן מאַנגל אין פלאַץ, שפּייז און אַנדערע עקזיסטענץ־באַדינגונגען פאַר אַלע עמבריאָנען.

איז דען פאַרייניגלעך מיט דער אידיי פון קאָסמישן שכל, אַז אומצייליקע עמבריאָנען, ווי אויך פאַרטיקע וועזנס זאָלן באַשאַפן ווערן נאָר דערצו, אַז זיי זאָלן תיכף אומקומען אינם אומברחמנותדיקן קאַמף פאַר עקזיסטענץ? אָט פאַרוואָס אפילו פיל פילאָזאָפן, וואָס זענען נוטה צום אידעאַליזם, האָבן געמוזט קלאָר און אומצווייטייטיק דערקלערן, אַז דער דאַרוויניזם דאָט דערלאַנגט אַ צעשטערנדיקן קלאַפּ דער רעליגיעז־טעאָלאָגישער וועלט־אָנשויונג, אַז דער אופן פון ווירקן פון דער נאַטור דאַרף ווערן פאַרגלייכט נישט מיט שכלדיקער צילמעסיקייט, נאָר צו אַ

*) אויף אַזאַ אופן דאַרף מען רעכענען פאַר לגמרי אומריכטיקע אַזוינע אויסדרוקן, ווי, למשל, „די בין פליט אויפן בלימל, „כדי״ איבערצוטראָגן דעם שטויב פון איין בלימל אויפן צווייטן און די בלומען האָבן אַ העלע באַפאַרבונג, „כדי״ צוצוציען אינזעקטן״. די בין האָט קיין שום כוונה נישט איבערצוטראָגן דעם בלומען־שטויב פון איין בלום אויפן צווייטן און דער בלום שטרעבט גאָרנישט צוצוציען צו זיך די בינען. די גאַנצע זאַך באַשטייט דאָ דערין, וואָס די בין פליט נאָך האָניג, אָבער אַדאַנק דעם באַזוך פון בינען און אַנדערע אינזעקטן זענען געוואָרן אויפגעהאַלטן אויף דער ערד, געבליבן לעבן יענע געוויקסן, וואָס האָבן געהאַט העלע פאַרבן, ד. ה. מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ פולקאָם־בלינדן סטיכישן פּראָצעס, אין וועלכן ס׳איז נישטאָ קיין איין טראָפּן פון עפּעס פאַרגעזעענע זאַכן. הייסט עס, דער קויזאַליטעט־פּרינציפּ איז דער איינציקער שליסל צו דערקלערן דאָס אַלץ, אין וואָס די רעליגיע וויל איינזעען אַ ספּעציעלע „פאָרבאַשטימונג״, עפּעס אַ געטלעכן ציל.

בלינדן צופאַל. שוין אינגיכן נאָכן פראָקלאַמירן דורך דאַרווינען זיינע אידייען, האָט לאַנגע געשריבן: „ווען אַ מענטש וואָלט, כדי צו דערשיסן אַ האָז, אויף אַ גרויסן פליין פאַנאַנדערגעוואָרפן אין אַלע ריכטונגען מיליאָנען ביקס-פאַטראָנען, ווען ער וואָלט, כדי זיך אַריינצובאַקומען אין אַ פאַרמאַכטן צימער, אָנגעקויפט צען טויזנט פאַרשידענע שליסלען און זיי אַלע אויסגעפרווט, ווען ער וואָלט, כדי אויפצובויען אַ הויז, אויפגעשטעלט אַ גאַנצע שטאָט און די איבריקע הייזער איבערגעלאָזן פאַרן ווינט, — וואָלט, פאַרשטענדלעך, קיינער אַזאַ מין אופן פון האַנדלען בישט אָנגערופן צילמעסיק, און נאָך ווייניקער וואָלט ער אין אים געזוכט די העכסטע חכמה, סודותפולע באַגרינדונגען און אַ באַזונדערע שכלדיקייט. נאָר ווער עס באַקענט זיך אין דער ביי̆עסטער נאַטור-וויסנשאַפט מיט די געזעצן פון אויפהאַלטן און פאָרזעצן די מינים, אַפילו פון אַזעלכע, דער ציל פון וועמענס עקזיסטענץ איז אונז לגמרי אומפאַרשטענדלעך, למשל, פון גליסטן (באַנד-ווערים), דער וועט אומעטום געפינען אַן אומגעווײנלעכע פאַרשווענדונג פון לעבנס-זאָמען. פון דעם בלומען-שטויב פון די געוויקסן ביז צום באַפרוכפערטן זאָמענדל, פונם זאָמענדל ביז צו דער אַנטוויקלונג פון עמבריאָן פונם געוויקס, פונם לעצטן ביזן פעריאָד פון פולער אַנטוויקלונג, ווען עס באַווייזן זיך נייע זאָמען, — אומעטום זעען מיר די זיך איבערחזרנדיקע ווירקונג פון איין און דעמזעלבן מעכאַניזם, וועלכער פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג טויזנטער געבורטן און האַלט אויף דאָס לעבן, אויף ווי ווייט מיר זעען דאָס אַרום אונז, דורך אַ צופעליקן צונויפפאַלן פון גינסטיקע באַדינגונגען. דער אונטערגאַנג פון לעבנס-זאָמען, פרוכטלאָזיקייט פון באַמיונגען — דאָס איז דאָס אַלגעמיינע געזעץ, און דאָס, וואָס מען רופט אָן די „נאַטירלעכע אַנטוויקלונג” ווייזט זיך אַרויס גאָר פאַר אַן איינצלבעם פאַל צווישן טויזנטער אַנדערע: דאָס איז אַ יוצא מן הכלל און דאָס שאַפט דאָס די יעניקע נאַטור, אויף וועמענס צוועקמעסיקן אויפהאַלטן זיך עס וווּנדערט זיך אַזוי דער קורצזיכטיקער אָנהענגער פון דער טעלעאָלאָגיע”*).

*) לאַנגע: „די געשיכטע פון מאַטעריאַליזם”, באַנד II.

אַלזאָ, דער דאַרוויניזם שליסט אויס יעטוועדע לייטונג, יעטוועדע כוונה. יעדע „פאָרויסגעזעענקייט” אָדער „צילשטרעבנדיקייט” ביים דערקלערן די דערשיינונגען פון דער אָרגאַנישער נאַטור. אויב וועלכע ס'איז אָרגאַנישע פאָרם מאַכט אַן איינדרוק פון עפּעס צוועקמעסיקס, ד. ה. אויב זי איז גוט צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון איר לעבן, איז דאָס געוואָרן פון זיך אַליין, ס ט י כ י י א י ש, ווייל אַלץ וואָס איז געווען נישט צוועקמעסיק, נישט צוגעפּאַסט, איז אונטערגעגאַנגען אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, איז אַזוי ווי אָפּגעקליבן און פאַרניכטעט געוואָרן דורך דער נאַטור אַליין. און אויב מיר טרעפן אָן אַזאַ מין אומצילמעסיקן טאַט, ווי למשל, דאָס פליען פון אינזעקטן אויפן פייער, ווערט דערדאָזיקער אינסטינקט זייער לייכט אויפגעקלערט פון שטאַנדפּונקט פונם דאַרוויניזם, נעמלעך, דערמיט, וואָס אין די נאַטירלעכע לעבנס-באַדינגונגען, אין דער נאַטור האָבן די אינזעקטן זיך נישט באַגעגנט מיט אַזאַ דערשיינונג, ווי פייער. פייער אין דער נאַטור איז דאָך אַ לפי-ערך זעלטענע און שנעל-פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג און קען דעריבער נישט אַריינגיין אין די צאָל באַדינגונגען, צו וועלכע די אָרגאַניזמען דאַרפן זיך צופּאַסן. די פלאַטערלעך פליען צ ו ם ל י כ ט און נישט צום אָרט פון הויכער טעמפּעראַטור און ווען אין דער נאַטור וואָלט ליכט שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט הויכער טעמפּעראַטור, וואָס ברענגט אום דעם בעל-חי, טאָ איז קיין ספק נישט, אַז אינעם עוואָלוציע-פּראָצעס וואָלטן זיך אויסגעאַרבעט גאַנץ אַנדערע אינסטינקטן*).

*) דאָס אַלץ איז פּשוט פאַרן דאַרוויניזם, אָבער נישט פאַרן אַנטי-דאַרוויניזם, וואָס פאַרטיידיקט די אידיי פון אַ „פאָרויס-איינגעשטעלטער האַרמאָניע” צווישן דעם אָרגאַניזם און דער סביבה, די אידיי פון „צילשטרעבנדיקן עלעמענט” א. א. וו. למשל, דער אַנטי-דאַרוויניסט, וואָלף, זאָגט, אַלס ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דער סבה פון עקזיסטענץ פון אומצוועקמעסיקע דערשיינונגען: „כדי אַ דערשיינונג זאָל זיין צוועקמעסיק אין ביאָלאָגישן זין און זאָל אַזוי אַרום דערלאָזן אַ טעלעאָלאָגישע אָפּשאַצונג, איז נישט אומבאַדינגט נייטיק, אַז זי זאָל פירן צום ציל; ס'איז גענוג, אַז זי ש ט ר ע ב ט צום ציל. דעם דערפאָלג קען מען נישט אַרייננעמען אין חשבון ביי דער טעלעאָלאָגישער אָפּשאַצונג און דער גראַד

אָבער דאָ שלאָגט אונז איבער דער טעאָלאָג, שרייענדיק: „וואָס? קאַמף פאַר עקזיסטענץ?! דאָס איז דאָך אַן אויסטראַכטעניש, אַ פּראָדוקט פון איינבילדונג: דאַרווין האָט אים אויסגעטראַכט ביי זיין שרייב-טיש און ער איז גאָרנישט דערוויזן! אין ערגסטן פאַל, אויב דער דאַרוויניסשער קאַמף פאַר עקזיסטענץ קומט אַפילו פאָר, איז אויך אין אַ גאַנץ אומבאַדייטנדיקער, נישטיקער מאָס און קען נישט שפּילן קיין שום ערנסטע ראָל אינם לעבן פון דער אָרגאַנישער וועלט, אינם פאַרוואַנדלען זיך און פאַרענדערן פון די מינים".

אויפן אָרט פונם פּרינציפּ פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ שטעלן די טעאָלאָגן אַרויס אַן אַנדער פּרינציפּ, פּונקט אַ להיפּוכדיקן: די קעגנזייטיקע הילף. זיי פאַרזיכערן, אַז די מערהייט מינים בעלי־חיים און געוויקסן לעבן פרידלעך און פריינטלעך אין גאַנצע געזעלשאַפטן (פערד — אין טאַבונעס, פייגלען אין גאַנצע מחנות א. א. וו.) אַזוי, אַז די אָרגאַניזמען נישט בלויז, וואָס זיי שאָדן נישט איינער דעם אַנדערן, נאָר זיי באַמיען זיך נאָך, פאַרקערט, צו העלפן איינער דעם צווייטן. אָט פאַרוואָס — זאָגן זיי — די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט איז זייער אַן איבערצייגנדיקע אָפּלייקענונג פונם דאַרוויניזם: די פאַקטן אַליין רעדן מכּלומרשט וועגן דעם „וווילזיין פון די ברואים און שבח פונם בורא", זאָגן עדות

פון פאָלקאָמענקייט פון דער דערגרייכונג האָט נישט פאַר דער ביאָלאָגישער באַטראַכטונג קיין שום פּרינציפּיעלע באַדייטונג". אָבער דאָס איז דאָך זייער אַ נאַרישער ענטפער! נישט בחנם פרעגט דער דאַרוויניסט פּלאַטע אין דערווידערונג דערויף: „וואָס פאַר אַ ציל האָט די נאַטור פאַרפאָלגט ביים בילדן אַ וואַסער אין קאָפּ? פון וואָס זעט מען, אַז דאָ איז בכלל געווען עפּעס אַ ציל? אויב דער ציל איז געווען אַ נאָרמאַלער קאָפּ, איז ער נישט דערגרייכט און די דערשיינונג איז נישט צוועקמעסיק, פּונקט ווי ס'איז נישט צוועקמעסיק אַ נישט־ריכטיק געבויטע און דערפאַר אומטויגלעכע מאַשין. דורך אַזאַ פראַגע קען מען די גרעסטע אומצוועקמעסיקייט פאַרוואַנדלען אין אַ „צילשטרעבנדיקייט", אַנדערש געזאָגט, דורך זשאָנגלירן מיט ווערטער פאַרוואַנדלען שוואַרץ אין ווייס (זע קאָרשיקאָוו: „די עוואָלוציע־טעאָריעס אין היסטאָרישער אויסלייגונג").

לטובת דעם רעליגיעזן גלויבן אין דער „ווונדערלעכער האַרמאָניע פון דער נאַטור", אין דער אומדערקלערלעכער „געטלעכער גערעכטיקייט" א. א. וו.

לאָמיר זעען אויף ווי ווייט דידאָזיקע דערווידערונגען פון די טעאָלאָגן זענען באַגרינדעטן.

קודם-כל דאַרף מען אָנמערקן, אַז די טעאָלאָגן פאַרקריפּלען פולשטענדיק דאָס דאַרוויניסטע פאַרשטיין פונם קאַמף פאַר עקזיסטענץ. זיי שילדערן די זאַך אַזוי, ווי דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ וואָלט פאָרגעקומען נאָר צווישן אינדיווידואומען פונם זעלבן מין, אָבער דאָס איז נישט ריכטיק, ווייל דאָס איז נאָר איין פאַל פונם לעבנס-קאַמף. אָט וואָס דאַרווין זאָגט וועגן דעמדאָזיקן קאַמף: „איך ווענד אָן דעמדאָזיקן אויסדרוק אינם ברייטסטן און מעטאַפאָרישן זין, איינשליסנדיק דערין אויך די אָפּהענגיקייט פון איין וועזן פונם צווייטן און אויך פאַרשטייענדיק דערונטער, — וואָס ס'איז נאָך וויכטיקער, — נישט בלויז דאָס לעבן פון איין אינדיווידואום, נאָר אויך זיין דערפאָלג אינם פאַרזיכערן זיך מיט אַ דור. וועגן צוויי בעלי-חיים פונם מין „הונט" אינם פּעריאָד פון הונגער קען מען דורכויס ריכטיק זאָגן, אַז זיי קעמפן צווישן זיך פאַר שפּייז און לעבן. אָבער אויך וועגן אַ געוויקס ביים ברעג פונם מדבר זאָגט מען, אַז עס קעמפט מיט דער טריקעניש, כאָטש עס וואָלט געווען ריכטיקער צו זאָגן, אַז עס הענגט אָפּ פון דער פייכטקייט. וועגן אַ געוויקס, וואָס ברענגט אַרויס יעדעס יאָר טויזנט זאָמען, איז גאַנץ ריכטיק צו זאָגן, אַז עס קעמפט מיט אַזעלכע, ווי ס'איז אַליין, געוויקסן, וואָס באַדעקן דאָסזעלבע שטיקל ערד. די יעמיאָלע (פּאַראַזיט, וואָס וואַקסט אויף עפּלבוימער) איז אָפּהענגיק פונם עפּלבוים און נאָך פון עטלעכע ביימער, נאָר ס'וואָלט געווען אָנגעצויגן צו רעדן וועגן אַ קאַמף צווישן זיי, נאָר דערפאַר, ווייל אויב ס'וועלן אויסוואַקסן אַ סך אַזעלכע פּאַראַזיטן אויפן זעלבן בוים, וועט ער פאַרדאַרט ווערן און אומקומען. אָבער וועגן עטלעכע שטיק פון אַזאַ יעמיאָלע, וואָס וואַקסן אויפן זעלבן צווייגל, קען מען גאַנץ ריכטיק זאָגן, אַז זיי קעמפן צווישן זיך. היות די יעמיאָלע ווערט צעשפּרייט דורך פייגלען, געפינט זיך איר עקזיסטענץ

אין אָפהענגיקייט פון זיי און אויסדריקנדיק זיך בילדלעך, קען מען זאָגן, אַז זי קעמפט מיט אַנדערע געוויקסן, וואָס ברענגען פרוכטן, דערמיט, וואָס זי ציט צו די פייגל אויפצופרעסן אירע פרוכטן און צוצעטראָגן אַזוי אַרום אירע זאָמען. אין דידאָזיקע אַלע באַדייטונגען, וואָס גייען אומפילבאַר איבער איינע אין די צווייטע, באַנוץ איך זיך צוליב באַקוועמלעכקייט מיטן אויסדרוק: קאַמף פאַר עקזיסטענץ”*).

אַזוי אַרום, דאַרף מען אונטער קאַמף פאַר עקזיסטענץ פאַרשטיין דעם גאַנצן קאָמפלעקס פון אָפהענגיקייטן פונם געגעבענעם אָרגאַניזם פון די אויסערלעכע באַדינגונגען, ד. ה. פון דער אים אַרומרינגלענדיקער אומאָרגאַנישער פיזישער סביבה. (די „נישט-באַלעבטע” נאַטור) און פון די אים אַרומרינגלענדיקע וועזנס (די פאָרשטייער פון דער „באַלעבטער” נאַטור). דער קאַמף פירט זיך נישט בלויז פאַרן לעבן פונם געגעבענעם אינדיווידואום, נאָר אויך פאַרן דערפאָלג פונם פאַרזיכערן אים מיט אַ נאָכקומערשאַפט. דערביי האָט דער קאַמף, ווי ס'איז לייכט צו זען פון די ציטירטע ווערטער פון דאַרווינען, דריי פאָרמען. נעמלעך, ער פירט זיך: 1) מיט די פיזישע באַדינגונגען (געוויקס און טרוקעניש); 2) צווישן אינדיווידואומען פון פאַרשידענע מינים, ד. ה. צווישן לעבעדיקע וועזנס, וואָס פאַרמאָגן אַ קלאָרן אונטערשייד אינם געבוי אין און לעבנס-שטייגער (עפלבוים און יעמיאָלע); 3) צווישן אינדיווידואומען פונם זעלבן מין, ד. ה. צווישן וועזנס, וואָס זענען ספעציעל ענלעך אינם געבוי און אינם לעבנס-שטייגער (הינט צווישן זיך).

צום מערסטן וואַרפט זיך אין די אויגן דער „צווישן-מינימדיקער” און „אינערלעך-מינימדיקער” קאַמף; דערביי גייט דער שטרייט אין דעם און אין יענעם פאַל אָדער וועגן אָרט, אָדער וועגן לעבנסמיטלען, ד. ה. וועגן שפייז, ליכט א. א. וו. דערביי האָט דער קאַמף אָדער אַן אַגרעסיוון, ד. ה. דירעקטן, אַקטיוון,

*) דאַרווין: „די אָפשטאַמונג פון די מינים”.

אַנגריף־כאַראַקטער אָדער אַ קאָנקורענץ־כאַראַקטער, ד. ה. אַ זייטיקן, פּאַסיוון וועט־כאַראַקטער. ביישפּילן פונם ערשטן מין זענען אַ קאַץ און אַ מויז, יעמיאַלע און עפּלבוים א. א., ד. ה. דאָ טרעטן די קעמפנדיקע צדדים אַרויס איינער קעגן צווייטן ווי ריקזיכטלאָזע שונאים און זייער שטרייט האָט אַלעמאָל אַ בלוטיקן כאַראַקטער, — ער ענדיקט זיך מיטן טויט פון איין צד. דידאָזיקע פאַרביסענע און אומברחמנותדיקע „בלוטיקע" פאָרם פון קאַמף איז, טראָץ די באַבע־מעשיות פון די טעאָלאָגן, אויסערגעוויינלעך פאַרשפּרייט אין דער אָרגאַנישער נאַטור; נישט זעען זי קענען נאָר געבוירענע בלינדע אָדער פּאַטענטירטע אָנהענגער פון דער פינסטערניש, וואָס מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זיי ווייסן נישט וועגן דעם, אַז אין דער נאַטור עקזיסטירן פאַרפאָלגער (רויבער) און קרבנות (רויב), פּאַראַזיטן און „באַלעבאַטים" א. א. וו. דערביי דאַרף מען נישט אַרויסלאָזן פון זינען, אַז אַזאַ קאַמף פירט זיך צווישן מיטגלידער פון פאַרשידענע מינים בעלי־חיים: דער טיגער פאַרניכטעט די גאַזעלן; שעפּסן זענען אָפּפער פון וועלף; קליינע פייגעלעך ווערן פאַרניכטעט דורך גרויסע — אָדלערס, שפּאַרבערס א. א. וו. די אינזעקטן ווערן געפרעסן דורך קליינע פייגעלעך אָדער דורך אַנדערע מינים אינזעקטן א. א. וו. א. א. וו. אָבער די טעאָלאָגן פאַלסיפיצירן גראָב דעם דאַרוויניזם, ווען זיי דערקלערן, אַז לויט דאַרווינס לערע איז דער אַקטיווער אָנגריף־קאַמף דער איינציקער, דער טיפּישער, עיקרדיקער אויסדרוק פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ. ס'איז גענוג צו דערמאָנען זיך אָן קאַמף פון די זכרים צווישן זיך אין דער פּאָרונג־צייט פאַר דער נקבה, כדי צו פאַרשטיין, אַז דער זייטיקער קאַמף, די קאָנקורענץ, דער וועטקאַמף שפּילט אויך נישט קיין קליינע ראָל אין דער אָרגאַניזמען־וועלט.

געוויינלעך, האָט דער קאַמף אינערהאַלב דעם מין, כאָטש אַ מער פּאַסיוון, אָבער דערפאַר אַ מער אכזריותדיקן און שטענדיקן כאַראַקטער, ווי צווישן די מינים. ס'איז דאָך קיין וווּנדער נישט: די בעלי־משפחה, די מיטגלידער פונם זעלבן מין, האָבן צוליב דער געמיינזאַמקייט פון די אינטערעסן,

ענלעכקייט פון עקזיסטענץ-באַדינגונגען, מער באַרירונג-פּונקטן, ווי אינדיווידואומען, וואָס געהערן צו פאַרשידענע מינים. למשל, צוויי וועלף, ד. ה. צוויי בעלי-חיים, וואָס לעבן אין דיזעלבע באַדינגונגען און דערנערן זיך מיט דערזעלבער שפּייז, פירן נישט קיין קאַמף אינם דירעקטן זין פונם וואָרט. זיי קענען זיין זייער פרידלעך געשטימט איינער קעגן צווייטן, אָבער גלייכ-צייטיק זענען זיי — קאָנקורענטן, ווייל אין דער פראַגע וועגן שפּייז-מיטלען שטויסן זיך זייערע אינטערעסן, נישט ווילנדיק, צונויף, כאָטש זיי מעגן נישט אָנכאַפּן איינער דעם אַנדערן פאַרן גאָרגל.

אפילו אין דעם פאַל, ווען אין דער געגעבענער געגנט איז רויב פאַראַן נישט ווייניק לפי-ערך, איז איין וואָלף לגבי דעם צווייטן אַ שטילער שונא, ווייל יעדן פון זיי איז דאָך נישט אַלץ איינס, ווי אַזוי ער וועט דעם רויב דער-גרייכן און וויפיל שפּייז עס וועט אויספאַלן דווקא אויף זיין חלק. וואָס ווייניקער רויב ס'איז דאָ אין דער געגעבענער געגנט, אַלץ עקשנותדיקער און ענערגישער ווערט דערדאָזיקער קאַמף, ווייל יעדן וואָלף קומט אויס זיך צו באַמיען איבערצו-שטייגן די אַנדערע אין דער קונסט זיך צו דערווערבן שפּייז. ווער ס'איז מער דורכגעטריבן, פלינק און שטאַרק, דער וועט טאַקע זיין זאַט און איבערלאָזן אַ דור און ווער ס'איז נישט אַזוי געראָטן, דערפינדעריש און כיטרע, דעם קומט אויס צו הונגערן אָדער איינגאַנצן צו מאַכן אַ סך-הכל מיטן לעבן. הייסט עס, דער קאַמף צווישן פאַרשטייער פונם זעלבן מין פאַר די נויטיקסטע מיטלען פונם לעבן (אָרט, שפּייז, רעכט פון מערן זיך א. א. וו.), טראָגט אַ שטילשווייגנדיקן, פּאַסיוון, נישט שטענדיקן און עקשנותדיקן כאַראַקטער: כאָטש עד דערפירט נישט צום קעגנזייטיקן איבערבייסן דעם האַלז, ענדיקט אויך ער זיך מיטן זיג פון די מער צוגעפּאַסטע און מיט דער מפּלה פון די ווייניקער-צוגעפּאַסטע. באַדייט דען דאָס, פונדעסטוועגן, אַז דער קאַמף אינערהאַלב דעם מין ווייזט זיך קיינמאָל, אין קיין פאַל נישט אַרויס? ניין עס באַדייט נישט.

אָן ספק, טרעפן מיר צווישן בעלי-חיים געוויסע פאָרמען

פון צייטווייליקער אָדער שטענדיקער צוזאַמענאַרבעט, צוזאַמענ-
לעבן: משפחות, סטאַדעס, טאַבונעס א. א. וו. ווי ס'האָט דער
ערשטער אָנגעוויזן דאַרווין, זענען דידאָזיקע געזעלשאַפטן אַרויס-
גערופן צום לעבן דורך דער זאָרג וועגן פאָרזעצן דעם מין, דורך
דער נויטווענדיקייט פון שוץ, לגבי מער שטאַרקערע מינים, פון
דערווערבן שפּייז א. א. וו., ד. ה. דאָס צוזאַמענלעבן, דאָס
בשותּפותדיקע „סאָציאַלע לעבן" איז אַ וויכטיק געווער אינם
קאַמף פאַר עקזיסטענץ. די אַממערסטן אַנטוויקלטע פאָרם פון
אַזעלכע געזעלשאַפטן איז די יעניקע, וואָס האָט אַ שטענדיקן
כאַראַקטער און אין וועלכער עס באַמערקט זיך אַ קעגנזייטיקע
הילף און אַ צעטיילונג פון אַרבעט, ווי למשל, ביי מאַלפּעס,
בופלאָקסן, בינען, מוראַשקעס א. א. וו. רייסט דען דערדאָזי-
קער פאַקט אַרונטער — ווי עס פאַרזיכערן אונז די טעאָלאָגן —
דעם דאַרווינישן פּרינציפּ פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ? בשום
אופן נישט! אויפן דאָזיקן פאַקט האָט דאָך דער ערשטער אויפ-
מערקזאַם געמאַכט נישט קיין אַנדערער, ווי דאַרווין אַליין.
אים איז גאָרנישט איינגעפאַלן דעריבער אָפּצוזאָגן זיך צוליב
דעמדאָזיקן פאַקט פון זיין לערע. פאַרקערט, גראָד דאַרווין האָט
געשטעלט דעמדאָזיקן פאַקט אין פאַרבינדונג מיטן פּרינציפּ פון
קאַמף פאַר עקזיסטענץ. באָך מער אפילו: קראָפּאָטקין, קעסלער
און אַנדערע וויכטיקע געלערטע, וואָס האָבן צום גענויעסטן
שטודירט דידאָזיקע דערשיינונג, זענען געווען הייסע דאַר-
וויניסטן און האָבן גאָרנישט געקלערט אָוועקצושטעלן אויפן אָרט
פון דער לערע וועגן אַלגעמיינעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ אַ
לערע וועגן אַלגעמיינער קעגנזייטיקער הילף. אפילו דער עק-
סטרעמער אָנהענגער פון דערדאָזיקער אידיי, קראָפּאָטקין, האָט
געשטעלט די קעגנזייטיקע הילף נאָר בלויז אין ריי
מיטן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אונטערשטרייכנדיק, אַז „געזעל-
שאַפטלעכקייט איז פּונקט אַזאַ נאַטור-געזעץ, ווי קעגנזייטיקער
קאַמף"*).

דאָס לעבן איז, אַלזאָ, אַן אָרענע פון אַ קאָמפּליצירטן
און כסדרדיקן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, דאָ אַ פולקאָם באַוווסט-

*) קראָפּאָטקין: „קעגנזייטיקע הילף אַלס פאַקטאָר פון עוואָלוציע".

זיניקן, פאַרשטאַנענעם, אַקטיוון, דאָ אַ געפיללאָזן, שווייגנדיקן, אומבאַוווסטזיניקן, פאַסיוון. עס קעמפן בעלי-חיים מיט בעלי-חיים, געוויקסן מיט געוויקסן, בעלי-חיים מיט געוויקסן, די און יענע מיט די אומגינסטיקע זייטן פונם לעבן אין פאָרם פון אויסערלעכע אומבארחמנותדיקע נאַטור-קרעפטן: קעלט, טריקעניש, היץ, נאַסקייט, שטורעמען א. א. וו. אַ באַזונדער שאַרפקייט טראָגט דער לעבנס-קאַמף צווישן די אינדיווידואומען פונם זעלבן מין צוליב זיין שטענדיקן כאַראַקטער, כאָטש ס'איז אָן אַ ספק, אַז אין דער בעלי-חיים-וועלט ווערט דער קאַמף איבערהאַלב דעם מין אין אַ גאַנצער ריי פאַלן מער אָדער ווייניק ווייכער, שוואַכער דורך דער קעגנזייטיקער הילף, דורך דער פריינטלעכער צוזאַמענאַרבעט פון די אינדיווידואומען, נאָר דאָס ווייכער ווערן באַדייט נישט דאָ אויפגעבן. דער קאַמף מיט די נישט אַנטשפּרעכנדיקע פיזישע באַדינגונגען און דער קאַמף צווישן די מינים בלייבט.

נאָר בלויז די נויטווענדיקייט צו קעמפן פאַרן לעבן האָט געבוירן די אַלע פאָרמען פון צוזאַמענאַרבעט, פון צוזאַמענלעבן, פון קעגנזייטיקער הילף. דער „סאָציאַלער אינסטינקט" איז אַ געווער, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט אינם קאַמף פאַר לעבן, איינס פון די מיטלען צו דעראָבערן אַ פּלאַץ אויף דער סעודה פונם לעבן, ווייל ער פאַרגרעסערט די פעיקייט פון די אָרגאַניזמען צו געבן אַ ווידערשטאַנד די אויסערלעכע באַדינגונגען, פאַרשטאַרקט זייער שטאַנדהאַפטיקייט אינם קאַמף מיט די אויסערלעכע באַדינגונגען פון דער אויסערלעכער סביבה און מיט די אינדיווידואומען, וואָס געהערן צו אַנדערע מינים. הייסט עס, די עקזיסטענץ פון געזעלשאַפטן אין דער אָרגאַנישער וועלט פאַרשטאַרקט לגמרי נישט דעם רעליגיעזן גלויבן אין אַ „וועלט-האַרמאָניע", ווייל דאָס שליסט נישט אויס קיין האַרטן קאַמף פאַרן לעבן. מיט איין וואָרט, טראָץ די שפּיצלעך פון די טעאָלאָגן, רייסן די פאַקטן פון קעגנזייטיקער הילף נישט אַרונטער, נאָר, פאַרקערט,

באַשטעטיקן די גרויסע לערע פון דאַרווינען!

ווי מען זעט, איז דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ אַ באַשיינפערלעכע דערשיינונג, נאָר ער ווייזט זיך אַרויס אין פאַרשידענע פאָרמען. דערביי איז זיין רעזולטאַט דער נאַטירלעכער אָפקלייב, ד. ה. ער דערפירט צום אויסשטאַרבן פון די שוואַכערע און ווייניקער צוגעפאַסטע אינדיווידואומען אין די ראַמען פון איין און דעמזעלבן מין, ווי אויך צום אויסשטאַרבן פון גאַנצע מינים אינם קאַמף איינער מיטן אַנדערן און מיט די אומגינסטיקע אויסערלעכע עקזיסטענץ-באַדינגונגען. אַ רעזולטאַט פון נאַטירלעכן אָפקלייב איז דאָס פאַרפולקאָמען זיך אין זין פון אָנזאַמלען און פאַרשטאַרקן די נוצלעכע סימנים, ד. ה. דאָס אויפהאַלטן די אינדיווידואומען און מינים, וואָס זענען אַממערסטן צוגעפאַסט צו די געגעבענע באַדינגונגען. הייסט עס, דער נאַטירלעכער אָפקלייב איז אַ דאָפלטער פראָצעס אָדער, גענויער, ער האָט אַ „צווייאייניקן כאַראַקטער". דאָס צום ווייניקסטן צוגעפאַסטע צו די געגעבענע לעבנס-באַדינגונגען שטאַרבט אויס, ווערט באַזייטיקט פון דער לעבנס-אַרענע און דאָס צום מערסטן צוגעפאַסטע — בלייבט לעבן, ווערט צוגעפעסטיקט צום לעבן, פאַרמערט זיך. לעבן איז די פאָדערשטע זייט פונם דאָזיקן פראָצעס, טויט — די קער-זייט. דערביי אָבער וואָלט נישט געווען די קער-זייט, וואָלט אויך נישט געווען די פאָדערשטע זייט, ווייל נאָר אַדאַנק די באַזיגטע עקזיסטירן זיגער, אַדאַנק דעם אומצוועקמעסיקן — צוועקמעסיקס. מיט איין וואָרט, צוזאַמען מיט טימיריאַזעוון מוז מען זאָגן, אַז „די נאַטור האָט נישט געשאַפן קיין ווונדער, אויסגיסנדיק די בעלי-חיים אין ווונדערלעך-פולקאָמע פאָרמען, נאָר האָט אויפמערקזאַם פאַרווישט די סימנים פון אירע טעותן. אין דער אומציילִיקער צאָל פרוון, אינם אומברחמנותדיקן אויסראָטן אַלע מיסדערפאָלגן באַשטייט טאַקע די סבה פון דערדאָזיקער פולקאָמענהייט. מיר קענען זאָגן, נישט מורא האָבנדיק אַריינצופאַלן אין אַ פאַראַדאָקס, אַז די סבה פון דער פולקאָמענהייט פון דער אָרגאַנישער וועלט באַשטייט אין איר באַהאַלטענער אומפולקאָמענהייט, ווייל מען קען קוים

אָנרופן פולקאָמענהייט דעם אונטערגאַנג פון מיליאַרדן וועזנס
צוליבן איינהאַלטן איינס. אַלזאָ, דער שליסל צו דעם רעטעניש,
וואָס עס שטעלט פאַר יעדן דענקנדיקן מענטש די אָרגאַנישע
וועלט, ליגט אין איין וואָרט: דאָסדאָזיקע וואָרט איז ד ע ר
ט ו י ט. דער טויט, וואָס האַקט פריער אָדער שפּעטער איבער
אַלץ, וואָס איז פאַרקריפּלט, נוצלאָז, נישט אין הסכם מיט די
אַרומיקע באַדינגונגען, איז טאַקע די קוועלע און סבה פון
שיינקייט און האַרמאָניע פון דער אָרגאַנישער וועלט"*).

מען דאַרף אָבער שטענדיק געדענקען, אַז ד ע ר ד אָ ז י-
ק ע ר אָ פּ ק ל ײ ב האָט אַ ס ט י כ י ש ן, ב ל י נ ד ן
כ אַ ר אַ ק ט ע ר, ער אַרבעט איבער צופעליקע פאַרענדערונ-
גען, ד. ה. איבער די יעניקע סימנים, וועלכע האָבן זיך צו-
פעליק אַרויסגעוויזן פאַר גינסטיק אָדער אומגינסטיק פאַרן אָר-
גאַניזם, ממילא אַלזאָ, ק ו מ ט א ו י ס ז י ך אָ פּ צ ו ז אָ ג ן פ ו ן
י ע ד ע ר פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג ו ו ע ג ן אַ צ י ל א י ן ד ע ר
נ אַ ט ו ר און ווידער אויפהייבן אַ שטרייט מיט די טעלעאָגן.

די טעלעאָגן טראַכטן געוויינלעך אַזוי: „די צוועקמעסיקע
אויסבילדונגען פון דער באַלעבטער נאַטור שטעלן אונז פאַר
דעם אַלטערנאַטיוו: אָדער זיי אַנטשטייען פון זיך אַליין, ואַדאַנק
אַ בלינדן צופאַל אָדער אַדאַנק אַ צילמעסיקער העכערער ליי-
טונג. דאַרווינס לערע, אַרויסטרייבנדיק פונם געביט פון דער
באַלעבטער נאַטור יעטוועדן ציל, יעטוועדע כוונה, עפנט ברייט
אויף די טויערן פאַרן בלינדן צופאַל. אָבער דערמיט אַליין רייסט
דער דאַרוויניזם אַרונטער, אַלס וויסנשאַפטלעכע טעאָריע, דעם-
זעלבן צווייג, אויף וועלכן ער זיצט, ווייל אין יסוד פון דער
וויסנשאַפט ליגט דער פּרינציפּ פון געזעצמעסיקייט, אָבער צו-
פעליקייט איז קעגנעריש צו געזעצמעסיקייט. דערצו נאָך, צי
קען אַ ריינער צופאַל אַרויסברענגען צוועקמעסיקע אויסבילדונ-
גען? פונקט אַזוי, ווי געטעס אַ פּאָעמע קען זיך נישט באַ-
קומען פון צעשיטן אין אומאָרדנונג שריפט, פון אַ קופּע צונויפ-
געמישטע אותיות פונם אלף-בית, אַזוי אויך קען די פּול-
קאָמענהייט און צוועקמעסיקייט פון די אָרגאַניזמען נישט זיין

---

*) טימיריאַזעוו: „טשאַרלז דאַרווין און זיין לערע".

קיין רעזולטאַט פון צופעליקע אומשטענדן, הייסט עס, דער דאַר־ווינים איז באַנקראָט".

נאָר אַזאַ מין טענה, וואָס האָט געהאַט אַ זין אין מויל פון ציצעראָ אָדער רוססאָ, האָט ביי דער איצטיקער צייט קיין שום ווערט נישט. זי באַווייזט אָדער אַ פאַרקריפלונג, אַ פאַל־סיפיקאַציע פון דער וויסנשאַפט מצד די טעאָלאָגן אָדער אַ מאַנגל פון וויסן און פאַרשטענדעניש ביי זיי. מען קען דאָך נישט אַרויסלאָזן פונעם זין, אַז האַרמאָניע און אָרדנונג זענען רעלאַטיווע באַגריפן, אַז צוזאַמען מיטן צוועקמעסיקן, פּולקאָמען באַגעגענען מיר אויך אומצוועקמעסיקס, אומפולקאָ־מעס. וואָס שייך אָבער דעם צעשיטן שריפט, וועט זיך אַ פּאָ־עמע פון אים מיט אַמאָל, פאַרשטענדלעך, נישט באַקומען; דאָס וואָלט געווען פונקט אַזאַ אומוואַרשיינלעכער פאַל, ווי אַרויס־צוציען דעם נומער, וואָס געווינט, פון אַן אומציילעקער צאָל בילעטן, ווו אַלע איבריקע זענען פוסטע. אויב אָבער מען זאָל צו דערדאַזיקער קופּע אותיות אָנווענדן דעם פּרינציפּ פון נאַ־טירלעכן אָפּקלייב, באַזייטיקנדיק די אומפּאַסיקע קאָמבינאַ־ציעס און צעשיטנדיק כסדר דעם זאַץ אַן אומציילעקע צאָל מאָל, קען זיך אַ פּאָעמע פון איר סוף־כל־סוף באַקומען. איבריקנס, דער פאַל מיטן צעוואָרפענעם שריפט באַווייזט לחלוטין גאָר־נישט, ווייל ער איז צום געגעבענעם פאַל אינגאַנצן נישט אָנ־ווענדלעך. שוין זשע שאַפט מען פּאָעמען דורך אותיות, וועלכע מען וואַרפט מיט דער האַנט פונקט, ווי מען וואַרפט ביינער (ביי אַ שפּיל)? פּאַרוואָס־זשע, — שטעלט ריכטיק אַ פראַגע האָלבאַך, — זאָל מען דאַן נישט פאָדערן, אַז מיטן פוס זאָל מען האַלטן רעדעס?

יאָ, פון אַ קופּע דרוקער־שריפט, ווי דו זאָלסט זי נישט איבערשאָקלען, וועט על־פּי צופאַל זיך נישט צונויפשטעלן נישט בעטעס „פויסט", נישט קיין שום בוך, נישט קיין זשורנאַל א. א. וו., אָבער, חזר איך איבער, דידאַזיקע אַלעגאָריע טויג צו גאָר־נישט. ווייל פּאַרוואָס קען זיך אַ ליטעראַריש ווערק נישט אויס־זעצן על־פּי צופאַל? ווייל עס דאַרף אַנטשפּרעכן דעם, וואָס האָט שוין פריער עקזיסטירט אין כתב־יד אָדער בכלל אין די

עדאַנקען פונם מענטש, ווייל די אותיות, וואָס שטעלן עס צונויף זענען אויסגעשטעלט אין אַ באַוווּסטן סדר, וואָס איז פאַרבונדן דורך אַן אַלגעמיינעם זין. די אומגעהויערע אומוואַרשיינלעכקייט באַשטייט טאַקע אין דער השערה, אַז די צופעליק צעשיטע און איבערגעטרייסלטע אותיות וועלן זיך אויסלייגן אין אַ סדר, וואָס איז פון פריער באַשטימט דורך אַ מענטשלעכן געדאַנק, און נישט אין וועלכן ס'איז. אָט אַ שטייגער, ווען די אַנטי-דאַרוויניסטן וואָלטן, ווי עס באַמערקט טימיריאַזעוו, געפונען דעם אָריגינאַל, לויט וועלכן עס איז אויסגעזעצט געוואָרן „דאָס בוך פון דער נאַטור", דאַן וואָלט זייער טיפּאָגראַפישע מעטאַפאָר באַקומען אַ באַשטימטן זין, אָבער דווקא די פאָרשטעלונג וועגן אַ „שאַפונג-פּלאַן", וואָס האָט געהערשט אין דער וויסנשאַפט ביז דאַרווינען, איז דורכן דאָזיקן געלערטן אָפּגעוואָרפן געוואָרן און אין דעם איז זיין הויפּט-פאַרדינסט. היות אָבער דער דאַרוויניזם לייקנט אָפּ אינם געבוי פון די אָרגאַניזמען אַ פאָרויס באַשטימטע אידיי אָדער פּלאַן, פּאַסט אַהער נישט אויך דער פאַרגלייך מיטן שריפט, וואָס איז פאַרבונדן דורך אַ געוויסן זין פון ווערטער, זאַצן א. א. וו. אַזוי אַרום האָט נישט קיין אַנדערער, ווי דאַרווין, באַזייטיקט די קינדערשע דערקלערונג פון דער פולקאָמענקייט פון דער אָרגאַנישער וועלט דורך אַ צופאַל, אַנטדעקנדיק אין דער נאַטור אַ פּראָצעס, אַ מין מעכאַניזם, וואָס מאַכט טאַקע אַ סדר אינם דאָזיקן צופאַל, ריכטנדיק אים אויף אַן אומפאַרמיידלעכן אופן צו אַ באַשטימטן רעזולטאַט, צום אויפהאַלטן פאַרפולקאָמטע (אין זין פון צוגעפּאַסטע צו די עקזיסטענץ-באַדינגונגען) און צום אונטערגאַנג פון די אומפולקאָמע לעבנס-פאָרמען, — מיט אַנדערע ווערטער, צו דעם, וואָס מיר פאַרשטייען אונטערן נאָמען האַרמאָניע און צוועקמעסיקייט פון דער אָרגאַנישער נאַטור. לויט דעם גלענצנדיקן אויסדרוק פון טימיריאַזעוו, איז דער נאַטירלעכער אָפּקלייב טאַקע יענער „מעכאַניזם", וועלכער זעצט אויס דעם אייביק זיך צעשיטנדיקן שריפט פון די אָרגאַנישע פאָרמען אין יענעם בוך, וואָס איז

פיל ווונדערלעכער, ווי אַ פּאָעמע, און וואָס ווערט אָנגערופן דאָס בוך פון דער נאַטור"*).

מיט איין וואָרט, דער דאַרוויניזם האָט שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף געמאַכט מיט דער „טיפּאָגראַפישער אַלעגאָריע", וואָס ווערט נאָך ביז איצט איבערגעחזרט דורך די טעאָלאָגן.

דאָס אַלץ, וואָס די טעאָלאָגן זאָגן וועגן צופעליקייטן אין דער נאַטור איז נישט בלויז אינגאַנצן אומבאַגרינדעט, נאָר עס פאַרקריפּלט, פּשוט געזאָגט, די וויסנשאַפט. ווייל, וואָס איז דען אַזוינס אַ צופאַל? פונם געוויינלעכן שטאַנדפּונקט איז דאָס דאָס, וואָס קומט פאָר טראָץ די נאַטירלעכע מאַטעריעלע סבות, ד. ה. דאָס, וואָס קומט פאָר נישט געזעצמעסיק, וואָס קומט פאָר נישט צוליב נויטווענדיקייט. אָבער די וויסנשאַפט באַהויפּטעט, אַז אַלץ וואָס עס קומט פאָר, באַזירט אויף צוועקמעסיקייט, אויף נאַטירלעכער נויטווענדיקייט, אַז קיין צופאַל עקזיסטירט נישט. דעריבער איז ווען מיר רעדן וועגן צופאַלן אין דער נאַטור, גיבן מיר דעם וואָרט צו אַן אַנדער זין: מיר רופן אָן צופעליק דאָס אַלץ, וועמענס סבות ס'זעענען אונז אומבאַוווסט. „מיר שרייבן צו — זאָגט האָלבאַך — דעם צופאַל די אַלע דערשיינונגען, וועמענס נויטווענדיקע פאַרבינדונג מיט די סבות מיר זעען נישט. צופאַל דאָס איז אַ וואָרט אָן אַ זין, וואָס ווייזט בלויז אָן אויף דער אומוויסנהייט פון די, וואָס באַנוצן עס"**). אָט פאַרוואָס, ווען דאַרווין רעדט וועגן צופעליקע פאַרענדערונגען פון די אָרגאַניזמען, איבער וועלכע עס אַרבעט דער נאַטירלעכער אָפּקלייב, מיינט ער גאָרנישט, אַז דידאָזיקע פאַרענדערונגען האָבן נישט קיין סבות. ער מיינט נאָר, אַז די נאָענטסטע סבות זעענען אונז אומבאַקאַנט. „כאָטש יעדע פאַרענדערונג — זאָגט ער — ווערט באַשטימט דורך אַ געוויסער סבה, כאָטש זי איז אונטערגעוואָרפן שטרענגע אומפאַרענדערלעכע געזעצן, דאָך געלינגט אונז אַזוי זעלטן

*) טימיריאַזעוו: „אונזערע אַנטי-דאַרוויניסטן".

**) האָלבאַך: „סיסטעם פון דער נאַטור".

נאָכצופאָרשן דידאָזיקע קויזאַלע פאַרבינדונג, אַז מיר זענען גרייט זי אָנצורופן אפילו צופעליקע אינם זעלבן זין, ווי מען זאָגט, אַז ס'איז צופעליק די פאָרם פון אַ ברוכשטיק פון אַ באַרג-שטיין, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון דער הויך"*).

אַזוי אַרום איז די סתירה צווישן דאַרוויניזם מיט די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון דער וויסנשאַפט נאָר אַ שיינבאַרע, ריכטיקער געזאָגט, אַן אויסגעטראַכטע. אָבער אין אַזאַ פאַל, עקזיסטירט דאָך דער אַלטערנאַטיוו „גאָט אָדער אַ צופאַל", וועלכן עס רוקן כסדר אַרויס די טעאָלאָגן קעגן אַטעאיזם, בכלל נישט. עס קען נאָר זיין אַ רייד וועגן אַ שטופּנווייזן אַנטשטיין פון מער אָדער ווייניק צוועקמעסיקע פאָרמען דורכן נאַטירלעכן פאַרלויף פון די זאַכן מיט דער הילף פון די פּראָצעסן פון אָפּקלייב, צופּאַסונג, קאַמף פאַר עקזיסטענץ א. א. וו. אַנדערש געזאָגט, די נאַטור ווירקט נישט אַנטשפּרעכנד צו אירע זעלבסט-באַוווּסטע צילן אָדער כוונות, נאָר וואַרפט זיך אונטער דער בלינדער נויטווענדיקייט.

ס'איז בממילא גאַנץ נאַטירלעך, אַז ביי אַזאַ מין טעטיקייט שאַפט זי אַ מאַסע אָרגאַנען און אָרגאַניזמען, וועלכע, ווי מיר ווייסן, זייענדיק באַטראַכט דורך אונז פונם שטאַנדפּונקט פון ציל, דאַרפן זיך אונז, נישט ווילנדיק, אויסדאַכטן אַלס אין דער העכסטער מאָס נישט אַנטשפּרעכנדיק דעם ציל, אַלס נוצלאָז, אומזיניק, אומפּאָלקאָם א. א. וו. **).

---

*) דאַרווין: „די אָפּשטאַמונג פון די מינים".

**) אָט ווי אַזוי דידאָזיקע פראַגע שטעלט פאַר טימיריאַזעוו: „דורך אַ בלינדן צופאַל וועט מען נישט דערקלערן די פולקאָמענקייט פון די אָרגאַניזמען. פון דער אַנדערער זייט איז קלאָר, אַז מען קען זי אויך נישט דערקלערן דורך דער ווירקונג פון אויסערלעכע פיזישע כוחות. דידאָזיקע אוממעגלעכקייט פון אַ קלאָרער, מעכאַנישער דערקלערונג פון די אָרגאַנישע פאָרמען האָט געבוירן די טעלעאָלאָגיע. אַלץ אין אָרגאַניזם אַנטשפּרעכט געוויסע צילן, און דידאָזיקע צילן און נישט עפּעס אַנדערש, באַשטימען די פאָרם. די פולקאָמענקייט פון די אָרגאַניזמען איז נישט דערקלערלעך אַלס רעזולטאַט, זי איז נאָר פאַרשטענדלעך אַלס פאַר-

מען דאַרף באַמערקן, אַז די אידעאַליסטן און די איבריקע אָנהענגער פון „וויסנשאַפטלעכן" קלעריקאַליזם האָבן זייער ליב אַריינצוברענגען אַ מישמאַש אין די וויסנשאַפטלעכע באַגריפן פון געזעצמעסיקייט און צופעליקייט מיטן ציל צו צעמישן דעם

ווירקלעכונג פון אַ ציל. און דערדאָזיקער ציל — האָט דינסטבאַרייט פאַרטייטשט די טעלעאָלאָגיע — איז אין תוך געגומען דיזעלבע סבה, נאָר אַ סבה, וואָס שטייט נישט פון אָנהייב, נאָר צום סוף פון דער דערשיינונג: דאָס איז אַ „סוף-סבה" (סוף מעשה במחשבה תחלה)... אַזוי אַרום האָט מען דעם פאַרשנדיקן שכל, וואָס האָט זיך באַמיט זיך צו דערקלערן די פּולקאָמענקייט פון די אָרגאַנישע פאָרמען, פאָרגעלייגט צוויי אויסוועגן: אָדער אַ צופאַל, אָדער אַ „סוף-סבה". נישט דאָס און נישט יענץ האָט, פאַרשטייט זיך, געקענט באַפרידיקן דעם שכל אין אַנדערע צווייגן פון נאַטור-פאָרשונג, ווו ער איז שוין געוווינט געווען צו אַ שטרענג-לאָגישער צונויפפלעכטונג פון סבה און פאַלג... די גענאַליטעט פון דאַרווינס גרונט-געדאַנק איז טאַקע באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט געפונען אַן אויסוועג פון דערדאָזיקער דילעמע, אַ דריטע לייזונג — נישט קיין בלינדן צופאַל און נישט קיין „סוף-סבה"... ער האָט אָנגעוויזן דערויף, אַז דאָס לעבן נישט בלויז פון אַן אינדיווידואום, נאָר אויך פון באַזונדערע פאָרמען קען נישט ווערן ווילקירלעך אַרויסגעריסן פונם גאַנצן, פונם לעבן פון דער גאַנצער אָרגאַנישער וועלט. יעדע אָרגאַנישע פאָרם איז אַ רעזולטאַט פון ווירקונג אויף איר נישט בלויז פון די באַדינגונגען פון איר צייט, נאָר אויך פון די אַלע אומצייליקע באַדינגונגען, וועלכע האָבן געווירקט אויף די אומצייליקע רייען פון פאָרמען, פון וועלכע זי שטאַמט אָפּ... אָבער וועלכער איז דער מעכטיקסטער פון די פאַקטאָרן פון דעמדאָזיקן היסטאָרישן פּראָצעס ביים אויסבילדן די אָרגאַנישע פאָרמען? דער דאַרוויניזם, די לערע וועגן נאַטירלעכן אָפּקלייב, ענטפערט: זייערע אייגענע נוצלעכקייט, די פּולקאָמענקייט פון די אָרגאַניזמען אַליין, זייער האַרמאָניע מיט די עקזיסטענץ-באַדינגונגען, זי באַשטימט דאָס דעם זיג אינעם קאַמף, זי זאַמלט זיך אָן און פאַרפעסטיקט זיך דורך דער פאַרערבלעכקייט. אַזוי אַרום איז דאָס, וואָס דאַכט זיך אין דער פּראַקטיקער פאָרם אויס אַן אומדערקלערלעכער פּועל-יוצא, אַן ענדלעכער ציל, גאָר אין דעראמתן געווען אין דער אַנטוויקלונג פון דער ראַסע אַ געצייג, אַ מיטל. דער נוצן, די פּולקאָמענקייט פון וועלכן ס'איז אָרגאַן, וואָס שטעלט זיך אונז פאָר אינעם פּראָצעס פון אינדיווידועלער אַנטוויקלונג כמו אַ סוף, אַ פאַרענדיקונג, אַ רעזולטאַט אָדער, אויף דער שפּראַך פון סכאָלאַסטיק, זיין ציל, זיין ענדלעכע סבה, איז אין דער ווירקלעכקייט גאָר אַ סבה, וואָס האָט

נישט געבנוג-צוגעגרייטן עולם און אריינצוטראָגן אַן „אויסבעסע־רונג" אין דאַרוויניזם. ווי מיר וועלן באַלד זען, האָט אין דער לעצטער צייט מיט אַזאַ זאַך זיך פאַרנומען, צו דער גרויסער שמחה פון די טעאָלאָגן און בכלל פון אַלע קעגנער פון דער מאַ־טעריאַליסטישער וויסנשאַפט, דער רוסישער געלערנטער ל. בערג. ער רופט אָן „געזעצמעסיקייט" דאָס אַלץ, אין וואָס מען זעט אַ כּוונה, אַ שכל, אַ פאָרויס-איינגעשטעלטקייט, אַ ריכטונג צום ציל, און „צופעליק" דאָס, וואָס קומט פאָר צוליב „בלינדער בויטוועדיקייט", אָן שום כּוונה, טראָץ דער טעטיקייט פונם „העכסטן שכל". פון אַזאַ שטאַנדפּונקט איז דער דאַרוויניזם לגמרי „נישט וויסנשאַפטלעך", ווייל ער אָנערקענט „צופעליקייט" און לייקנט אָפּ „געזעצמעסיקייט". און ס'איז קיין ספק נישט, אַז אויף אַזאַ אופן איז בערג און די אַנדערע מיט אים, גע־רעכט, ווייל טאַקע אַ ז אַ מ י ן געזעצמעסיקייט פאַרלייקנט דאַרווינס לערע אינגאַנצן. זי שטייט פולשטענדיק אויפן שטאַנד־פּונקט, אַז די עוואָלוציע קומט פאָר מיטן כּוח פון בלינדער בויטוועדיקייט, אַז קיינער האָט איר קיין שום ציל נישט גע־שטעלט און אַז דעריבער, ממילא, העגנגען נישט איבער איר

באַשטימט די אויסבילדונג פונם דאָזיקן אָרגאַן און די אומצייליקע שטופּן פון זיין דערנעענטערן זיך צו פולקאָמענקייט ביי די פאָר-עלטערן פון דעם באַטראַכטן אינדיווידואום. דאַרווין האָט נישט אָפּגעוואָרפן די ענדלעכע סבות, ער האָט גע־טון בעסער — ער האָט זיי דערקלערט, איבערשטעלנדיק זיי אויפן געזעצלעכן אָרט. די סבה, אַנשטאָט דעם, זי זאָל נאָכפאָלגן נאָך איר פועל־יוצא, האָט אָנגע־הויבן אים פאָרויסצוגיין, ד. ה. זי האָט זיך אומגעקערט אויף דעם אָרט, וואָס די לאָגיק ווייזט איר אָן. אַזוי אַרום האָט דער דאַרוויניזם צום ערשטן מאָל געגעבן אַ מעכאַנישע דערקלערונג פון דער פולקאָמענקייט, צילמעסיקייט פון די אָרגאַ־ניזמען, פאַרשטייענדיק אונטער מ ע כ אַ נ י ש ע ר דערקלערונג די געוויינ־לעכע ק ו י ז אַ ל ע צום אונטערשיד פון דער ט ע ל ע אָ ל אָ ג י ש ע ר. אָבער באַפרייענדיק די ביאָלאָגיע פון דער פינסטערניש פון ענדלעכע סבות, האָט דאַרווין דאָך זיך נישט געווענדעט צום בלינדן צופאַל. זיין נאַטירלעכער אָפּקלייב איז אַזאַ מעכאַניזם, אַדאַנק וועלכן דער היסטאָרישער פּראָצעס פון אַנטוויקלונג ריכטעט זיך צו אַ באַשטימטן רעזולטאַט".

(„אונזערע אַנטי־דאַרוויניסטן").

קיין שום געהיימניספולע פאַרבאַשטימונגען. אַזוי אַרום, טוישן די קעגנער פון דאַרוויניזם פשוט אונטער די קאָרטן, אַריינטראָגנדיק אויסבעסערונגען אינעם באַגריף פון געזעצמעסיקייט. דאָס, וואָס מען דאַרף אָנרופן באַטירלעכע נויטווענדיקייט, קויזאַליטעט, רופן זיי אָן ציל, כּוונה, ד. ה. זיי טוישן אונטער די קויזאַליטעט דורך טעלעאָלאָגיע!

אָבער צי קען אַזאַ מין „קונצשטיק" האָפן אויף אַן ערנסטן דערפאָלג? ס'איז דאָך שוין לאַנג באַוווּסט, אַז אויפן סמך בלויז פון ווערטלעכן איינקלאַנג קען מען נישט מאַכן קיין שום אויספירן. נישט-ווילנדיק דערמאָנען זיך שפּינאָזאַס ווערטער: „דערפון וואָס מיטן וואָרט „הונט" באַצייכנט מען סיי אַ גע-ווּיסן בעל-חי, סיי אַ געוויסע קאָנסטעלאַציע (שטערן-זאַמלונג) אויפן הימל, דאַרף מען נישט דערוואַרטן, אַז די לעצטע זאָל ווען ס'איז אָנהייבן בילן". יעדנפאַלס, ווען די טעאָלאָגיזירנ-דיקע נאַטור-פאָרשער באַמיען זיך דורך אַזעלכע שטיק „אַרונ-טערצורייסן" דעם דאַרוויניזם, קומט אויס זיך צו דערמאָנען די באַקאַנטע עצה: „אויב דו וועסט אויף אַ שטייג פון אַ העלפאַנט איבערלעזן די אויפשריפט „בופלאָקס", — זאָלסטו נישט גלויבן דיינע אויגן".

כּדי צו באַשטעטיקן זייערע טעאָלאָגישע אָנשויונגען פּרוּווט בערג און טיילווייז אויך איימער, זיך צו פאַררופן דערויף, וואָס אין דער עוואָלוציע פון דער אָרגאַנישער וועלט באַאָבאַכטן מיר אַ באַשטימטע ריכטונג, אַ געוויסע טענדענץ. און ווירקלעך, די פאַרענדערלעכקייט פון געוויסע אָרגאַניזמען אָדער פון די אָדער יענע פּרטים פון זייער געבוי, גייט אָפט אין אַ געוויסער ליניע אין איין באַשטימטער ריכ-טונג, למשל, אין דער ריכטונג פון אויסוואַקסן פון דער גרויס (דער עלטסטער פאָסילער שטאַם-פאָטער פונם פערד איז געווען די גרויס ווי אַ פוקס; דער פאָלגנדיקער שטאַם-פאָטער איז די גרויס פון אַ וואָלף און איינער פון די לפי-ערך נאָענטע שטאַם-פאָטערס איז שוין די גרויס פון אַן אייזל). נאָר דאָס איז לחלוטין נישט איבערצייגנדיק: ריכטונג און ציל זענען צוויי גאַנץ פאַרשידענע זאַכן. אַ ריכטונג קען

אין זיך נישט אַנטהאַלטן קיין שום איבערנאַטירלעכס, זי קען אַרויסגערופן ווערן דורך געוויינלעכע, נאַטירלעכע סבות. למשל, אַלע קערפּערס האָבן אַ טענדענץ צו פאַלן אין דער ריכטונג פונם צענטער פון ערד-קויל, נאָר קיין איינער פון די פיזיקער קלערט גאָרנישט אויסצונוצן דאָס געזעץ וועגן אַלוועלטלעכער גראַוויטאַציע פונם שטאַנדפּונקט פון דער טעלעאָלאָגיע, צו זעען אין דער צוציונג-קראַפט עפּעס אַן אַרויסווייזן זיך פון אַ וועלטציל. גאַנץ אַנדערש שטייט די זאַך, ווען עס רעדט זיך וועגן ציל אין דער אָרגאַנישער עוואָלוציע, ד. ה. וועגן אַ פון פריער באַשטימטער, איינגעשטעלטער ליניע פון אַנטוויקלונג: דאָ קען מען זיך שוין נישט באַגיין אָן דער טעטיקייט פון אַ העכסטן שכל, פון אַן איבערנאַטירלעכער קראַפט. נאָר עס אַנטשטייט אַזאַ פראַגע: אויב עס עקזיסטירט אַ פאָרויס-באַשטימטער וועג פון אַנטוויקלונג, טאָ פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל צאָלרייכע אויסגעשטאָרבענע און אויסשטאַרבנדיקע זייטיקע צווייגן, וואָס פּאַסן זיך גאָרנישט איין אין די ראַמען פון אַן אַנטוויקלונג לויט אַ פאָרויס-אָנגעצייכנטער ריכטונג? ווייטער, פאַרוואָס פירט אַ באַשטימטע ריכטונג אין דער אַנטוויקלונג אָפּטמאָל דעם אָרגאַניזם אויפן וועג פון אַרויסווייזן זיך אין אים נישט בלויז פון אומנוצלעכע סימנים, נאָר אפילו פון אָפן-שעדלעכע, אומצוועקמעסיקע? למשל, פאַרוואָס האָבן די רייס-ציין ביים ווילדן חזיר זיך אַנטוויקלט אין אַזאַ ריכטונג, אַז ביי איין ראַסע (באַבירוסן) האָבן זיי זיך פאַרדרייט צום גוף, אַזוי, אַז ס'איז אוממעגלעך צו באַנוצן זיך מיט זיי אַלס מיט אַ שוץ- אָדער אָנפאַל-געווער? אויך דידאָזיקע קשיות, ווי אַ רייע אַנדערע, בלייבן קשיות פאַר די אָנהענגער פון טעלעאָלאָגישן פּרינציפּ: זיי קענען אויף זיי נישט ענטפערן...

בכלל, איז דער גורל פון די אַלע אומצייליקע זיגרייכע „אַרונטערווייסונגען" פון דאַרוויניזם שטענדיק דערזעלבער: ווילנדיק, נישט-ווילנדיק קומט זיי אויס צו וואַרפן אין מיסטקאַסטן פון דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט! און ס'איז קיין וווּנדער נישט. ווייל, ווי ס'האָט ריכטיק אָנגעמערקט דאָדעל, קען מען וועגן די „אַרונטערווייסער" פון דאַרוויניזם זאָגן איינס

פון די ביידע: „אָדער דאָס זענען גאַנץ אויבערפלעכלעך דענקנדיקע, אומגעווײנלעך־נאַיווע מענטשן, וואָס פאַרמאַכן די אויגן אויף אַלעם, וואָס רינגלט זיי אַרום, אָדער דאָס זענען היפּאָקריטן און סאָפיסטן, וואָס זענען אינפאָרמירט בעסער, ווי עס דאַכט זיך אויס און ווייסן מער, ווי מען קען שליסן לויט זייערע רייד נאָך; די דאָזיקע מענטשן באַנוצן זיך מיט די שמוציקסטע מיטלען, כּדי שאָדן צו טון דער ביי זיי פּערזענלעך פאַרהאַסטער זאַך. אַלזאָ, אָדער נאַיוויטעט און אומוויסן, אָדער בייזוויליקע פאַרדרייונג — אָפּט ביידע צוזאַמען — אַזאַ איז דער ווערט פון די דערווידערונגען, וואָס ווערן אַרויסגערוקט קעגן דאַרווינען“*). און פאַרהאַסט איז דאַרווין ביי די אַלע, וואָס נויטיקן זיך אין משהן, וואָס נויטיקן זיך אין דער מאַכט פון דער רעליגיע איבער די קעפּ פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

*) ראַדעל: „משה צי דאַרווין“

V

דאָס לעצטע וואָרט פונם אַנטי־דאַרוויניזם.

פאַר דער לעצטער צייט איז דער אַנטי־דאַרוויניזם געוואָרן שיעור נישט קיין מאָדע. מען הערט אַלץ כסדר: דער דאַרוויניזם לעבט איבער אַ „קריזיס"... ער איז „פאַרעלטערט" פונם שטאַנדפּונקט פון אונזערע נייעסטע ידיעות וועגן פאַרערבלעכקייט... ער איז שוין פון לאַנג „איבערגעוואונדן" דורך דער וויסנשאַפט א. א. וו. דערביי איז אינטערעסאַנט דאָס, וואָס די „קריטיקער" פון דאַרוויניזם באַגנוגענען זיך בלויז מיט פראַזן, כאָטש אפילו זייער „געלערטע", אָבער דערפאַר זייער אַלגעמיינע, נעבלהאַפטיקע, רעכנענדיק דערויף, וואָס צוליב דעם, וואָס דער דורכשניטלעכער לעזער אָדער צוהערער איז נישט ביכולת זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין וואָס עס גייט דאָ, וועט זיך ביי אים אונטער דער ווירקונג פון דער געלערטער פראַזעאָלאָגיע שאַפן אַן איינדרוק, אַז דער דאַרוויניזם איז נישט אויסגעהאַלטן און אַז דעריבער האָט די ביאָלאָגישע אַנטי־טעלעאָלאָגיע קיין שום וויסנשאַפטלעכן יסוד נישט.

אין רוסלאַנד איז דער דאַרוויניזם, גאַנץ גיך נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, געוואָרן איינס פון די בעסטע קאַמף־געווערן קעגן דער רעליגיעזער וועלט־אַנשויונג. נישט קיין וואונדער איז דעריבער, אַז דווקא אין רוסלאַנד, ביי דער ראַטן־מאַכט, איז די פרייוויליקע אָדער נישט־פרייוויליקע אפּאָלאָגען

פון דער פינסטערניש נויטיק געווען אַלס קעגן-גיפט צום דאַר-ווינִיזם אַן אויסגעבויטער סיסטעם פון אַנטי-דאַרווינישע אידייען. אַזאַ סיסטעם האָבן זיי געפונען אין דער לערע פון אויטאָ-גענעז, איינע פון די נייעסטע פאָרמולירונגען פון וועלכער ס'האָט געגעבן אין יאָר 1922 דער רוסישער געלערנטער ל. בערג.

בערג, פונקט ווי די יעזואיטן-עוואָלוציאָניסטן, נעמט זיך נישט אונטער אָפּצולייקענען די רעאַליטעט פונם עוואָלוציע-פּראָצעס, אָבער ער איז נישט מסכּים מיט דאַרווינס אַנטי-טעלעאָלאָגישער, אַנטי-רעליגיעזער דערקלערונג פונם דאָזיקן פּראָצעס. ער האָט קעגן דאַרווינס פאַרשטייַן די אָרגאַנישע עוואָלוציע אַרויסגערוקט אַ גרויסע צאָל טענות און האָט אַרויסגעזאָגט אַן אַנדערע עוואָלוציע-טעאָריע, אויף צו באַגרינדן וועלכע ער האָט זיך באַמיט צו ברענגען אַ גאַנץ גרויסן ביאָלאָגישן מאַטעריאַל, אַזוי אַז ער האָט געשאַפן די נייעסטע און „פולקאָמסטע" פאָרם פון אַנטי-דאַרוויניזם. עס פאַרשטייט זיך אַליין, אַז דאָס דערשיינען פון זיינע אַנטי-דאַרוויניסטישע אַרבעטן איז דורך די פּאַרטיידיקער פון די פאַרשידענע פאָרמען פון קלעריקאַליזם באַצייכנט געוואָרן אַלס „גרויס וויסנשאַפטלעך געשעעניש". אין איין קול האָבן זיי טריומפירנדיק דערקלערט, אַז איצט קען מען שוין אויף זיכער זאָגן, אַז דער דאַרוויניזם און צוזאַמען מיט אים אויך דער אַטעאיזם, איז ענדגילטיק באַגראָבן, אַז ער איז פולשטענדיק באַזייטיקט, אַז אין דער איצטיקער צייט דאַרף ער פאַררעכנט ווערן פאַר אַ שוין דורכגעגאַנגענע סטאַדיע פון דער וויסנשאַפט*). נאָר פאַרשטענדלעך, דערדאָזיקער גאַנצער טריומף האָט נישט דעם ווערט קיין גראָשן; די ערנסטע, שטרענג-וויסנשאַפטלעכע קריטיק פונם דאָזיקן „מייסטער-ווערק", פונם „לעצטן וואָרט" פון אַנטי-דאַרוויניזם האָט נישט געלאָזט אין אים קיין איין כאָטש עטוואָס לעבעדיק אָרט. ס'האָט זיך אַרויס-געוויזן, אַז בערגס טענות זענען געגנצלעך נישט ערנסט און

*) און דאָס נישט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער: בערגס הויפּט-ווערק איז איבערגעזעצט אויף ענגליש און גייט אַרויס אויך אויף דייטש (אין דער ביכער-סעריע, וואָס ווערט רעדאַגירט דורכן אונז באַוווּסטן עזויט, וואַסמאַן).

נישט אָריגינעל, אַז זיי זענען, אין תוך גענומען, דיזעלבע, וואָס מען האָט אַרויסגערוקט פאַר אים און אַז אויף זיי האָבן די דאַרוויניסטן שוין זייער לאַנג געענטפערט*).

וואָס שייך דעם ביאָלאָגישן מאַטעריאַל, וואָס בערג ברענגט, איז קלאָר געוואָרן, אַז אָדער ער טויג צו דער זאַך נישט, אָדער ער דאַרף גאַנץ אַנדערש דערקלערט ווערן. אַזוי אַרום זענען אַלע קלאַנגען און פאַרזיכערונגען וועגן דעם, אַז „בערג האָט אַרונטערגעריסן דאַרוויניזם" פשוט לעכערלעך און אויסגערעכנט אויף דער לייכט-גלויביקייט פונם נישט פאָרבאַרייטן עולם: דער באַרג האָט געבוירן אַ מויז!

בערג שרייבט, אַז ער האָט זיך געשטעלט „פאַר אַ ציל צו באַווייזן, אַז די עוואָלוציע פון די אָרגאַניזמען איז אַ רעזולטאַט פון געוויסע געזעצמעסיקע פראָצעסן, וואָס קומען אין זיי פאָר. זי איז אַ נאָמאָגענעז, אַן אַנטוויקלונג לויט פעסטע געזעצן אין קעגנזאַץ צו עוואָלוציע דורך צופעליקייטן, וועלכע עס לייגט פאָר דאַרווין". דעריבער האָט בערג אַ נאָמען געגעבן זיין הויפט-ווערק: „נאָמאָגענעז אָדער עוואָלוציע אויפן וועג פון געזעצמעסיקייטן". אָבער אַזאַ נאָמען (פון „נאָמאָס" — געזעץ) אַנטשפּרעכט לגמרי נישט דער ווירקלעכקייט און קען לייכט אַריינפירן אין אַ טעות. ווייל וואָס ווערט דען געוויינלעך פאַרשטאַנען אונטערן וואָרט „געזעצמעסיקייט" אין דער וויסנשאַפט? — די קויזאַלע געזעצמעסיקייט פון די דערשיינונגען, ד. ה. די שטענדיקע און אומפאַרמיידלעכע פאַרבינדונג פון די דערשיינונגען, אָדער אַנדערש — די אָנשכלדיקע, בלינדע, נאַטירלעכע נויטווענדיקייט. בערג אָבער פאַרשטייט אונטער „געזעצמעסיקייט", ווי ס'איז דערמאָנט געוואָרן, גאַנץ עפּעס אַנדערש — נישט קיין געזעצמעסיקייט פון קויזאַלן מין, נאָר דאָס זיין געריכטעט צו אַ ציל, אַ פאָרויסבאַשטימטקייט. ער באַמיט זיך, ווי די טעאָלאָגן, צו באַווייזן, אַז די עוואָלוציע האָט אַ צילשטרעבנדיקן כאַראַק-

*) אין דער רוסישער ליטעראַטור האָבן דיזאַקע טענות נאָך פאַר בערגן אַרויסגערוקט דאַנילעווסקי און סטראַכאָוו. דערביי זענען זיי אויסגעצייכנט אַנאַליזירט און קריטיקירט געוואָרן דורך טימיריאַזעוון אין זיין אַרטיקל „אונזערע אַנטי-דאַרוויניסטן".

טער און רופט זיך אָן אַ געזעצמעסיקער פּראָצעס צוליב דעם גרונט, וואָס ער זעט אין איר אַ באַשטימטע כוונה, אַ פּאָרויס־באַשטימטקייט, אַ דערפילן אַ באַשטימטן ציל, און דערדאָזיקער ציל איז די פאַרווירקלעכונג פון אַ געוויסן מעטאַפיזישן פּרינציפּ — פון ג ו ט ס!

אָט וואָס ער זאָגט, צווישן אַנדערן, וועגן דעם: „די אַטאָמען, די עלעקטראָנען, דער וואַסער־שטאָף, דער סיריוס — זענען פאַר זיך אַליין, אָן באַציונג צו לעבעדיקע וועזנס נישט גוט און נישט שלעכט. נאָר אַלץ, וואָס עס לעבט, עקזיסטירט נישט פאַר זיך. עס איז נישט קיין זעלבסט־ציל, נאָר לעבט, כדי אויסצופירן אַ געוויסן ציל. דערדאָזיקער ציל איז דער ווילזיין פון יענעם מין, צו וועלכן עס געהערט דער געגעבענער אינדיווידואום... אַזוי אַרום איז די אָנוועזנהייט פון אָרגאַניזמען אויף דער ערד פאַרבונדן מיט דער אידיי פון גוטס".

אָבער דאָס איז נישט מער, ווי אַ רעליגיעזע פלאַפּלעריי. עס אַנטשטייט, נישט־ווילנדיק, די פראַגע: אויב אַלץ, וואָס לעבט, דינט צום גרעסערן שבח פון דער אידיי פון גוטס, טאָ צי איז דאָס חל אויך אויף אַזעלכע שנעל־פאַרמערנדיקע זיך און זייער שעדלעכע פאַרן מענטש (און אַנדערע העכסטע בעלי־חיים) וועזנס, ווי, למשל, די באַצילן פון דזשומע? אמת, בערג האָט פאָרויס־געזעען אַזאַ טענה און געגעבן אַן ענטפער אויף איר. נעמלעך, ער האָט אָנגעמערקט, אַז „פונם שטאַנדפּונקט פון ביאָלאָגיע איז אַ מענטש נישט מער ווערטפול, ווי אַ באַקטעריע". אָבער צי קען דען אַזאַ ענטפער באַפרידיקן די פאַרטיידיקער פון דער רעליגיע? אוודאי נישט. ווייל אויב דער מענטש צייכנט זיך נישט אויס מיט גאָרנישט ספּעציעלס פון דער נאַטור, אויב ער איז נישט דער „אתה־בחרתנוניק" פון דער נאַטור, וואָס זשע בלייבט פון דער רעליגיע דאַן?

כדי וויסנשאַפטלעך צו באַגרינדן די „רעאַלקייט פון דער אידיי פון גוטס", דאַרף בערג איינשטעלן אַן עיקרדיקן פּרינציפּיעלן אונטערשיד צווישן לעבעדיק און נישט־לעבעדיק. דעריבער זאָגט ער: „דער אונטערשיד פון לעבעדיק און נישט־לעבעדיק איז בכלל דער באַדייטנדיקסטער און סודותפולסטער פון אַלע אונטערשידן אויף דער וועלט. דאָס לעבעדיקע אונטערשיידעט

זיך פונם נישט-לעבעדיקן דורך זיין פעיקייט ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען צו רעאַגירן צוועקמעסיק אויף אַ צערייצונג". דאָס הייסט, אַז צוועקמעסיקייט איז די "לכתחלהדיקע", איממאַנענטע, נישט-צעלייגבאַרע גרונט-אייגנשאַפט פונם לעבעדיקן און דידאָזיקע אייגנשאַפט באַשטימט אין אַלגעמיין דעם גאַנג פון דער עוואָלוציע. אָבער אַזאַ שטאַנדפּונקט קען נישט, ווי עס באַמערקט ריכטיק בערג, באַפרידיקן אַ דאַרוויניסט, ווייל „אויב דאָס לעבעדיקע האָט די פעיקייט צו רעאַגירן צוועקמעסיק אויף אַ צערייצונג, טאָ צו-וואָס דאַרף מען דאָ דעם נאַטירלעכן אָפּקלייב? דאַן וועט דאָך מיט אַמאָל זיך באַקומען דאָס, וואָס מען דאַרף".

באמת טאַקע, אויב די עוואָלוציע ווערט פאַרווירקלעכט אויפן באָדן פון צוועקמעסיקייט פון אַלעם לעבעדיקן, ד. ה. ס'ווערט מיט אַמאָל, אויפן גרונט פונם טעלעאָלאָגישן פּרינציפּ פאַרווירקלעכט „דאָס וואָס מען דאַרף", האָט דאָך דער נאַטירלעכער אָפּקלייב קיין פּלאַץ נישט, ווייל ער לייקנט דאָך אינגאַנצן אָפּ די טעלעאָלאָגיע און גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז צווישן די דערשייַנענדיקע פאַרענדערונגען זענען אייניקע נוצלעך פאַר די אָרגאַניזמען, ד. ה. אַנטשפּרעכן די פאַראַנענע באַדינגונגען, אַנדערע זענען אומנוצלעך און דריטע זענען אפילו שעדלעך. הייסט עס, אַז דער אונטערשיד צווישן די אָנשויונגען פון דאַרווינען און בערגן באַשטייט נישט אין די פּרטים, נאָר אין סאַמע עיקר, אינם הויפּט-פּרינציפּ. דאָס ווערט טאַקע אונטערגעשטראָכן דורך בערגן אַליין אויך; ער זאָגט, למשל, „דאַרווינס טעאָריע שטעלט זיך פאַר אַ ציל מעכאַניש צו דערקלערן די אָפּשטאַמונג פון די צוועקמעסיקייטן אין די אָרגאַניזמען. מיר אָבער האַלטן די פעיקייט צוועקמעסיק צו רעאַגירן פאַר דער גרונט-אייגנשאַפט פון די אָרגאַניזמען"*). דערמיט דריקט בערג אויס דעם געדאַנק, אַז די צוועקמעסיקייט אין די אָרגאַניזמען, זייער צופּאַסונג צו די אויסערלעכע עקזיסטענץ-באַדינגונגען איז נישטאָ וואָס צו דערקלערן, נישט דורכן נאַטירלעכן אָפּקלייב, נישט דורך וועלכע ס'א'ז אַנדערע מאַטעריעלע סבות: נוצלעכע פאַרענדערונגען אַנטשטייען נישט דורך זייער לאַנגזאַמען אָנ-

---

*) בערג: „די עוואָלוציע-טעאָריע".

זאַמלען זיך, נאָר מיט אַמאָל, פּלוצלונג, אָן שום אָנטייל פון אויסערלעכע סבות, דאָרט, ווו דאָס איז נויטיק. ער שרייבט טאַקע אַזוי: „עס זענען דאָ סימנים, וועלכע אַנטוויקלען זיך אויפן יסוד פון אינערלעכע, אייגנטימלעכע פאַר דער נאַטור פונם אָרגאַניזם אַליין אויטאָנאָמישע סבות, אומאָפּהענגיק פון יעדער ווירקונג פון דער אויסערלעכער סביבה"... דעריבער איז אויך „די עוואָלוציע אין אַ באַדייטנדיקער מאָס פאָרויס-באַשטימט, זי איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס דאָס פאַנאַנדערוויקלען זיך אָדער דאָס אַרויסווייזן זיך פון שוין עקזיסטירנדיקע התחלות פון אייגנטימלעכקייטן"[*], מיט איין וואָרט, בערגס באַמאָגענעז איז אין קעגנזאַץ צום דאַרוויניזם, אין תוך גענומען אַ ט ע ל ע ג ע נ ע ז — עוואָלוציע, וואָס ווערט באַשטימט דורך אַ ציל און גלייכצייטיק דערמיט אויך אַן א ו י ט אָ ג ע נ ע ז — אַ זעלבסט-אַנטוויקלונג, אומאָפּהענגיק פון דער ווירקונג פון אויסערלעכע באַדינגונגען, וואָס קען אפילו גיין ד ע ר ו ו י ד ע ר די באַדינגונגען פון דער אויסערלעכער סביבה.

לאָמיר, למשל, נעמען אַ זשיראַף, אַ מעלה-גרהדיקן בעל-חי, וואָס לעבט אין אַפריקע, וואָס איז דורך זיין לאַנגן האַלז ווונדערלעך צוגעפּאַסט צום אָפּרייסן די בלעטער פון די אויבערשטע צווייגן פון די ביימער, אַזוי אַז ער קען זיך געפינען פאַשע פיל גיכער, ווי די אַנדערע לעבעדיקע דאָרט בעלי-חיים. לויט דאַרווינען, האָט דערדאָזיקער בעל-חי אַזאַ לאַנגן האַלז דערפאַר, וואָס זיינע פאָר-עלטערן האָבן געלעבט אין באַשטימטע באַדינגונגען: עס זענען לעבן געבליבן און געלאָזן אַ נאָכקומערשאַפט נאָר די עקזעמפּלאַרן, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן מיט מער לאַנגע העלזער און האָבן דעריבער זיך לייכטער געקענט קריגן שפּייז בשעת די טריקעניש. דאָס הייסט, אַז דער זשיראַף איז אַנטשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט זיינע געברויכן אין די אויסערלעכע לעבנס-באַדינגונגען אַלס רעזולטאַט פון נאַטירלעכן אָפּקלייב, פונם לעבן-בלייבן פון די אַממערסטן צוגעפּאַסטע. אַנדערש זעט די זאַך אויס לויט בערגן: ביי אים איז די קערפּער-קאָנסטרוקציע פונם זשיראַף אַנטשטאַנען פון דור

---

[*] בערג: „נאָמאָגענעז"

צו דור. מיטן כוח פון אַ פּאָר-באַשטימונג, אומאָפּהענגיק פון די געברויכן פון דעם בעל-חי און אָן שום צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסערלעכער נאַטור. קאָזאָ-פּאָליאַנסקי האָט ריכטיק באַמערקט, אַז לויט דער טעאָריע פון אויטאָגענעז „וואָלט דער בעל-חי געווען פּונקט אַזאַ, ווען זיינע לעבנס-באַדינגונגען וואָלטן גע-ווען גאַנץ אַנדערע. דער זשיראַף וואָלט געווען אַזוי ווי ער איז, אפילו אין דעם פאַל, ווען דער לאַנגער האַלז און די איבעריקע ספּעציעלע אייגנשאַפטן וואָלטן נישט נאָר נישט געבראַכט קיין נוצן, נאָר אפילו אים געשאַדט. פון דור צו דור וואָלט זיך דער האַלז געוואקסן און געוואקסן אויב ער איז סוף-כל-סוף צו-נויץ געקומען, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל דער בעל-חי האָט זיך געפונען אין אַן אַנטשפּרעכנדיקער געגנט"*). אַלזאָ ברענגט בערגס טעאָריע פּונקט צו אַ פאַרקערטן אויספיר, ווי דאַרווינס לערע: נישט דער זשיראַף האָט אַזאַ האַלז, ווייל ער לעבט אין באַשטימטע באַדינגונגען, נאָר ער לעבט אין דידאָזיקע באַ-דינגונגען, ווייל ער האָט אַזאַ האַלז.

אַזוי אַרום, אָננעמענדיק, אַז די אָרגאַניזמען אַנטשטייען לכתחלה צוועקמעסיקע, צוגעפּאַסטע, האַלט בערג, אַז אָרגאַניז-מען מיט געגעבענע אייגנשאַפטן קענען אַנטשטיין און אַנטשטייען מיטן כוח פון פּאָר-באַשטימונג נישט אויף דעם אָרט, נישט אין דער סביבה, פאַר וועלכע זיי טויגן, ד. ה. זיי דערשיינען אויף דער אַרענע פונם לעבן מערסטנס נישט-צוגעפּאַסטע, נישט ציל-אַנטשפּרעכנדיקע: זשיראַפן צווישן לאָנקעס, בלינדע אויפן ליכט א. א. וו. ווי אַזוי זשע זענען זיי „פּאַרצוועקמעסיקט" געוואָרן, ווי אַזוי האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן פאַר צוגעפּאַסט צו די גע-געבענע באַדינגונגען, אויב עס ווערט אויסגעשלאָסן די ווירקונג פון נאַטירלעכן אָפּקלייב? עס בלייבט איבער נאָר איינס אָנ-צונעמען: „דער נאָמאָגענעז נעמט האַרמאָניש אַרום אויך די נישט-באַלעבטע נאַטור, אַזוי אַז די פּאַסיקע סביבה לייגט זיך צונויף פּונקט דאָרט און פּונקט צו דעם מאָמענט, ווען עס אַנט-שטייט אַן אָרגאַניזם, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר דערדאָזיקער סביבה, ד. ה. למשל, אַז היילן האָבן זיך אויסגעבילדעט דאָרט, וווּ עס זענען אַנטשטאַנען בלינדע בעלי-חיים, וואָסער האָט אָנ-

*) קאָזאָ-פּאָליאַנסקי: „דאַרוויניזם".

געהויבן שטראָמען דאָרט, ווו ס'האָבן זיך פאָרמירט זשאבערעס"*). אָבער דאָס איז דאָך פשוט אן אומזין...

אָבער וואָס-זשע שטעלט מיט זיך פאָר די אורשפרינגלעכע צוועקמעסיקייט, דידאָזיקע ספעציעלע אייגנשאפט, וואָס צווינגט די אָרגאניזמען מיט אמאָל זיך צוועקמעסיק צו ענדערן דאָרט, ווו עס איז נויטיק און פונקט אזוי ווי ס'איז נויטיק. איז דאָס דען נישט דער ווונדער-טוענדיקער „לעבנס-כוח", „כוח-החיים" פון די אזוי גערופענע וויטאַליסטן, אָדער פשוט גערעדט, דער גייסט, די נשמה?

אזא אויספיר בעט זיך פון זיך אליין, אָבער די ווערטער „כוח-החיים", „נשמה" א. א. האָבן א צו שלעכטן שם, אז די לערע, וואָס איז מיט זיי פארבונדן זאָל קענען צוציען א סך געלערטע. אָט פארוואָס אפילו בערג, צו דער שרעק פון די טעאָלאָגן, טרייסלט זיך אָפּ פון וויטאַליזם, דערקלערנדיק, אז „קיין שום אנדערע כוחות, חוץ די, וואָס זענען באוווּסט דורך דער פיזיק און כעמיע, האָט מען קיינמאָל אין די אָרגאניזמען נישט באמערקט און מען דארף מיינען, אז מען וועט אויך נישט באמערקן", אזוי אז „פּרוכטבאר ארבעטן אין דער נאטור-וויסנשאפט קען מען נאָר מיט דער הילף פון די כוחות, וואָס זענען באוווּסט דער פיזיק".

סוף-כל-סוף האָט בערג זיך געשטעלט צו דער פארטיי-דיקונג פון דעם שטאנדפונקט, אז די מאָרפאָלאָגישע**) און פיזיאָ-לאָגישע***) סימנים פונם אָרגאניזם זענען א רעזולטאט פונם כע-מישן צושטאנד פון דער פּראָטאָפּלאזמע פון זייערע קעמערלעך אָדער, בעסער געזאָגט, א פועל-יוצא פונם כעמישן געבוי פון זייערע ווייסלעכצן"****). קומט אויס אזוי ארום, אז דער וועג פון עוואָלוציע איז פאָרויס-באשטימט דורכן כעמישן געבוי פון די ווייסלעכצן, הייסט עס, די פארווירקלעכונג פון דער „אידיי פון גוטס" איז א רעזולטאט פון... א באזונדערן אופן פון אויסלייגן זיך פון די מאָלעקולן פון דער אָרגאנישער מאטעריע!..

---

*) קאָזאָ-פּאָליאנסקי: „דאָס לעצטע וואָרט פון אנטי-דאַרוויניזם".

**) מאָרפאָלאָגישע — וואָס זענען שייך צום געבוי.

***) פיזיאָלאָגישע—וואָס זענען שייך צום פונקציאָנירן פון אן אָרגאניזם.

****) בערג: „נאָמאָגענעז"

אייגנטלעך גערעדט, אנטהאלט אין זיך די השערה וועגן א פארבינדונג צווישן די כעמישע אייגנשאפטן פון די אָרגאַניזמען און צווישן די מאָרפאָלאָגישע אייגנשאפטן קיין שום שרעקלעכע זאך נישט, ווייל ס'איז קיין צווייפל נישט, אז די ווייסלעכצן, למשל, פון די באקטעריעס, זענען גאָרנישט דיזעלבע ווי ביי די חוט-השדרהדיקע. *אָבער די באהויפּטונג, אז דווקא די ווייסלעכצן דיריגירן מיט די מאָרפאָלאָגישע פארענדערונגען, אז די לכתחלהדיקע צילמעסיקייט באהאלט זיך אין דער באזונדערקייט פונם כעמישן געבוי פון די ווייסלעכצן, איז פולשטענדיק אומבאגרינדעט* און האָט קיין שום וויסנשאפטלעכע באדייטונג נישט. ס'זענען נישטאָ קיין שום רעאלע געגעבענע לטובת דערדאָזיקער באהויפּטונג און בערג האָט, ביי זיין גאנצן ווילן, נישט געקענט ברענגען קיין איינעם נישט. להיפוך, א גאנצע רייע פאקטן און באטראכטונגען לעבן זיך זייער שלעכט איין מיט בערגס היפּאָטעזע און מאכן זי פאר גאנץ אומווארשיינלעך.

לאָמיר אָנווייזן נאָר אויף איין פאקט. ווי ס'איז אונז באוווסט, האָט דאָס שטודירן די עמבריאָנאלע אנטוויקלונג פון פארשידענע אָרגאניזמען דערפירט צום אויספיר, אז די עמבריאָנאלע אנטוויקלונג דארף באטראכט ווערן, אלס א פארקירצטע געשיכטע פון אויסבילדן זיך פון די מינים, אז *יעדער אָרגאניזם אין עמבריאָנאלן צושטאנד טראָגט אויף זיך דעם חותם פון זיין ווייטער אָפּשטאמונג*: אין א שנעלן טעמפּ חזרט ער איבער יענעם פיל-הונדערטיעריקן וועג פון זיין אנטוויקלונג, וואָס זיינע פאָרעלטערן האָבן דורכגעמאכט, אָנהייבנדיק פון אן איין-קעמערלדיקן בעל-חי ביז זיין איצטיקן צושטאנד. אָט פארוואָס דער עמבריאָן פון א מענטש דערמאָנט אויף א געוויסער סטאדיע פון אנטוויקלונג א פיש, דערנאָך א קאָפּ-עקל, דערנאָך א זויגער א. א. וו.

פון בערגס שטאנדפונקט מוזן מיר אָננעמען, אז א מענטש-

לעכער עמבריאָן האָט אין פארשידענע סטאַדיעס פון זיין אנטוויקלונג *ווייסלעכצן פון פארשידענע טיפן בעלי-חיים*: דאָ דאָס ווייסלעכץ פון א פיש, דאָ פון א קאָפּ-עקל, פון א זויגער א. א. וו. נאָר אזא מין הנחה איז נישט נאָר, וואָס אבסאָלוט נישט באשטעטיקט, נאָר אויך *אויסערגעוויינלעך פאַנטאַסטיש*.

פונקט אזוי קומט אויך אויס אָפּצוואַרפן, אלס פּראָדוקט פון ריינער פאנטאזיע, די השערה, אז דער געבוי פון די ווייסלעכצן קען באדינגען די אָפּשטאמונג פון די צילמעסיקע אייגנשאפטן פונם אָרגאניזם, זייער רעכטצייטיקע פּאָרויסצוגעפאסטקייט צו די עקזיסטענץ-באדינגונגען, ווייל די וויסנשאפט האָט נישט און קען נישט האָבן קיין שום געגעבענע לטובת אזעלכע אויספירן, ווייל כאָטש די צילמעסיקייט איז, לויט בערגן, די אימאנענטע גרונט-אייגנשאפט פון אלעם, וואָס לעבט, צום אונטערשיד פון דער נישט-אָרגאנישער נאטור, אָבער די אָנוועזנהייט פון אומצוועקמעסיקע סימנים שלאָגט אזוי בולט אין די אויגן אריין, אז אפילו דערדאָזיקער קעגנער פון דארוויניזם האלט פאַר נישט מעגלעך אָנצונעמען, אז א לעבעדיק וועזן רעאגירט שטענדיק צוועקמעסיק.

בערג קאָנסטאטירט, אז „ס'זענען דאָ אזעלכע אומנוצלעכע סימנים, בנוגע וועלכע עס איז קלאָר, אז דער אָרגאניזם וואָלט „ביי זיין גאנצן ווילן“ נישט געקענט זיך באנוצן מיט זיי אויף א צוועקמעסיקן אופן“*). אָבער, לויט זיין היפּאָטעזע, ווערט די צילמעסיקייט אין די אָרגאניזמען פארווירקלעכט דורך די „אייגנשאפטן פון די ווייסלעכצן“, ד. ה. אויסשליסלעך דורך מאטעריעלע כּוחות לויט די געזעצן פון כעמיע און פיזיק. פרעגט זיך: פארוואָס-זשע שאפן אין אייניקע פאלן דידאָזיקע געזעצן וווּנדערלעך-צוועקמעסיקס און אין אנדערע — געגנצלעך אומצוועקמעסיקס און אפילו זייער שעדלעכס? וועגן דעם שווייגט בערג איינגאנצן, ווייל פון זיין שטאנדפונקט לאָזט זיך דערדאָזיקער פאקט איינגאנצן נישט דערקלערן. הייסט עס, ווי ס'האָט ריכטיק באמערקט קאָזאָ-פּאָליאנסקי, אז „מען קען, ווען עס

*) בערג: „נאָמאָגענעז“.

געפעלט, אָנגעמען, אז די ווייסלעכצן שאפן פאָרמען. אָבער
זיי שאפן זיי אָן שום שייכות צו דער צילמעסיקייט, —
עס קומט פאָר א פאָרמירונג אין אלע ריכטונגען, פון וועמענס
רעזולטאטן עס ווערט דורכן נאטירלעכן אָפקלייב אָפגעקליבן
דאָס, וואָס ס'האָט זיך „צופעליק" ארויסגעוויזן פאר לעבנס-
פעיק. און עס ווערט אונטערגעהאָלפן זיך צו אנטוויקלען אין
דער געגעבענער ריכטונג"*). אָבער אזא מין פארשטיין גייט
דאָך, ווי מיר ווייסן, קעגן דער טעאָריע פון אויטאָגענעז, וואָס
אָנערקענט נישט קיין נאטירלעכן אָפקלייב, אזוי אז דידאָזיקע
טעאָריע ברענגט צו אויספירן, וועלכע זענען אין סתירה מיט
אירע גרונט-הנחות און ווארפן זי, ממילא, אָפּ. אזוי ארום
האָט נישט די איינציקע „דערקלערונג"
פון כל-ערליי נסים, וועלכע בערג שרייבט
צו דער עוואָלוציע — די דערקלערונג פון
צילשטרעבנדיקייט, פאָרויס-באשטימטקייט
א. א. וו. — אונטער זיך קיין באָדן.

ווי מען זעט, וויפיל בערג זאָל זיך נישט אָפּטרייסלען
פון וויטאליזם, אָבער זיין טעאָריע איז זייער קרובהיש צום
וויטאליזם. דורך די סודותפולע כעמישע אייגנ-
שאפטן פון די ווייסלעכצן זעט זיך א דורך
די באקאנטע פיגור פון דעם „וווּנדער-
מאכנדיקן" כוח החיים, פון דער איבערנאטירלעכער
נשמה און בכלל פון „שכלדיקער ארכיטעקטור". ממילא איז
נישטאָ וואָס אָנצורופן דידאָזיקע טעאָריע די אנטוויקלונג אויפן
יסוד פון „געזעצמעסיקייטן". ס'וואָלט איר פיל בעסער געפאסט
דער נאָמען פון טעאָריע פון אנטוויקלונג אויפן
יסוד פון נסים, ד. ה. „די טעאָריע פון ווּונדער-שאפונג".
אָט פארוואָס די אלערליי „געלערטע" געשפרעכן וועגן „די
אייגנשאפטן פון די ווייסלעכצן", אלס סבה פון דער אָנפאנגלע-
כער צילמעסיקייט פון די אָרגאניזמען איז נאָר א דעקאָ-
ראציע, אונטער וועלכער ס'איז פארבאהאלטן דער כוח החיים
מיטן ציל צו ראטעווען דעמדאָזיקן „כוח" פון דער וויסנשאפט-

*) קאָזאָ-פּאָליאנסקי: „דאָס לעצטע וואָרט פון אַנטי-דארוויניזם".

לעכער קריטיק. נאָר אויב אזא מין פרום-גלויביק שפיצל קען האָפן אויף וועלכן ס'איז דערפאָלג, טאָ איז נישט אין דער גע-לערטער וועלט, נאָר בלויז צווישן די גלויביקע, וועלכע דארפן בכלל נישט קיין באוויזן. אמת, בערג זאָגט: „אויפקלערן די אָפּ-שטאמונג פון די צוועקמעסיקייטן דארף נישט די עוואָלוציע-לערע, נאָר יענע דיסציפלין*), וואָס וועט זיך נעמען באהאנדלען די אָפּשטאמונג פון אַלעם לעבעדיקן. דידאָזיקע פראַגע איז, לויט מיין מיינונג, אַ מעטאפיזישע“**). אָבער בערג ווידערשפרעכט זיך דאָך אליין מיט דערדאָזיקער דערקלערונג: ערשטנס, האָבן די פּראָבלעמען פון מעטאפיזיק אַן אָרט נישט אין דער וויסנ-שאפט, נאָר אין דער וועלט פון פאַנטאַזיע; די וויסנשאפט, וואָס שטודירט די וועלט, האָט מיט זיי נישט וואָס צו טון; צווייטנס, אויב דאָס איז אַ מעטאפיזיש פּראָבלעם, ד. ה. אויב, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק, „זי גייט אַרויס איבער די גרענעצן פון דער נאַטור-וויסנשאַפט“***), האָט מען דאָך

---

*) דיסציפלין — וויסנשאַפט-צווייג.

**) בערג: „עוואָלוציע-טעאָריע“.

***) מען דארף באמערקן, אַז די ווערטער „מעטאפיזיק“ און „מעטאפי-זיש“ האָבן אין דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע געהאַט די פארשידנסטע באדייטונגען, זענען באַנוצט געוואָרן אין פאַרשידנסטן זין. אין העגעלס פילאָזאָפיע, ווי אויך אין דער פילאָזאָפיע פון מאַרקסיזם, ווערט פאַר אַ מעטאפיזישער וועלט-אַנשויונג גערעכנט אזאַ וועלט-אַנשויונג, וועלכע ליקנט אָפּ אין קעגנזאַץ צו דער דיאַלעקטישער, די עוואָלוציע, ד. ה. זי קוקט אויף דער וועלט ווי אויף עפּעס אומבאַוועגלעכס, שטענדיקס, אומפאַרענדערלעכס. אָבער געוויינלעך פארשטייט מען אונטערן וואָרט מעטאפיזיק עפּעס, וואָס איז אַ היפּוך פון וויסנשאַפט, כל-ערליי אידייען וועגן „יענוועלטיקן“, איבער-עמפּירישן, „איבער-חושימדיקן“, איבערנאַ-טירלעכן, און טאַקע אין דעם זין ווערט דאָס וואָרט באַנוצט דורך בערגן. די מעטאַפיזיק איז, אַלזאָ, אַ מין טעאָלאָגיע און האָט קיין שום בשותפותדיקס נישט מיט וויסנשאַפט און נישט מיטן געזונטן שכל און דערפאַרונג: קיין איינע פון אירע באהויפּטונגען קענען נישט ווערן דערוויזן און זענען, הייסט עס, פוסטע פאַנטאַזיעס. נישט בחנם האָט וואָלטער געגעבן אזאַ מין דעפיניציע פון דער מעטאַפיזיק: „ווען צוויי רעדן און דער וואָס רעדט, פארשטייט נישט, וואָס ער אליין רעדט און דער, וואָס הערט, מאַכט אַ פּנים, ווי ער פאַרשטייט, דאַן איז עס מעטאַפיזיק“. אוודאי איז דידאָזיקע דעפיניציע פולקאָם אָנווענדלעך

נישט באדארפט צוצוטראכטן א „נאטור-וויסנשאפטלעכע" טעאָריע פון באזונדערע כעמישע „אייגנשאפטן פון ווייסלעכצן". א חוץ דעם, צי איז דאָס א וויסנשאפטלעכע דערקלערונג? דערקלערן די צוועקמעסיקייט פון די אָרגאניזמען דערמיט, וואָס די צוועק-מעסיקייט ווערט אָנגענומען פאַר דער „לכתחלהדיקער" („אָנפאנג-לעכע") אויסשליסלעכער אייגנשאפט פון אַלעם לעבעדיקן אָדער ווערט צוגעשריבן עפּעס אייגנשאפטן פון ווייסלעכץ, הייסט דאָך, אין תּוך גענומען, נישט געבן פאַר די צופאסונג-דערשיינונגען קיין שום וויסנשאפטלעכע דערקלערונג, נאָר בלויז מיט פוסטע ווערטער פארדעקן דעם קלעריקאלן אַרט דענקען. „דאָס איז דאָך — רעדנדיק מיט ספּענסערס ווער-טער — איינע פון יענע דערקלערונגען, וואָס דערקלערן גאָרנישט, א פארקל ידן דאָס עם-הארצות אין אַן ענלעכקייט פון וויסן"*). מיט איין וואָרט, דער פּרינציפּ פון אָנפאנגלעכער „צוועק-מעסיקייט" — איז א ריינע מעטאפיזישע השערה. אָבער בערג איז דאָך קעגן מאטעריאַליזם, ווייל ער זעט אין מאטעריאַליזם מעטאפיזיק!?

נישט ווייניקער טרויעריק זענען בערגס רעזולטאטן, ווען ער באמיט זיך באגרינדן די עיקרדיקע הנחה פון זיין טעאָריע — דאָס פארלייקענען דעם נאטירלעכן אָפּקלייב. דידאָזיקע „באַ-גרינדונג" דערגרייכט ער לויטן אלטן, שוין לאנג אויסגעפּרווטן דורך די טעאָלאָגן און פסעוודאָ-געלערנטע רעצעפּט: טייל פאקטן איגנאָרירט ער און פארשוויגט, אַנ-דערע פארדרייט ער, טייטשט אויס נישט-ריכ-טיק, נישט קענענדיק סוף-כל-סוף דאָך פארבינדן איינעק מיטן צווייטן.

בדי דער נאַטירלעכער אָפּקלייב זאָל נישט האָבן קיין אָרט אין דער נאַטור, דערצו איז נויטיק איין אומבאַדינגטער תּנאַי,

---

אויך אויף דער רעליגיע: דער וואָס רעדט, איז דער גייסטלעכער, דער וואָס הערט — דער גלויביקער, ווייל סיי דער ערשטער, סיי דער צווייטער האָבן באמת קיין שום השגה נישט וועגן דעם, וועגן וואָס מען רעדט.

*) ספּענסער: „די יסודות פון ביאָלאָגיע".

אַז ס'זאָל נישט זיין וואָס אויסצוקלייבן. דאָס וואָלט נאָר געווען אין דעם פאַל, ווען די ווירקונג פונם טעלעאָלאָגישן פּרינציפּ וואָלט געווען אַבסאָלוט, ד. ה. ווען אַלע אַנטשטייענדיקע אין די אָרגאַניזמען פאַרענדערונגען וואָלטן, צוליב דער לכתּחלהדי-קער צוועקמעסיקייט פון דער לעבעדיקער מאַטעריע, געווען פולקאָמע און אַבסאָלוט זיך נישט אונטערגעשידן צווישן זיך; דערביי וואָלט די אויסגאַנג-פאָרם פאַרניכטעט געוואָרן פון זיך, אָן דער קאָנקורענץ און נייע פאַרענדערונגען. נאָר דאָס קומט נישט פאָר, ווייל אַפילו בערג אָנערקענט, אַז די ווירקונג פונם פּרינציפּ פון לכתּחלהדיקער צילמעסיקייט האָט נישט קיין אַבסאָלוטן, פולקאָמען כאַראַקטער. ס'איז דאָ אַ סך פאַלן, ווען די פאַרענדערונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט, זענען אומנוצ-לעך אָדער אַפילו שעדלעך פאַרן אָרגאַניזם*). ס'וואָלט זיך באַ-

---

*) אין תּוך גענומען געפינט זיך בערג פונקט אין אַזאַ לאַגע, ווי ס'האָט זיך אין זיין צייט געפונען דער אַנטי-דאַרוויניסט סטראַכאָוו. דער לעצטער האָט, פונקט ווי דער אַנטי-דאַרוויניסט דאַנילעווסקי, נישט געקענט מסכּים זיין דערמיט, וואָס די האַרמאָנישקייט פון דער אָרגאַנישער וועלט ווערט דורכן דאַרוויניזם דער-קלערט אַזוי „פּראָסט און גראָב" דורך דער אַנטשטייונג פון אומצייליקע אינדיווי-דועלע פאַרענדערונגען אונטער דער ווירקונג פון באַשטימטע נאַטירלעכע סבּות און דורך זייער אויסכאַרטן אויף אומנוצלעכע און נוצלעכע, דורך אויפהאַלטן די נוצלעכע און פאַרניכטן די שעדלעכע. מיטן ציל צו באַרויקן זייער באַאומרויקט רעליגיעז געפיל, האָבן דאַנילעווסקי און סטראַכאָוו פאַרזיכערט, אַז די אָרגאַנישע וועלט ווערט געריכטעט אין איר אַנטוויקלונג דורך דעם צילמעסיק-פאָרויס-באַ-שטימענדיקן „געטלעכן שכלדיקן עלעמענט". אָבער אין דערזעלבער צייט האָבן זיי נישט פאַרמאַכט די אויגן דערויף, אַז אין דער אָרגאַנישער וועלט איז דאָ זייער פיל אומנוצלעכס און שעדלעכס. ווען מען האָט זיי אָבער געפרעגט, ווי אַזוי האָט דער „אינטעלעקטועלער שכלדיקער עלעמענט" אָנגעשאַפן אַזוי פיל אומנוצלעכס און שעדלעכס, האָט סטראַכאָוו געענטפערט, נישט קווינקלענדיק זיך: „אַ מענטש שאַפט דאָך גוטס און שלעכטס, קלוגס און נאַרישס, — לאָזט-זשע איבער דיזעלבע פרייהייט אויך דעם געטלעכן עלעמענט". ווייל איז אַזאַ גאָט, וואָס באַנוצט זיך מיט אַזאַ „פרייהייט"! אָבער בערגס „לכתּחלהדיקע צילמעסיקייט" איז דאָך דאָסזעלבע, וואָס סטראַכאָווס „פרייער" שכלדיקער „עלעמענט"...

שטרעבט דאַכטן, אַז דערמיט אַליין עפנט זיך אַ ברייט פעלד פאַרן נאַטירלעכן אָפּקלייב פון די מער צוגעפּאַסטע אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

דידאַזיקע השערה בעט זיך אַליין דעסטאָ מער, וואָס בערג קאָנסטאַטירט נישט איינמאָל, אַז קאַמף פאַר עקזיסטענץ איז אַ פאַקט, קעגן וועלכן מען קען נישט שטרייטן. אָבער דאָס טאַקע וויל נישט בערג: אָנערקענען דעם נאַטירלעכן אָפּקלייב קען ער נישט, אויב ער גייט אַרויס פון דער הנחה פון לכתחלה־דיקער צוועקמעסיקייט, וואָס פאַרווירקלעכט, „דאָס וואָס מען דאַרף", ד. ה. דער נאַטירלעכער אָפּקלייב ווידער־שפּרעכט דעם אויסגאַנג־פּונקט פון אויטאָ־גענעז — דעם טעלעאָלאָגישן פּרינציפּ פון לכתחלהדיקער צילמעסיקייט. אָט פאַרוואָס דידאַזיקע גאַנצע טעאָריע איז פאַר־אורטיילט צו מיסדערפאָלג צוליב דער איבערלעכער סתירהדיקייט פון אירע גרונט־הנחות, וועלכע באַמיען זיך צו מאַכן שלום צווישן דעם, צווישן וועלכן מ'קען קיין שלום נישט מאַכן.

אַלס ראיה פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זיין טעאָריע און פאַר „אַראָפּרייסן" דעם דאַרוויניזם ברענגט בערג אַזאַ פאַקט: די גענויע באַאָבאַכטונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין אַמעריקע איבער שפּערלעך, וואָס זענען געפאַלן בשעת אַ שטורם־האָבן באַוויזן, אַז אין פאַרגלייך מיט די טיפּישע שפּערלעך פון דערדאָזיקער געגנט זענען אומגעקומען דווקא עקזעמפּלאַרן מיט זייער לאַנגע אָדער זייער קורצע פליגלען, מיט אויך אַזעלכע עקן, שנאָבלען א. א. וו. אַנדערש געזאָגט, עס זענען לעבן גע־בליבן נאָר די עקזעמפּלאַרן, וואָס זענען אַממערסטן ענלעך צו אַ געוויינלעכן שפּערל, ד. ה. צו יענעם סאָרט, וואָס איז אַמ־מערסטן פאַרשפּרייט אין דער געגעבענער געגנט. דערפון מאַכט בערג אַ טיפּזיניקן אויספיר: „דער נאַטירלעכער אָפּקלייב, טראָץ דאַרווינס מיינונג, קלייבט גאָרנישט אָפּ די גליקלעכע אָפּנייגן, פאַראורטיילנדיק צום אונטערגאַנג די איבריקע, נאָר, פאַרקערט, ער היט אָפּ די נאָרמע, ער איז נישט קיין פּראָגרעסיווער, נאָר אַ קאָנסערוואַטיווער פאַקטאָר. דער נאַטיר־

לעכער אָפּקלייב האַקט אָפּ אַלע אָפּנייגונגען פון דער נאָרמע, סיי אין דער זייט פון פּלוס, סיי אין דער זייט פון מינוס, סיי גליקלעכע, סיי אומגליקלעכע, פאַרפעסטיקנדיק דעם מיטעלערן נאָרמאַלן מוסטער"*).

אָבער, ווען בערג וואָלט נישט צונויפגעמישט קיין מישמאַש, ווען ער וואָלט געהאַט די פעיקייט צו דענקען שטרענג וויסנשאַפטלעך, וואָלט ער פונם דאָזיקן פאַקט נישט געמאַכט קיין אויספיר וועגן דער נישט-ריכטיקייט פון דאַרווינס לערע וועגן נאַטירלעכן אָפּקלייב. פאַרקערט, דווקא דערדאָזיקער פאַקט רעדט לטובת דאַרווינען, באַווייזנדיק, אַז די שפּערלעך מיט דער פאָרם פון פליגלען, עקן, וואָס טרעפט זיך אַממערסטן, האָבן זיך צום בעסטן צוגעפּאַסט צו דער סביבה, וואָס רינגלט זיי אַרום, און אַז יעדער אָפּנייג ביי די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען ווערט פאַר זיי זייער שעדלעך.

באמת טאַקע, וואָס איז — אינם פאַל מיט די שפּערלעך און אין אַנדערע פאַלן — די „נאָרמע"? — דאָס, וואָס עס טרעפט זיך צום אָפטעסטן, דאָס, וואָס ס'איז געוויינלעך, ד. ה. דאָס, וואָס אַנטשפּרעכט צום בעסטן דער סביבה, איז צום בעסטן לעבנס-ווידערשטאַנדפעיק, צוועקמעסיק, צוגעפּאַסט. הייסט עס, דער נאַטירלעכער אָפּקלייב האַלט טאַקע אויף די צום בעסטן צוגעפּאַסטע, וועלכע בילדן אין געוויסע פאַלן, די מערהייט. נאָר מען דאַרף געדענקען, אַז „אין געוויסע פאַלן" הייסט נישט — שטענדיק. ריכטיק באַמערקט קאָזאָפּאָליאַנסקי, אַז „לויט דאַרווינען, קענען צוגעפּאַסטע אינדיווידואומען זיין ווייניק ביים אַנטשטיין, ביים אָנהייב פון אויסבילדן זיך פון אַ „צוועקמעסיקן" טיפּ, ביי די ערשט פאָרציעס פונם נאַטירלעכן אָפּקלייב. נאָר אויב די עקזיסטענץ-באַדינגונגען האָבן זיך אַ לאַנגע צייט ווייניק געענדערט (לכל הפחות, אין געוויסע הינזיכטן) און דער אָפּקלייב האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט אינם זעלבן זין, פאַרמערט זיך דער „צוועקמעסיקער" טיפּ (סאָרט) אונטערן שוץ פונם אָפּקלייב און ווערט אַ „נאָרמע". אינם פאַל מיט די שפּערלעך האָבן מיר פונקט אַזאַ ביישפּיל. דער

*) בערג: „די טעאָריע פון אַנטוויקלונג".

געווינלעכער טיפּ שפּערל האָט זיך שוין לאַנג אויסגעאַרבעט. זייט דאַן האָבן די שטורמס און די אַנדערע באַדינגונגען נישט געענדערט זיינע הויפּט-אייגנשאַפטן. און דער נאַטירלעכער אָפּקלייב היט אָפּ זיין „נאָרמע". אָבער צוגעפּאַסטקייט איז אַ רעלאַטיווע זאַך. אַ בעל-חי אָדער געוויקס קען נישט זיין צוגעפּאַסט „בכלל" — אויף אַלע פאַלן און אויף אייביקע צייטן. ער איז צוגעפּאַסט צו דער געגעבענער באַשטימטער סביבה. אויב די סביבה וועט זיך ענדערן, וועט די „נאָרמע" זיך אויך מוזן ענדערן. דער טיפּ, וואָס איז איצט איבערוועגנדיק און צוועקמעסיק, וועט זיך אַרויסווייזן אַלס אומטויגלעך, וועט אָנהייבן נוטה צו זיין אויסצושטאַרבן אינם קאַמף פאַר עקזיסטענץ. דער אָפּקלייב וועט אויסטיילן אַ נייעם, שוין אַנדערן טיפּ, צוגעפּאַסטן צו די נייע באַדינגונגען. און דערדאָזיקער טיפּ, וואָס איז צוערשט, אפשר, רעפּרעזענטירט דורך ווייניקע עקזעמפּלאַרן, וועט מיט דער צייט אויסבילדן אַ נייע נאָרמע א. א. וו. א. א. וו. אויב די באַדינגונגען וועלן זיך ענדערן, וועט די איצטיקע נאָרמע פון שפּערלעך זיין פאַראורטיילט צום אויסשטאַרבן און דער אָפּקלייב וועט אָנצייכענען אַ שטאַם-פאָטער פון אַ נייער נאָרמע, שוין מיט אַנדערע סימנים. ס'איז אַלזאָ ריכטיק, אַז דער אָפּקלייב היט אָפּ די נאָרמע. ס'איז אָבער נישט ריכטיק, אַז ער טוט דאָס שטענדיק. ביים פאַרענדערן זיך פון די עקזיסטענץ-באַדינגונגען ווישט דער אָפּקלייב אַראָפּ פון דער ערד איין נאָרמע און שאַפט אויף איר אָרט אַ נייע נאָרמע, אויפהאַלטנדיק זי ביז צו די פאָלגנדיקע ענדערונגען, נישט לענגער. די „נאָרמע" ענדערט זיך אין אָפּהענגיקייט פון די פאַרענדערונגען און די אויסערלעכע באַדינגונגען"*). אַזוי אַרום צייגן מיר זיך נאָך אַמאָל איבער דערין, אַז דער דאַרוויניזם איז דורך בערגס קריטיק לגמרי נישט ארונטערגעריסן.

*) קאָזאָ-פּאָליאַנסקי: „דאַרוויניזם".

VI

צי איז דער דאַרוויניזם צעקלאַפּט?

מען קען אונז פרעגן: מיט וואָס קענען די דאַרוויניסט אַליין דערווייזן אָנשוילעך, עקספּערימענטאַל, די ריכטיקייט פון דער לערע וועגן נאַטירלעכן אָפּקלייב? טון דאָס איז פיל לייכטער, ווי אַרונטערצורייסן דעם דאַרוויניזם. די וויסנשאַפט באַזיצט אַ גאַנצע רייע אומדערשיטערלעכע און איבערצייגנדיקע באַווייזן וועלכע דאַרווינס קעגנער פאַרשווייגן כסדר. לאָמיר אָנווייזן אויף אייניקע פון זיי.

קודם כל, לאָמיר דערמאָנען וועגן די באַשריבענע דורך טימיריאַזעוון*) פאָרשונגען פון אועלדאָן איבער איין מין קראַב, וואָס האָדעוועט זיך אין דער פּלימוטער בוכט אין ענגלאַנד. נאָכן אויסבויען אַ נייער דאַמבע, וואָס האָט פאַרצוימט דעם אַריינגאַנג אין דער בוכט, איז באַמערקט געוואָרן, אַז די מיטעלע גרויס פונם שטערן-טייל פון דער קאָפּ-ברוסט פונם דאָזיקן קראַב ווערט פון יאָר צו יאָר קלענער, אַזוי אַז סוף-כל-סוף זענען די ברייט-שטערנדיקע קראַבן פאַרשוווּנדן און ס'זענען געבליבן בלויז שמאָל-שטערנדיקע. אועלדאָנען איז געקומען אויפן זין, צי ווערט דאָסדאָזיקע נישט באַדינגט דורך דער פאַרגרעסערטער מוטנעקייט פונם וואַסער, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אויסבויען די דאמבע. כדי צו קאָנטראָלירן דעמדאָזיקן געדאַנק

*) טימיריאַזעוו: „דאַרווין און די האַלבהונדערטיעריקע רעזולטאַטן פון דאַרוויניזם".

זיינעם, האָט ער דורכגעמאַכט אַ רייע עקספּערימענטן אין ספּע-ציעל צוליב דעם געבויטע אַקוואַריומס מיט ריין און מוטנע וואַסער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן: אין מוטנע וואַסער האָט זיך באַמערקט אַ גרעסערע שטערבלעכקייט און די ברייט-שטערנדיקע ראַקעס זענען איר געווען מער אונטערגעוואָרפן, ווי די שמאָל-שטערנדיקע: די שמאָל-שטערנדיקע האָבן געהאַט מער שאַנסן אויפן לעבן. אין רעזולטאַט פון דידאָזיקע פאָרשונגען איז אועלדאָנען געלונגען פעסטצושטעלן, אַז ביי די לעבן-געבליבענע קראַבן איז בעסער פאַרזיכערט געוואָרן די פילטראַציע פון וואַסער פון דעם שליאַם; אין קעגנאַץ צו די אויסשטאַרבנדיקע קראַבן האָט ביי זיי דער שליאַם נישט אַזוי לייכט געקענט אַריינפאַלן אין די זשאַבערעס און זיי האָבן זיך דערפאַר אַרויסגעוויזן פאַר מער צוגעפּאַסט צו די נייע עקזיסטענץ-באַדינגונגען — צום מוטנע-ווערן פונם וואַסער. אַזוי אַרום האָט א ו ע ל ד אָ ן „א ו י פ ג ע כ אַ פּ ט" ד י ד ע ר ש י י נ ו נ ג פ ו ן נ אַ ט י ר ל ע כ ן אָ פּ ק ל י י ב א י ן ד ע ר נ אַ ט ו ר, באַווייזנדיק, אַז פאַרענדערטע באַדינגונגען ווייזן זיך אַרויס פאַר פאַטאַל פאַר טייל אָרגאַנישע פאָרמען און שטערן נישט און באַגינסטיקן, אפשר, אַנדערע פאָרמען. הייסט עס, דאָ האָבן מיר פאַר זיך איינעם פון די ע'קספּערימענטאַלע פּאָזיטיווע באַווייזן פון דער ריכטיקייט פון דאַרוויניזם און אומריכטיקייט פון בערגס אידייען.

און וועגן וואָס זאָגט אונז די דורך אונז דערמאָנטע באַ-אָבאַכטונג איבער די שפּערלעך, וואָס זענען אומגעקומען בשעת אַ שטאַרקן שטורם?! מיר האָבן דאָך דאָ, טראָץ בערגן, פּונקט אַ פאַל, וואָס דערמעגלעכט „אונטערצוקוקן" די ווירקונג פונם נאַטירלעכן אָפּקלייב. ווייל באמת זענען דאָ אומגעקומען נאָר יענע שפּערלעך, וואָס זענען צוליב זייערע אייגנשאַפטן נישט געווען צוגעפּאַסט (למשל, צוליב דער שטאַרקהייט פון די ברוסט-מוסקולן, וואָס באַוועגן די פליגלען) צו די באַדינגונגען פון אַ שטאַרקן שטורם, און פאַרקערט, ס'זענען לעבן געבליבן יענע שפּערלעך, וואָס האָבן געהאַט אַזעלכע אייגנשאַפטן, אַז זיי האָבן געקענט ביישטיין אַ שטורם.

באַזונדערס אינטערעסאַנט, אַלס דירעקטע ראיה פון דער

ווירקונג פון נאַטירלעכן אָפּקלייב זענען די באַאָבאַכטונגען פון אַ רייע געלערנטע איבערן גורל פון אינזעקטן, וואָס האָבן אַ „שוץ-באַפאַרבונג". צום ביישפּיל, צוויי געלערטע סאַונדערס און פּולטאָן האָבן גענומען עטלעכע הונדערט פאַרשידנאַרטיק באַפאַרבטע לעלעס פון קרויט-פלאַטערל, האָבן זיי צעלייגט אויף געוויקסן, ברעטער, ווענטלעך א. א. וו. און איבערגעלאָזט אויפן באַראָט פונם גורל. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פייגלען האָבן נישט פאַרניכטעט גראָד יענע לעלעס, וועלכע „האָבן זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן", ווייל זיי האָבן זיך געפונען אויף זאַכן, וואָס האָבן געהאַט דיזעלבע פאַרב, וואָס זיי. אַן אַנדער געלערטער האָט גענומען אַנדערע אינזעקטן—„פּיליגרימען" (богомолы), וועלכע האָבן אַ רויטלעכע אָדער גרינע פאַרב און לעבן אויף אַנטשפּרעכנדיקע געוויקסן, און האָט איבער זיי געמאַכט אַזאַ מין עקספּערימענט: ער האָט צוגעבונדן די אינזעקטן פון ביידע מינים באַפאַרבונג צו גרינע און רויטלעכע געוויקסן און האָט זיי אין אַזאַ מצב איבערגעלאָזט אויף מער ווי צוויי וואָכן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אינזעקטן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף געוויקסן פון דערזעלבער, וואָס זיי, פאַרב, זענען לעבן געבליבן, די מערהייט פון די איבריקע אָבער איז אויסגעראָטן געוואָרן דורך זייערע שונאים — די פייגלען. ס'איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך פאַקטן, וואָס זאָגן עדות נישט בלויז וועגן דער באַדייטונג פון דער שוץ-פאַרב, נאָר אויך וועגן דער ווירקונג פונם נאַטירלעכן אָפּקלייב. דערביי זענען דידאָזיקע פאַקטן באַזונדערס וויכטיק, ווייל דאָס זענען נישט קיין זייטיקע, נאָר *דירעקטע באַווייזן* פונם דאַרוויניזם. זיי דערקלערן אונז אויסגעצייכנט, ווי אַזוי ס'האָבן געקענט אַנטשטיין ביידע אונטער-מינים פון „פּיליגרימען". צוערשט זענען דידאָזיקע אינזעקטן געווען פון דערזעלבער פאַרב, נאָר ווען צווישן זיי האָבן זיך באַוויזן, צוליב דער פאַרענדערלעכקייט, עטוואָס מער רויטלעכע און עטוואָס מער גרינע יחידים, האָבן זיי באַקומען אַן איבערגעוויכט אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ אין פאַרגלייך מיט זייערע פאַר-עלטערן, ווייל זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ווייניקער באַמערקלעך פאַר די פייגלען; די גרינלעכע פּיליגרימען אויף גרינעם גראָז און די

רויטלעכע אויף רויטלעכן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס אָפּגעקליבענע, די איבעריקע אַלס באַזייטיקטע. און היות דערדאָזיקער אָפּקלייב איז פאָרגעקומען פון דור צו דור, זענען סוף-כל-סוף לעבן געבליבן נאָר די פאָרמען מיט דער גרעסטער שוץ-באַפאַרבונג, ד. ה. „צו דעם קאָליר" פון גריגס און „צו דעם קאָליר" פון רויטלעכע בלעטער צו. הייסט עס, אַז פון איין „אורשפּרינגלעכן", „אומפּולקאָמען" סאָרט פּיליגרימען זענען אַנטשטאַנען צוויי „פּולקאָמע", „צווועקמעסיק"-צוגעפּאַסטע צו פאַרשידענע אומשטענדן.

פונם ערשטן בליק דאַכט זיך אויס, אַז די טעאָריע פון נאָמאָגענעז (אויטאָגענעז) נעמט אָן די עקזיסטענץ פון עוואָלוציע פון דער אָרגאַנישער וועלט פאַר אַ פאַקט, פאַר אַ באַוויזענע זאַך. באמת איז אָבער נישט אַזוי, ווייל די „דערקלערונג" פונם דאָזיקן פּראָצעס ביי בערגן איז אַזעלכע, אַז זי איז כמעט גלייכווערטיק מיטן אָפּלייקענען די רעאַלקייט פונם דאָזיקן פּראָצעס. יעדנפאַלס באַדייט דער שטאַנדפּונקט פון אויטאָגענעז אַן אָפּזאָגן זיך פון דערקלערן דעם פאַקט פון עוואָלוציע און איז, אין תוך, אַ גלויבן אין נסים; זאָגן, אַז צילמעסיקייט איז, אַ „לכתחלהדיקע איממאַנענטע אייגנשאַפט פון די אָרגאַניזמען" איז דאָך נישט קיין סך בעסער, ווי ווענדן זיך צו גאָטס אַלמעכטיקייט אָדער צום טייוול. בלייבט, הייסט עס, נאָר איינס איבער: שטעלן זיך אויפן שטאַנדפּונקט פונם דאַרוויניזם, מסכים זיין מיט העקסלין, וואָס האָט געזאָגט: „אָדער דאַרווינס היפּאָטעזע, אָדער גאָרנישט, אונז בלייבט איבער אָדער אָנצונעמען זיינע אָנשויונגען, אָדער קוקן אויף דער נאַטור, ווי אויף אַ רעטעניש, וועמענס זין ס'איז לחלוטין פון אונז פאַרבאָרגן"*).

לאָמיר באַמערקן, אַז די קלעריקאַלן זענען זייער צופרידן, ווען מען רופט אָן דאַרווינס לערע אַ היפּאָטעזע. זיי זאָגן: „קיינער האָט נישט געזען, ווי אַזוי ס'איז טאַקע געגאַנגען די עוואָלוציע פון דער אָרגאַנישער וועלט — צי דורכן

---

*) העקסלי: „וועגן די סבות פון דערשיינונגען אין דער אָרגאַנישער וועלט".

נאַטירלעכן אָפּקלייב, צי דורך גאָטס השגחה. דער דאַרוויניזם איז נישט מער, ווי אַ השערה, אַ היפּאָטעזע, נאָר אויב אַזוי, מיט וואָס איז דידאָזיקע היפּאָטעזע בעסער פון דער רעליגיעז-טעאָלאָגישער דערקלערונג?" אָבער דאָסדאָזיקע שפּיצל איז דאָך געפּערלעך קודם-כּל פאַר די טעאָלאָגן אַליין: רעכענען גאָט נישט מער, ווי פאַר אַ היפּאָטעזע, דאָס איז דאָך פונם שטאַנד-פּונקט פון אַ גלויביקן דער העכסטער חלול-השם! פון דער אַנדערער זייט, איז צווישן דער היפּאָטעזע פון נאַטירלעכן אָפּקלייב און צווישן דער „היפּאָטעזע" פון איבערנאַטירלעכער אַריינמישונג פאַראַן אַ ק אָ ל אָ ס אַ ל ע ר ח י ל ו ק. דערדאָזיקער חילוק איז דורך העקסלין אויסגעצייכנט אילוסטרירט געוואָרן דורך פאָלגנדיקן פּשוטן ביישפּיל.

לאָמיר אָננעמען, אַז ווער ס'איז פון אונז, אַריינגייענדיק אינדערפרי אין עס-צימער, האָט באַמערקט, אַז פון צימער איז פאַרשוווּנדן דער איבערגעלאָזענער אין אים פון נעכטן טשאַייניק; חוץ דעם, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס פענסטער איז געעפנט, אויפן פענסטער באַמערקט איר אַן אָפּדרוק פון אַ שמוציקער האַנט און חוץ אַלעמען זענען אין גאָרטן אויפן זאַמד פאַראַן סימנים פון שטיוול, אונטערגעקלאַפּטע מיט טשוועקעס. דידאָזיקע אַלע דערשיינונגען שלאָגן זיך תּיכּף אַריין אין אייער באַוווּסטזיין און, נישט לאַנג טראַכטנדיק, זאָגט איר זיך, אַז עמי-צער אין שטיוול, אונטערגעקלאַפּטע מיט טשוועקעס און מיט שמוציקע לאַפּעס איז אַריינגעקראָכן דורכן פענסטער און אַוועק-געטראָגן דעם טשאַייניק. ווייל איר ווייסט דאָך פון דערפאַרונג, אַז, ערשטנס, עפענען זיך די פענסטער נישט אַליין פון זיך, צווייטנס, קען דער טשאַייניק נישט פון אייגענעם ווילן אַרויס-שפּרינגען דורכן פענסטער, דריטנס, טראָגט קיין איין בעל-חי, חוץ אַ מענטש, נישט קיין שטיוול, אונטערגעקלאַפּטע מיט טשוועקעס. און ענדלעך, פערטנס, זענען געוויסע מענטשן — גנבים. הייסט עס, אַז די גרונטן פאַר אייער אויספיר וועגן גנב, אַלס סבה פון עפענען דאָס פענסטער, פון פאַרפאַלן ווערן פונם טשאַייניק א. א. וו. זענען פון זיך פאַרשטענדלעך. אָבער דאָך קענען זיך געפינען מענטשן, וועלכע וועלן אייך אָנהייבן צו טענהן, אַז היות קיינער האָט נישט געזען, ווי אַזוי און דורך

וועמען ס'איז דורכגעפירט געוואָרן די צוויינונג פונם טשייניק, אַז היות אייער אויספיר וועגן גנב איז נאָר אַ השערה, היפּאָטעזע, טאָ קען מען דידאָזיקע היפּאָטעזע באַשטרייטן און פאַרבייטן דורך אַן אַנדערער. און אין דער צייט, ווען איר איילט זיך אָנצונעמען מיטלען, כּדי צו אַנטדעקן דעם גנב, הויבט מען אייך אָן פאָרצולייגן פאַרשידענע היפּאָטעזן. למשל, איין פריינט פאַרזיכערט אייך, אַז דעם טשאַיניק האָט צוגעכאַפּט אַ מאַלפּע און אַ מענטש האָט אַריינגעקוקט אין צימער ערשט נאָך דעם, אַזוי, אַז די מאַלפּע איז דער אמתער גנב. און בשעת איר קריגט זיך מיט אים, אָנווייזנדיק אויף דער קנאַפּער וואַרשיינ־לעכקייט פון זיין היפּאָטעזע, זאָגט אייך א צווייטער פריינט, אַ „הויך"־געשטימטער: „אָ, מיין טייערער פריינט! איר איילט זיך צופיל, איר זענט צופיל זעלבסט־זיכער, איר מיינט, אַז דאָס איז אַלץ פאָרגעקומען אין דער צייט, וואָס איר זענט פעסט גע־שלאָפן, ד. ה. אין אַ צייט, ווען איר האָט נישט געקענט וויסן, וואָס עס קומט פאָר. פון וואַנען ווייסט איר, אַז דער נאַטירלע־כער געזעץ רייסט נישט איבער זיין ווירקונג אויף ביינאַכט? ס'איז מעגלעך, אַז אין דער זאַך האָבן זיך אַריינגעמישט וועלכע ס'איז איבערנאַטירלעכע כּוחות, אַזוי, אַז דאָס פּענסטער האָט זיך אַליין געעפנט און דער טשאַיניק איז אַליין אַרויסגעפלויגן".

די לערעס פון דאַרווינען, בערג און אַנדערע וועגן דער סבה פון דער עוואָלוציע פון דער אָרגאַנישער וועלט זענען היפּאָטעזן, וואָס זענען ענלעך צו דידאָזיקע דערקלערונגען פון פאַרשווינדן פונם טשאַיניק. נאָר פון זיי דערמאָנט נאָר בלויז דאַרווינס לערע נאָנט די השערה, אַז דעם טשאַיניק האָט פּשוט צוגעגנבעט אַ מענטש אין אונטערגעקאָוועטע שטיוול און מיט שמוציקע הענט. סיי די השערה וועגן גנב, סיי די השערה וועגן נאַטירלעכן אָפּקלייב האָבן איין גרויסן חסרון: זיי זענען נישט דערוויזן, זיי זענען נאָר היפּאָטעזן. ווייל פּונקט אַזוי, ווי קיינער האָט מיט זיינע אויגן נישט געזען, ווי אַזוי דער טשיי־ניק איז פאַרשוווּנדן, פּונקט אַזוי האָט קיינער נישט געזען, ווי אַזוי ס'איז טאַקע צוגעגאַנגען די עוואָלוציע פון דער באַלעבטער נאַטור. הייסט עס, אַז די וואָס ווילן, האָבן דאָס רעכט צו צווייפלען, אָפּצוּוועגן די אומשטענדן פון דער זאַך, קריטיקירן

א. א. וו. אָבער ס'איז קלאָר איינס: פאַר דעם, וואָס איז נישט נוטה צו גלויבן, אַז דער טשאַיניק איז צוגעכאַפּט געוואָרן דורך אַ מאַלפּע, וואָס האָט זיך פון ערגעץ גענומען, אָדער אַז ער איז זעלבּ־שטענדיק אַרויסגעפלויגן פון דעם אַליין פון זיך געעפנטן פענסטער, בלייבט נישט איבער גאָרנישט עפּעס אַנדערש, ווי מסכּים צו זיין מיט דער דאַרווינישער דערקלערונג, ד. ה. מיט דער לערע וועגן נאַטירלעכן אָפּקלייב. אַזוי אַרום איז העקסלי געווען אַבּ־סאָלוט גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז „אָדער דאַרווינס היפּאָטעזע, אָדער גאָרנישט": יעדע לערע, וואָס שטרעבט מחיה־מתים צו זיין די טעלעאָלאָגיע, צוריק צו באַלעבן דאָס רעליגיעזע פאַרשטיין די וועלט, איז נישט מער, ווי אַ פּוסטער, גאָרנישט באַדייטנדיקער קלאַנג.

עס בלייבט אָבער דאָך אַזאַ מין טענה: דער אָפּקלייב איז נישט בכּוח אַרויסצורופן קיין נייע אייגנשאַפטן, ד. ה. דער דאַרוויניזם איז נישט ביכולת צו דערקלערן די פאַרענדערלעכ־קייט, איבער וועלכע עס אַרבעט דער אָפּקלייב, און דעריבער שפּילט דער נאַטירלעכער אָפּקלייב קיין ראָל נישט אין דער נאַטור. איז דאָס ריכטיק?

אַז דער אָפּקלייב איז נישט די סבּה פון דער פאַרענ־דערלעכקייט, אַז ער שאַפט נישט קיין נייע אייגנשאַפטן, אַז ער אַרבעט, אַזוי צו זאָגן, איבער שוין פאַרטיקן מאַטעריאַל — דאָס איז אַ פאַקט, אָבער ס'איז פולקאָם גערעכט דאָס אַלטע פראַנצויזישע שפּריכוואָרט: „דאָס שענסטע מיידל אין דער וועלט קען נישט געבן מער, ווי זי פאַרמאָגט". דאָסזעלבע איז אויך מיטן דאַרוויניזם: דאָסדאָזיקע „שענסטע באַשעפעניש" פונם מענטשלעכן שכל איז נישט בכּוח צו געבן דאָס, וואָס עס פאַר־מאָגט נישט, און ס'איז דעריבער נישטאָ וואָס צו פאָדערן פון אים דאָס, וואָס נישט נאָר עס קען נישט געבן, נאָר וואָס עס האָט אויך נישט צוגעזאָגט צו געבן. דאַרווין אַליין האָט אָנערקענט די פאַרענדערלעכקייט אַלס אַזאַ, וואָס קען נישט ווערן דערקלערט דורך דער לערע וועגן אָפּקלייב. וואָס פאַר אַן אויפגאַבע שטעלט זיך דען דער דאַרוויניזם? — צו דערקלערן אויף וואָס פאַראַ אופן עס ווערט פאַרווירקלעכט די עוואָלוציע ביי געגעבענע

באַשטימטע און פולקאָם נאַטירלעכע אייגנשאַפטן פון די אָרגאַניזמען און פון דער סביבה; דערביי ווערט די פאַרענדערלעכקייט גערעכנט פאַר איינער פון אַזעלכע אייגנשאַפטן. דעריבער האָט דאַרווין שטענדיק אונטערגעשטראָכן, אַז אונטער אָפּקלייב פאַרשטייט מען „נאָר דאָס אויפהאַלטן אַזעלכע פאַרענדערונגען, וועלכע אַנטשטייען און ווייזן זיך אַרויס פאַר נוצלעך ביי די געגעבענע לעבנס-באַדינגונגען פאַר די וועזנס, וואָס באַנוצן זיי", אָבער ער האָט קיינמאָל נישט באַהויפּטעט, אַז דער אָפּקלייב רופט אַרויס די פאַרענדערונגען*).

דער דאַרוויניזם לערנט בלויז, אַז אויפן באָדן פון פאַרענדערלעכקייט, פון אָרגאַנישע אָפּנייגן, וועלכע אַנטשטייען פון זיך צוליב די אָדער יענע סבות, קומט פאָר אַ קאַמף פאַר עקזיסטענץ און אַלס רעזולטאַט פונם דאָזיקן קאַמף טוט דער נאַטירלעכער אָפּקלייב אַזוי ווי „באַמערקן" און „אונטערכאַפּן" יעדע מער אָדער ווייניק נוצלעכע אָפּנייגן, אַזוי אַז ער אַליין שאַפט נישט און איז נישט בכוח צו שאַפן קיין שום נייעם סימן: ער פאַרניכטעט בלויז דאָס שעדלעכע, אויפהאַלטנדיק דאָס נוצלעכע, אומאָפּהענגיק דערפון, ווי אַזוי עס אַנטשטייט סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע, ד. ה. ער איז בלויז אַן אָפּקלייב און מער גאָרנישט. ווי איוואַנצאָוו האָט זיך אויסגעדריקט, איז „דער נאַטירלעכער אָפּקלייב נישט קיין פאַבריק פון פאָרמען, נאָר בלויז אַ סאָרטירונג; דער נאַטירלעכער אָפּקלייב איז נישט קיין פאַקטאָר פון פאַרענדערלעכקייט: ער איז אַ פאַקטאָר פון אויסבילדן די מינים, ד. ה. פון סיסטעמאַטישע גר.פן, וואָס זענען מער אָדער ווייניקער שאַרף אָפּגעטיילט איינע פון דער צווייטער דורכן אויסשטאַרבן פון די צווישן-גלידער, און צוזאַמען דערמיט אויך אַ פאַקטאָר, וואָס באַשטימט, פאַרוואָס אין דער געגעבענער צייט און אין געגעבענעם אָרט די פאַונע און די פלאָרע זענען אַזעלכע, ווי זיי זענען"**). געוויס, ס'איז זייער וויכטיק צו דערקלערן

---

*) דאַרווין: „די אָפּשטאַמונג פון די מינים".

**) איוואַנצאָוו: „די פאַקטאָרן פון עוואָלוציע".

דידאָזיקע אייגנשאַפטן און די וויסנשאַפט אַרבעט אין דערדאָזיקער ריכטונג, אָבער דאָס איז נישט די זאַך פון דאַרוויניזם, אַלס טעאָריע, נאָר פון עקספּערימענטאַלע אויספאָרשונגען. בכן אַלזאָ, קעמפן די קעגנער פון דאַרוויניזם נישט מיטן אמתן דאַרוויניזם, וואָס געהערט דאַרווינען, נאָר מיטן דאַרוויניזם אין גענזנפיסלעך, ד. ה. מיטן „דאַרוויניזם", וואָס איז אויסגעטראַכט דורך זייַנע קעגנער.

אָט וואָס ס'האָט וועגן דעם געזאָגט נאָך בערך מיט פערציק יאָר צוריק טימיריאַזעוו: „דעם דאַרוויניזם שטעלט מען אַזאַ פאָדערונג: דידאָזיקע לערע, זאָגט מען דערקלערט אונז דאָס אויפהאַלטן זיך פון די נוצלעכע פאָרמען, אָבער מיר ווילן וויסן זייער אָפּשטאַמונג; גיט אַ דערקלערונג, אַן אמתע פיזישע דערקלערונג פונם אורשפּינגלעכן אַנטשטיין פון דידאָזיקע פאָרמען! דער דאַרוויניזם גיט נישט אַזאַ דערקלערונג. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ער קען נישט און דאַרף נישט זי געבן: זי ליגט אויסער די גרענעצן פון זייַן אויפגאַבע. דער דאַרוויניזם שטעלט זיך איין אַלגעמיינע פאַר אַלע אָרגאַניזמען אויפגאַבע — אויפצודעקן אַזאַ היסטאָרישן פּראָצעס פון זייער אויסבילדן זיך, וואָס זאָל אונז קודם-כּל דערקלערן זייער עיקרדיקן גרונט-שטריך — זייער צוועקמעסיקייט. און פאַר דערדאָזיקער אַלגעמיינער אויפגאַבע גיט ער אַן אַלגעמיינע לייזונג — דעם נאַטירלעכן אָפּקלייב. די ערשטע פאָר-הנחה, אויף וועלכער עס באַזירט דידאָזיקע לייזונג, איז דער פאַקט פון פאַרענדערלעכקייט פון די וועזנס: ער ווערט דורך דערדאָזיקער טעאָריע אָנגענומען פאַר אַ געגעבענעם. אָבער איצטער שטעלט מען אַרויס אַ פאָדערונג טיפער צו אַנאַליזירן דעמדאָזיקן אויסגאַנג-פאַקטאָר. די פאָדערונג איז אַ געזעצלעכע, אָבער נישט לויטן געהעריקן אַדרעס. פון יעדער טעאָריע קען מען פאָדערן נאָר דאָס, וואָס זי גיט. דער דאַרוויניזם קען נישט ענטפערן דערויף, ווי אַזוי און פאַרוואָס ס'האָבן זיך פאַרענדערט די אָרגאַנישע וועזנס, ווייל אַזאַ אַלגעמיינע אויפגאַבע, אַזאַ אַלגעמיינער ענטפער איז נישטאָ און קען נישט זייַן. אַזעלכע אויפגאַבן איז דאָ אַן אומצייליקע צאָל און ענטפערן אויף זיי איז באַרופן נישט דער דאַרוויניזם, נאָר

אַן אַלגעמיין-ביאָלאָגישע לערע, נאָר די עקספּערימענטאַלע פיזיאָלאָגיע. דער דאַרוויניזם קען נישט ענטפערן אויף די אַלע פראַגן, אָבער דידאָזיקע אַלע ספּעציעלע פאָרשונגען, פון זייער זייט, אָננעמענדיק אַפילו, אַז מיט זייער הילף וועט אַמאָל געלינגען פולשטענדיק אויפצוקלערן דעם פיזישן פּראָצעס פון דער אויסבילדונג פון די פאָרמען, וועלן נישט געבן קיין ענטפער אויף יענער אַלגעמיינער פראַגע, אויף וועלכער עס ענטפערט דער דאַרוויניזם*).

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דאַרף מען אויפמערקזאַם מאַכן אויף פאָלגנדיקן אומשטאַנד. דאַרווין, אָנערקענענדיק די פאַרענדערלעכקייט פאַר אַן אויסגאַנג-פונקט פון זיין לערע, האָט אָבער נישט פאַנאַנדערגעטיילט די טיפּן פון פאַרענדערלעכקייט. אָבער דער היינטיקער ביאָלאָג רעדט נישט וועגן פאַרענדערלעכקייט בכלל, ווייל די פאָרשונגען פון די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר צווינגען צו אָנערקענען, אַז אין דער אָרגאַנישער וועלט עקזיסטירן עטלעכע נישט-גלייכווערטיקע טיפּן פון פאַרענדערלעכקייט. אייניקע פון די אינדיווידועלע, „פּערזענלעכע" פאַרענדערונגען גייען איבער בירושה און זיי שפּילן, אָן ספק, אַ ראָל אין דער עוואָלוציע פונם מין, ווייל זיי קענען געבן אַ דויערנדיקן מאַטעריאַל פאַרן אָפּקלייב, אַלס באַוועגונג-פאַקטאָר פון דער אַנטוויקלונג. אַנדערע פאַרענדערונגען גייען נישט איבער בירושה, זענען פאַראיבערגייענדיקע און איבן נישט אויס, אַלזאָ, קיין ווירקונג אויף דער עוואָלוציע פונם מין. אָבער דערין איז נישטאָ גאָרנישט קיין וווּנדערלעכס פאַרן דאַרוויניזם, ווייל זיין שעפער אַליין האָט אונטערגעשטראָכן, אַז „פאַר אונז איז אַ נישט-ירושהדיקע (נישט-ערבלעכע) פאַרענדערונג נישט וויכטיק"**).

צו די ירושהדיקע פאַרענדערונגען געהערן קודם-כל די מוטאַציעס, וואָס זענען אויסגעפאָרשט געוואָרן דורך פריס. דערדאָזיקער געלערטער האָט באַוויזן, אַז טיילמאָל קענען די מינים פון בעלי-חיים און געוויקסן זיך בייטן פּלוצים,

*) טימיריאַזעוו: „די פאַקטאָרן פון דער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג".

**) דאַרווין: „די אָפּשטאַמונג פון די מינים".

שפּרונגהאַפט, אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס, ד. ה. די קינדער ווערן געבוירן, אונטערשיידנדיק זיך שאַרף פון די עלטערן, אַזוי, אַז עס באַקומען זיך, אין אַ געוויסן זין, פּאַרזעענישן, און דידאָזיקע פאַרזעענישן, אויב, פאַרשטייט זיך, זיי קענען נאָר דערפאָלגרייך קעמפן פאַר עקזיסטענץ, זעצן פאָר זייער שטאַם און ברענגען אַרויס אַ דור, וואָס איז ענלעך צו זיי, ד. ה. וואָס נייגט זיך גאַנץ באַדייטנדיק אָפּ פונם גרונט-טיפּ. דערדאָזיקער מין פאַרענדערלעכקייט איז טאַקע אָנגערופן געוואָרן „מוטאַציע” אָדער „שפּרונגהאַפטיקע פאַרענדערונג” און אַזוי אַרום קענען אויפן וועג פון מוטאַציעס אַנטשטיין נייע מינים, וועלכע ווערן פאַרפעסטיקט דורכן נאַטירלעכן אָפּקלייב.

ווייטער געהערן צו די ירושהדיקע (ערבלעכע) פאַרענדערונגען די אַזוי גערופענע קאָמבינאַציעס, ד. ה. אָרגאַנישע פאַרענדערונגען, וועלכע שטייען אין פאַרבינדונג מיטן קרייצן, מיטן מרכּיב זיין, מיטן געשלעכטלעכן פאַרייניקן פאַרשידן-שטאַמיקע אָרגאַניזמען: די נאָכקומערשאַפט פון די אָרגאַניזמען, וועלכע באַקומען זיך ביים מרכּיב זיין, באַזיצט סימנים, וועלכע בילדן צוזאַמען אַלס גאַנצעס אַ צונויפלייגן זיך אָדער אַ „קאָמבינאַציע” פון די סימנים, וועלכע מען אָבסערווירט ביי די אויסגאַנג-פאָרמען (טיילמאָל האָט דידאָזיקע קאָמבינאַציע אַזאַ איוסזען, אַז עס באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז עס אַנטשטייען גאַנץ „נייע” סימנים, וועלכע זענען נישטאָ ביי די פאָרמען, וואָס מען איז מרכּיב). די געזעצן אָדער רעגלען פון אויסבילדן זיך פון דידאָזיקע קאָמבינאַציעס זענען אויפן עקספּערימענטאַלן וועג אַנטדעקט געוואָרן דורך מענדעל און, באַנוצנדיק זיך מיט זיי, קענען מיר אין פיל פאַלן פאָרויסזעען דעם רעזולטאַט פונם מרכּיב זיין מיט אַ דערשטוינענדיקער, שיעור נישט מאַטעמאַטישער, פּינקטלעכקייט. געוויס, די קאָמבינאַציעס שאַפן נישט קיין גאַנץ נייע סימנים, ווייל זיי זענען בלויז אַ רעזולטאַט פון פאַרבינדן זיך פון סימנים, וואָס זענען שוין אַמאָל דערשינען, אָבער אונטערן סאָרטירנדיקן איינפלוס פונם נאַטירלעכן אָפּקלייב שפּילן זיי אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער עוואָלוציע פון דער אָרגאַנישער וועלט.

פיל נייעס האָבן אין דער עוואָלוציע-טעאָריע אַריינגע-טראָגן נישט לאַנג יאָהאַנסענס עקספּערימענטן איבער געוויקסן. זיי האָבן באַוויזן, אַז מען דאַרף פעסטשטעלן אַן אונטערשיד צווישן „פענאָטיפּ" און „גענאָטיפּ". די זאַך באַשטייט דערין, וואָס אין אַ פריי אויסגעקליבענער גרופּע אינדיווידואומען, וואָס געהערן צום זעלבן מין (אָדער אונטער-מין), טרעפן זיך באַזונ-דערע עקזעמפּלאַרן, וועלכע זענען פאַרשידן לויט זייער אָפּשטאַ-מונג און לויט זייערע ירושה-אייגנשאַפטן: אייניקע זענען איינ-הייטלעך נאָר לויט דער אויסערלעכקייט; ממילא איז אַזאַ טיפּ בלויז אַ שיינבאַרער טיפּ — פענאָטיפּ. אָבער צו-זאַמען מיט דעם טרעפן מיר אויך אַזעלכע עקזעמפּליאַרן, וואָס זענען איינהייטלעך נישט בלויז אויסערלעך, נאָר אויך אינערלעך. לויט דער אָפּשטאַמונג, ד. ה. זיי פאַרמאָגן דיזעלביקע התחלות פון ירושה-אייגנשאַפטן („גענען") און בילדן דעריבער אַן איינ-הייטלעכן טיפּ — אַ גענאָטיפּ.

יאָהאַנסענס פאָרשונגען פירן טאַקע צום אויספיר, אַז אין אַ גרופּע עקזעמפּליאַרן, וואָס געהערן צו אַ באַשטימטן מין (אָדער אונטער-מין), פירט דער נאַטירלעכער אָפּקלייב בלויז צום אויס-טיילן די גענאָטיפּן, צום אויסזוכן און אויסאיזאָלירן יענע גרופּן עקזעמפּליאַרן, וועלכע האָבן דיזעלביקע אָפּשטאַמונג. אַנדערש געזאָגט, אויב מען זאָל מסכים זיין מיט יאָהאַנסענען, וועט מען צוזאַמען מיט דאַרווינען מוזן קומען צום אויספיר, אַז דער אָפּקלייב איז נישט קיין שעפערישער עלעמענט, ער שאַפט נישט קיין נייע סימנים, נאָר בלויז ער „אַנטבלויזט" די אָרגאַניזמען, ביי וועלכע דידאָזיקע סימנים, אונטער דער ווירקונג פון מוטאַציעס און קאָמבינאַציעס, זענען שוין געווען. דער-ביי שפּילט דער אָפּקלייב אין די ראַמען פון די גענאָטיפּן, ווו די ירושה-סימנים זענען דיזעלבע, קיין שום ראָל נישט, ווייל דאָ איז נישטאָ קיין אָרט פאַר יענער סאָרטירונג פונם נישט-איינהייטלעכן מאַטעריאַל, וועלכע עס דערפילט דער אָפּקלייב.

אַוודאי, רייסט דערדאָזיקער אויספיר מיט גאָרנישט אונטער דאַרווינס לערע. ער באַדייט נישט, אַז די ראָל פונם אָפּקלייב אין דער נאַטור איז אומבאַדייטנדיק. ווייל, כאָטש ס'איז אפילו אמת, אַז דער אָפּקלייב שאַפט נישט קיין נייע סימנים, דאָך

ווייזט זיך זיין ווירקונג בולט אַרויס אינם סאָרטירן די סימנים און אינם פאַרפעסטיקן זייע מוטאַציעס, ווייל אין אַלע פאַלן גייען די פאַרענדערונגען (מוטאַציעס און קאָמבינאַציעס) „אין אַלע ריכטונגען", ד. ה. ס'איז גאָרנישט אומבאַדינגט, אַז די ניי-אַנטשטאַנענע פאָרם זאָל זיין בעסער געבויט, ווי אירע אורשפרינגלעכע אבות.

דערפון אַלזאָ, וואָס דער אָפּקלייב איז נישט די סבה פון זייע סימנים, איז גאָרנישט געדרונגען, אַז די אָפּקלייב-טעאָריע דאַרף ווערן אָפּגעוואָרפן, אָדער אַז די ראָל פונם אָפּקלייב איז אומבאַדייטנדיק. עס הייסט בלויז, אַז פאַרן פאַרשטיין פון דער אָרגאַנישער נאַטור האָט דאַרווין געגעבן זייער פיל, אָבער נישט אַלץ; אַנדערש געזאָגט, — דער דאַרוויניזם גייט אַרויס פון באַשטימטע פאָר-הנחות אָדער באַשיינפערלעכע פאַקטן, וועמענס באַגרינדונג עס ווערט איבערגעלאָזט פאַר דער ווייטערדיקער פאָרשונג; דידאָזיקע טעאָריע שאַפט גאָרנישט אָפּ אַלע וויסנשאַפטן וועגן לעבן, נאָר גיט זיי די מעגלעכקייט פאָרצוזעצן זייערע אויספאָרשונגען איבערן אויפדעקן די סבות פון פאַרענדערלעכקייט, פאַרערבלעכקייט (ירושהדיקייט) און אַנדערע דערשיינונגען, וואָס זענען זייער וויכטיק פאַרן פאַרשטיין דעם פראָצעס פון עוואָלוציע. געוויס, ס'איז זייער מעגלעך, אַז אַחוץ די פאַקטאָרן פון אָרגאַנישער עוואָלוציע, וועלכע ס'האָט אָנגעוויזן דאַרווין, וועלן אַנטדעקט ווערן אויך אַנדערע. אָבער וויפל ס'זאָלן נישט זיין דידאָזיקע פאַקטאָרן, איינס איז בלי שום ספק: דאָס רעכט אויף לעבן דערוואָרבט זיך יענער אָרגאַניזם, וואָס איז צום בעסטן צוגעפּאַסט צו די געגעבענע עקזיסטענץ-באַדינגונגען. ממילא אַלזאָ, ווי עס זאָלן זיך נישט דרייען די טעאָלאָגן און זייערע פריי-וויליקע און אומפריי-וויליקע אָנהענגער, איז דער פאַקט, אַז דער נאַטירלעכער אָפּקלייב ווערט פאַרווירקלעכט אין דער נאַטור אַזוי, אַז וועגן צילמעסיקייט פון דער נאַטור, וועגן וועלט-האַרמאָניע, וועגן אַרויסווייזן זיך פון עפּעס אַ כוונה אין דער נאַטור א. א. וו. קען נישט

זיין קיין שום רייד. נישט אומזיסט האָט איינער פון די גרעסטע היינטיקע ספּעציאַליסטן אויפן געביט פון דער לערע וועגן ירושהדיקייט און פאַרענדערלעכקייט, באַור, געזאָגט: „איך זע אין דער טעאָריע וועגן נאַטירלעכן אָפּקלייב אין איר ריינער פאָרם, וואָס איז איצט פעסטער, ווי ווען ס'איז, דעם איינציקן, ביז צו דער היינטיקער צייט, ערנסטן פּרווו צו דערקלערן די עוואָלוציע"*).

אַ סברא, אַז קיין איין וויסנשאַפטלעכע טעאָריע איז נישט געווען אונטערגעוואָרפן אַזאַ פאַרביסענער קריטיק, ווי דאַרווינס לערע. ס'האָט קריטיקירט יעדער, וואָס איז נאָר נישט פויל געווען: סיי די פּרינציפּיעלע קעגנער פון דער טעאָריע פון פאַרוואַנדלונג און אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַנישער וועלט, סיי די יעניקע אָנהענגער פון דערדאָזיקער טעאָריע, וועמען „ס'איז נישט געפעלן געוואָרן" די „צופיל מאַטעריאַליסטישע" דערקלערונג, וואָס דער דאַרוויניזם גיט פאַרן „אָרגאַנישן פּראָגרעס". אָבער מען דאַרף אָנווייזן דערויף, אַז פיל פון די טענות, וואָס זענען געווענדעט קעגן דאַרוויניזם, זענען געזען געוואָרן פון פאָרויס דורכן געניאַלן שעפער פון דערדאָזיקער לערע אַליין; דערביי האָט ער אויך אָנגעוויזן אויף די מיטלען, מיט וועמענס הילף מען קען דידאָזיקע טענות גובר זיין.

צי קען מען אָבער באַהויפּטן, אַז דער דאַרוויניזם פון אונזער צייט איז שוין אַ פולקאָם-פאַרענדיקטער סיסטעם, אין וועלכן אַלץ איז קלאָר און אומבאַשטרייטלעך? ניין, באַהויפּטן דאָס וואָלט געווען אַ באַשיינפּערלעכער ליגן, וואָס גייט לטובת

---

*) טייל געלערטע דריקן אויס דעמדאָזיקן געדאַנק אין אַ נאָך מער ענערגישער פאָרם. אַזוי למשל, שרייבט שפּיצער: „עס עקזיסטירט קוים עפּעס, וואָס זאָל זיין אַזוי פיל זיכער, ווי דער נאַטירלעכער אָפּקלייב. זיין עקזיסטענץ איז פונקט אַזוי זיכער, ווי דאָס טוישן זיך פון טאָג און נאַכט, ווי דאָס בייטן זיך פון די צייטן פונם יאָר; עס איז אַן אומבאַדינגטער לאָגישער אויספיר פונם אָבסערווירטן אַלגעמיינעם שטראָם פון דער נאַטור".

דער טעאָלאָגיע, ווייל די וויסנשאַפט, לויט איר מהות, קען נישט זיין עפּעס איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרענדיקטס. די וויסנשאַפט איז נישט קיין דאָגמע, זי קען נישט פאַרגליווערט ווערן אין אַן אומפאַרענדערלעכן סיסטעם, ווייל די דערקענטניש איז אַן אַקטיווער פּראָצעס. זי פאַרברייטערט און פאַרטיפט זיך אַלץ מער און מער. און אין דעם ליגט טאַקע איינער פון די וויכטיקסטע נפקיה-מיניהס פונם דאַרוויניזם, אַלס וויסנשאַפטלעכער טעאָריע, פון די רעליגיעז-ביבלישע בבא-מעשות, וואָס פּרעטענדירן אויף פולשטענדיקער אומפעלערהאַפטיקייט, אויפן „גאַנצן אמתן". נישט ווילנדיק דערמאָנען זיך פאַסטערס ווערטער: „אומגליקלעך זענען די מענטשן, פאַר וועלכע אַלץ איז קלאָר". אַן אמתער דאַרוויניסט זאָגט נישט, אַז אים איז שוין איצט, אַדאַנק דאַרווינס לערע, „אַלץ קלאָר" און אינם דאָזיקן אונטערשטרייכן זיין נישט-פולשטענדיקן וויסן זעט ער קיין שום בייז נישט. ווער ס'האָט פאַרשטאַנען דעם גייסט פון דאַרווינס לערע, דער איז „גליקלעך" אין פאַסטערס זין פונם וואָרט און ער זאָגט דרייסט, נאָר אין פולן הסכם מיטן אמת: יאָ, ס'איז דאָ פיל נישט קלאָרס אין יענעם ווינקעלע פונם וויסן, וואָס ווערט אָנגערופן דאַרוויניזם, אָבער דאָס שטערט אונז לגמרי נישט מיט דער פולער איבערגעצייגטקייט צו אָנערקענען די אומדערשיטערלעכקייט פון די גרונט-הנחות פון דערדאָזיקער גרויסער לערע אַפילו אין אַזאַ מאָמענט, ווי איצט, ווען מען האָט ווידער אויפגעהויבן אַ קריג-צוג קעגן דערדאָזיקער לערע, ווען מען שטורמט און אַטאַקירט זי פון אַלע זייטן, ווען מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטורם-פייער איבער אַלע ליניעס פון דערדאָזיקער מאָנומענטאַלער געביידע. ס'איז קיין ספק נישטאָ, אַז דידאָזיקע געביידע וועט, מיטן פּראָגרעס פון דער וויסנשאַפט, געענדערט ווערן אין די דעטאַלן, פאַרבעסערט און דערגענצט ווערן, נאָר

ס'איז אויך קלאָר דאָס, אַז אינם עיקר, אינם וויכטיקסטן, שטייט דידאָזיקע באָמבאַרדירטע געביידע פעסט, ווי אַן אומצוגענגלעכע, אומבאַזיגלעכע פעסטונג: כאָטש עס הערט זיך דער קנאַק פון די פלאַצנדיקע באָמבעס, אָבער זיי דערפליען נישט ביז צו דער פעסטונג, אַנדערע טראָגן זיך אַריבער איבער איר, דריטע שלאָגן פאַרביי דעם ציל און די, וואָס טרעפן זעלטן ווען אין דער געביידע, רירן אָן בלויז דאָס נישט-וועזנטלעכע, די נישט-וויכטיקע ערטער, איבערלאָזנדיט די גאַנצע געביידע כמעט אָן שום פאַרענדערונגען.

אַלזאָ, די עיקר-הנחות פון דאַרוויניזם און צוזאַמען דערמיט אויך פון דער אַנטי-טעלעאָלאָגישער וועלט-אָנשויונג זענען נישט דערשיטערט. און אויב דער דאַרוויניזם האָט נאָך אַלץ קעגנער, איז דערין קיין שום וווּנדער נישטאָ, ווייל די אָנהענגער פון רעאַקציע, די פּריווילעגירטע און נישט-פּריווילעגירטע [sic] כל המינים פאַרלעשער פונם געדאַנק, קענען נישט שלום מאַכן מיט דערדאָזיקער רעוואָלוציאָנער-מאַטעריאַליסטישער לערע. מיר חזרן איבער נאָך אַמאָל, יעדער אַרויסטריט קעגן דאַרווינס לערע זאָגט קלאָר עדות וועגן דעם, אַז די אַרויסגערוקטע טענות זענען, אין תּוך, נישט קיין נייע, אַז זיי וואַריאירן בלויז אויף פאַרשידענע אופנים יענע „קריטיק", וואָס איז שוין לאַנג אָפּגעשלאָגן געוואָרן דורך די דאַרוויניסטן. פון דער אַנדערער זייט, זאָגט דער כאַראַקטער פון די אַרויסגערוקטע דערווידערונגען קעגן דערדאָזיקער לערע וועגן דעם, אַז זיי ווערן דיקטירט נישט דורך ריין-וויסנשאַפטלעכע חשבונות, נישט דורך פאַקטן, נאָר בלויז דורך באַשטימטע אַלגעמיין-אידעאָלאָגישע סבות — דורכן אומווילן זיך צו שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט פונם „שעדלעכן מאַטעריאַליזם", וואָס וואַרפט אָפּ די רעליגיע און אָנערקענט דעם סאָציאַליזם.

די אַנטי-דאַרוויניסטן אַליין פאַרבאַהאַלטן דאָס אָפטמאָל נישט. אַזוי, למשל, דערקלערט, דער באַרימטער טעאָלאָג ליוטארד אָפן, אַז ער קען נישט אָנערקענען דעם דאַרוויניזם בלויז דערפאַר, „ווייל דידאָזיקע לערע איז אַ וויסנשאַפטלעכע באַרעכטיקונג פאַרן באַזייטיקן גאָט, ד. ה. פאַרן אַטעיזם" און דער

אַטעיזם איז „זייער אַ געפערלעכע" זאַך, ווייל ער איז אַ פאַר-הנחה פאַרן סאָציאַליזם. „ווייל אויב — זאָגט ער — עס עקזי-סטירט נישט קיין גאָט אין הימל, דאַרפן די מענטשן שפּילן די ראָל פון דער השגחה אויף דער ערד און איינאָרדנען די וועלט לויט זייער אייגענעם געדאַנק. דאַן וועט מען זעען צו וואָס דאָס וועט דערפירן: די פראַנצויזישע רעוואָלוציע וועט זיך אַרויסווייזן פאַר אַ קינדער-שפּיל"*).

און אין דעמדאָזיקן גייסט זאָגן זיך אַרויס נישט בלויז די טעאָלאָגן, נאָר אויך פיל בירגערלעכע געלערטע. אַזוי, למשל, וווירכאָוו, איינער פון די גרעסטע ביאָלאָגן, וואָס איז פּאַקטיש לויט זיינע וויסנשאַפטלעכע אָנשויונגען געווען אַ מאַטעריאַליסט, וואָס האָט דערקלערט אַלץ, וואָס איז איבער-סענסועל, אַלס טעות פונם מענטשלעכן שכל, האָט געוואָרנט פאַרן פאַרשפּרייטן דידאָ-זיקע אָנשויונגען צווישן די מאַסן, האַלטנדיק, אַז דאָס קען ברענגען זייער שעדלעכע פאָלגן. דערפאַר טאַקע איז ער אין זיין רעדע אויפן מינכענער צוזאַמענפאָר פון נאַטור-פאָרשער אין יאָר 1877 אַרויסגעטרעטן קעגן איינפירן דעם לימוד פון דאַרווי-ניזם אין דער מיטל-שולע און האָט בוכשטעבלעך אַריינגעלייגט דידאָזיקע לערע אין פּאָליטישן חרם אויף דעם גרונט, וואָס „דער דאַרוויניזם פירט צום סאָציאַליזם". ווענדנדיק זיך צו די הייסע דאַרוויניסטן, האָט ער זיך באַמיט אָפּצוקילן זייער אַנט-ציקונג מיט דערדאָזיקער פּאָליטיש נישט זיכערער טעאָריע דורך פאָלגנדיקן אַרגומענט:

„שטעלט אייך נאָר פאָר, ווי אַזוי די עוואָלוציע-טעאָריע זעט שוין אין דער היינטיקער צייט אויס אינם קאָפּ פון אַ סאָציאַליסט! יאָ, געערטע פריינט, פאַר פיל וועט דאָס אויסזעען לעכערלעך, אָבער דאָס איז זייער ערנסט און איך וויל האָפן, אַז די עוואָלוציע-טעאָריע וועט נישט ברענגען אונז יענע שווי-דערלעכקייטן, וואָס אַזעלכע טעאָריעס האָבן שוין אָנגעמאַכט אינם שכנותדיקן לאַנד. יעדנפאַלס, האָט דידאָזיקע טעאָריע, אויב מען זאָל זי קאָנסעקווענט דורכפירן, זייער אַ געפערלעכע זייט און איר האָט, דאַרף מען האָפן, באַמערקט, אַז דער סאָציאַליזם

*) ליוטארד: „די אפּאָלאָגיע פון קריסטנטום".

האָט זיך מיט איר דערנענטערט. מיר דאַרפן דאָס גאַנץ קלאָר זעען".

וועגן וועלכע „שוידערלעכקייטן אינם שכנותדיקן לאַנד" האָט דאָס ווירכאָוו גערעדט? דאָס איז געווען אַ רמז אויף דער פּאַריזער קאָמונע און היות ער איז געמאַכט בשעת דער פאַרפאָלגונג פון די סאָציאַליסטן (סאָציאַליסטן-געזעץ), האָט ער געמוזט האָבן אַ גרויסע השפּעה*).

די פּאַרטיידיקער פון ווירכאָוו וועלן אפשר דערווידערן, אַז ער איז דערפאַר אַזוי אייפערדיק אַרויסגעטרעטן קעגן דאַר-וויניזם, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, צוליב מאָטיוון פון ריין-וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער, אַז דידאָזיקע לערע איז נישט קיין ריכטיקע. מיר ווילן דאָס נישט באַשטרייטן, אָבער לאָמיר נעמען אין אַכט פאָלגנדיקן אומשטאַנד: לויט דער מעלדונג פון זיין איידעם, האָט ווירכאָוו אין אַ געוויסער צייט אַרום פולקאָם אָנער-קענט דאַרווינס לערע, אָבער... נישט עפנטלעך, נאָר בלויז אין פּריוואַטע געשפּרעכן!

ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער באַוווּסטער זאָאָלאָג, אָסקאַר הערטוויג, שאַרף אַרויסטרעטנדיק געגן דאַרוויניזם, גאַנץ אָפן דערקלערט דעם „סוד" פון זיין שנאה צו דערדאָזי-קער לערע, זאָגנדיק גאַנץ באַשטימט, אַז ער קען נישט אָנער-קענען דידאָזיקע לערע אויף דעם סמך, וואָס... זי טראָגט אַ רעוואָלוציאָנערן און מאַטעריאַליסטישן כאַראַקטער און דערפירט סוף-כל-סוף צו דער „קראַמאָלנער" מאַרקסיסטישער לערע וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט!

און ווירקלעך, דער לאָגישער המשך פון דאַרוויניזם אויפן יסוד פון די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען איז די לערע פון מאַרקס און ענגעלס וועגן דער געזעלשאַפט, ד. ה. די רעוואָ-לוציאָנערע סאָציאָלאָגיע אָדער דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם. אויב דער דאַרוויניזם, ווייזנדיק אונז דעם גאַנג פון דער אַנט-וויקלונג פונם אָרגאַנישן לעבן, גיט אונז אַ בילד פונם באַווייזן זיך אויף דער ערד פונם מענטש, אַלס איינעם פון די מינים פון דער מלוכה פון די בעלי-חיים, שילדערט דער היסטאָרישער

*) גורעוו: „דאַרוויניזם און מאַרקסיזם"

מאַטעריאַליזם די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונם מענטש פונם חיהשן ביזן היינטיקן קולטורעלן, הויך-געזעלשאַפטלעכן צושטאַנד. ממילא אלזאָ, כאָטש די געביטן פון פאָרשונג פון דאַרוויניזם און פונם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם זענען ווייט איינער פונם אַנדערן, אָבער דידאָזיקע ביידע לערעס געפינען זיך אין אַן אינערלעכער נאָכפאָלגנדיקער פאַרבינדונג. און דערגענצן וונדערלעך איינע די אַנדערע. דערביי באַטראַכט, סיי די ערשטע, סיי די צווייטע לערע יעדע דערשיינונג פון איין שטאַנדפונקט — פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, ד. ה. אָפּוואַרפנדיק די פאָרשטעלונג וועגן איבערנאַטירלעכן און אומפאַרענדערלעכן. הייסט עס, אַז דער אונטערשיד צווישן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און דאַרוויניזם דריקט זיך אויס נישט אינעם מעטאָד, נישט אינעם אופן פון פאָרשן, נאָר בלויז אין דעם, וואָס ביידע לערעס נעמען אַרום פאַרשידענע סטאַדיעס פון דער אַנטוויקלונג פון דערזעלבער דערשיינונג. נעמלעך: דאַרווין האָט אויסגעפאָרשט דעם זאָאָלאָגישן, חיהשן פעריאָד פון אַנטוויקלונג פונם מענטשלעכן שטאַם און מאַרקס — דעם סאָציאָלאָגישן, דעם געזעלשאַפטלעך-היסטאָרישן, ד. ה. דורכן ערשטן ענדיקט זיך די זאָאָלאָגיע, דורכן צווייטן הייבט זיך אָן די סאָציאָלאָגיע. דעריבער האָט פּלעכאַנאָוו באַמערקט: „דער פאָרשונג-גייסט איז אַנטשידן דערזעלבער ביי ביידע פאָרשער; אָט פאַרוואָס מען קען זאָגן, אַז דער מאַרקסיזם דאָס איז דער דאַרוויניזם אין זיין אָנווענדונג צו דער געזעלשאַפט-קענטניש"*). אָבער דאָס הייסט נאָך נישט, אַז מען קען די געזעצן פון דאַרוויניזם, די געזעצן פון אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַנישער נאַטור, פשוט, מעכאַניש און דירעקט, איבערטראָגן אויף דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ווי מאַרקס האָט באַוויזן, האָבן די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען זייער באַזונדערע, ספּעציפישע געזעצמעסיקייט, וואָס רעדוצירט זיך נישט צו די געזעצן, וואָס זענען פעסטגעשטעלט דורך דער ביאָלאָגישער וויסנשאַפט, נאָר שאַפט זיי אָבער אויך נישט אָפּ אינגאַנצן.

*) פּלעכאַנאָוו: „צו דער פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פונם מאָניסטישן קוק אויף דער געשיכטע".

געמלעך, די מאַרקסיסטישע סאָציאָלאָגיע באַווייזט, באַנוצנדיק זיך מיט די געזעצן פון די ביאָלאָגישע וויסנשאַפטן, אַלס מיט גרייטע געגעבענע, ווי אַזוי דידאָזיקע געזעצן ווייזן זיך אַרויס אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אין אַ באַזונדערער פאָרם, וואָס איז אייגן בלויז דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דער דאַרוויניזם און דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם זענען לאָגיש פאַרבונדן צווישן זיך, ד. ה. דער דאַרוויניזם, אַ ביאָלאָגישע לערע, איז אין אַלגעמיין אַ פאָר-הנחה פאַר דער סאָציאָלאָגישער לערע — פאַרן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. נאָר אויב אַזוי, האָט דער קלאַסן-אינסטינקט נישט אָפּגענאַרט ווירכאָוון, הערטוויגן און אַנדערע. זיי האָבן נישט געהאַט קיין טעות דערין, אַז דאַרווינס לערע פירט אין דער אונטערשטער שורה צו יענער פאָרשטעלונג וועגן דער געזעלשאַפט, וואָס רעדט וועגן אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם און וועגן זיג פונם סאָציאַליזם. אָט פאַרוואָס דער באַוווסטער ענגלישער געלערטער מאַק-בראַיד האָט נישט לאַנג געזאָגט: „ווייניק ביכער קענען זיך פאַרגלייכן מיט דאַרווינס בוך לויט דער קאָלאָסאַלער ווירקונג אויף דער געשיכטע פון דער מענטשהייט: אַ רעזולטאַט פון אייגנאַרטיקן פאַרשטיין און אָנווענדן עס אין לעבן איז אויך די היינטיקע רוסישע רעוואָלוציע”.

מיר וועלן נישט ברענגען קיין אַנאַלאָגישע ביישפּילן, ווייל דאָס שוין געזאָגטע איז פולקאָם גענוגנדיק דערצו, אַז מען זאָל קענען באַשטימען, פון וועמען עס ווערבירן זיך די קענער פון דאַרווינס לערע. יעדנפאַלס איז איינס קלאָר: דער דאַרוויניזם איז אַ שטרענג-מאַטעריאַליסטישע אַנטי-טעלעאָלאָגישע לערע; דערביי זענען איר גרונט-הנחות די ווינקל-שטיינער פון דער היינטיקער וויסנשאַפט וועגן דער נאַטור.

VII.

דער צוזאַמענברוך פון דער ביבלישער לערע וועגן מענטש

ווי מען זעט פונם פריעריקן, איז נישט נאָר, וואָס דאַרווינס טעאָריע באַווייזט גלענצנדיק, אַז די מינים פון די בעלי-חיים און געוויקסן זענען נישט באַשאַפן געוואָרן יעדער באַזונדער, נאָר זיך אַנטוויקלט פון אַנדערע פשוטערע מינים, נאָר זי דערקלערט אויך, ווי אַזוי די צאָלרייכע מינים, וואָס באַפעלקערן איצט אונזער פּלאַנעט, האָבן דערגרייכט אַזאַ מין פולקאָמענקייט אינם געבוי און קעגנזייטיקער צופּאַסונג, וואָס רופט ביי אונז, נישט ווילנדיק, אַרויס פאַרוואונדערונג. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אַנטשטייט די פראַגע וועגן אָרט פונם מענטש אין דער אָרגאַנישער נאַטור, וועגן זיין פּלאַץ צווישן די אַנדערע לעבעדיקע וועזנס, ד. ה. די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי איז דער מענטש אַנטשטאַנען? אויך דאָסדאָזיקע פּראָבלעם האָט געפונען זיין לייזונג אין דאַרוויניזם, וועלכער זאָגט אונז, אַז דער מענטש האָט נישט זוכה געווען צו עפּעס אַ זעלבשטענדיקן, באַזונדערן „שאַפונג-אַקט", אַז דידאָזיקע „קרוין פון דער שאַפונג" שטאַמט אָפּ פון אַנדערע בעלי-חיים מיט אַ נידעריקערער אָרגאַניזאַציע. ער איז אַ בעל-חי, כאָטש ער שטייט אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון אַנטוויקלונג.

פונם ערשטן מאָמענט פון פּובליקירן דורך דאַרווינען זיין לערע איז קלאָר געווען, אַז דידאָזיקע לערע פירט, נישט

ווילנדיק, צום אויספיר, אַז דער מענטש שטעלט מיט זיך נישט פאַר קיין יוצא מן הכלל אין דער וועלט פון די בעלי-חיים, אַז ער איז נישט געשאַפן באַזונדער פון זיי, ד. ה. אַז ער האָט אַן אָפּשטאַמונג פון בעלי-חיים. מיר ווייסן שוין, אַז דער ערשטער, וואָס האָט אין אַן עפנטלעכער פאָרם אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעך אומפאַרמיידלעכקייט פון אַזאַ „אוממאָראַלישן אויספיר", איז געווען דער בישאָף אואָלבערפאָרס, וואָס האָט דערמיט געמיינט ענדגילטיק צו פאַרשעמען דאַרווינס אָנהענגער. העקסלי, וואָס האָט געענטפערט דעם בישאָף און האָט זיך אָנגערופן „דאַרווינס בולדאָג", האָט דרייסט אָנגענומען דעמדאָזיקן אויספיר און האָט אין זיינע פאָרלעזונגען, געהאַלטן פאַר אַרבעטער, און אין זיין בראָשור, אַרויסגעלאָזט אין יאָר 1863 אונטערן נאָמען „דעם מענטשנס פּלאַץ אין דער נאַטור" דער ערשטער אויסגעפירט פון דאַרווינס טעאָריע אויף אַ ווייסנשאַפטלעכן אופן די הנחה וועגן דער אָפּשטאַמונג פונם מענטש פון בעלי-חיים. דאַרווין אַליין אָבער האָט אַנטוויקלט די פּרינציפּן פון זיין טעאָריע, וואָס זענען נוגע דעם מענטש, אינם ווערק „די אָפּ-שטאַמונג פונם מענטש", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1871.

אייגנטלעך, זענען דידאָזיקע פּרינציפּן אַנטשטאַנען ביי דאַרווינען אין קאָפּ שוין לאַנג. ער אַליין דערציילט וועגן דעם: „ווען איך בין (אין יאָר 1837) געקומען צו דער איבערצייגונג וועגן דער פאַרענדערלעכקייט פון די מינים, איז פאַר מיר גע-וואָרן אומפאַרמיידלעך אויך דער אויספיר, אַז דער מענטש איז נישט קיין אויסנאַם פונם דאָזיקן געזעץ. און איך האָב אָנגע-הויבן צונויפצוזאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דעמדאָזיקן ענין". ווען ער האָט געשריבן זיין בוך וועגן אָפּשטאַמונג פון די מינים, האָבן אים אייניקע פון זיינע באַקאַנטע געראַטן נישט אָנצורירן „צייט-ווייליק" די פראַגע וועגן מענטש. דערויף האָט דאַרווין געענט-פערט: „איך האַלט נישט פאַר געוויסנהאַפט צו פאַרבאַהאַלטן מיין מיינונג". דעריבער האָט ער צום סוף פון זיין בוך אַריינ-געטראָגן אַזאַ מין פראַזע: „אַ נייַ ליכט וועט אין דער צוקונפט געוואָרפן ווערן אויף דער אָפּשטאַמונג פונם מענטש און אויף זיין געשיכטע".

אָנווענדן דעם דאַרוויניזם אויפן מענטש.

ד. ה. אויסשפרייטן אויפן מענטש די געזעצן פון אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַנישער וועלט באַדייט באַווייזן, אַז אַ מענטש באַזיצט אַן ענגע קרובהשאַפט מיט אַלע איבעריקע בעלי־חיים, און ווייטער אויך, אַנטפּערן אויף דער פראַגע, וועלכע פון די בעלי־חיים שטייען צו אים צום נאָנטסטן. נאָך דעם אַלעם, וואָס איז גע־זאָגט געוואָרן, וועט זיין גענוג, אויב מיר וועלן בלויז בקיצור, אין די אַלגעמיינסטע שטריכן, אויסלייגן, ווי אַזוי דער דאַר־ויניזם גייט צו דעם צו.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן דערויף, אַז די עמבריאָנאַלע אַנטוויקלונג פונם מענטש אונטערשיידט זיך נישט אין פיל פון אירע עטאַפּן פון דער אַנטוויקלונג פון אַ גאַנצער רייע בעלי־חיים און אַז אונזער עמבריאָן האָט פיל „חיהשע שטריכן": אַן עק, זשאַבערס־שפּאַרעס, אַ האָר־צודעק א. א. וו. עס באַקומט זיך אַזאַ איינדרוק, אַז אונזער עמבריאָן איז צוערשט כמו אַן איינ־קעמערלדיק וועזן, דערנאָך כמו אַן עמבריאָנאַלע הידרע, דערנאָך כמו אַ וואָרם, נאָך ווייטער כמו אַ זויגער און דערמאָנט אין די לעצטע פאַזן פון זיין אַנטוויקלונג זייער שטאַרק אַ העכערע מאַלפּע. און דאָס לערנט אונז, פאַרשטענדלעך, אַז אין דער עמבריאָנאַלער אַנטוויקלונג פונם מענטש איז נישטאָ קיין שום באַזונדערקייטן, וואָס זאָלן אים שטעלן אויסער די ראַמען פון דער מלוכה פון די בעלי־חיים בכלל און אויסער די ראַמען פונם קלאַס זויגערס בפרט. דאָס זאָגט, נישט ווילנדיק, וועגן דעם, אַז דער מענטש איז נישט באַשאַפן דורך אַ באַזונדערן שאַפונג־אַקט, נאָר אַז ער איז, אויפן וועג פון אַ לאַנגער עוואָלוציע, אויסגעוואַקסן פון דער חיות־וועלט, ד. ה. ער האָט אַ געמיינזאַמע אָפּשטאַמונג מיט זיי.

אָבער וועגן דעמזעלבן געבן אָפּ אַ פילזאָגנדיק עדות אויך אַ רייע אַנדערע פאַקטן און קודם־כל די רודימענטאַרע אָרגאַנען. לאָמיר זיך דערמאָנען וועגן אַפּענדיקס פון דער בלינדער קישקע, וועגן די אויער־מוסקולן, קלוגע ציין א. א. וו., מיר האָבן שוין דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס זענען אַטראָפירטע אָר־גאַנען, וואָס זענען אַרויס פונם געברויך, וואָס זענען איבער־

בלייבענישן פון אונזער חיהשער פאַרגאַנגענהייט. אָבער ווען דעמזעלבן דערמאָנט אונז פון צייט צו צייט די נאַטור דורך דערשיינונגען פון אומקערן זיך צוריק צו די סימנים פון די פאָר-עלטערן, דורך דערשיינונגען פון „אטאַוויזם". למשל, טיילמאָל ווערן פון פולקאָם נאָרמאַלע על-טערן געבוירן קינדער, וואָס האָבן קליינע עקן, די גרעב פונם גראָבן פינגער, און זענען באַדעקט מיט האָר. ווייטער ווערן טיילמאָל געבוירן מענטשן, וואָס זענען דורכויס באַדעקט מיט לאַנגע און געדיכטע האָר, ווי אַ פוטער, אַזוי, אַז דידאָזיקע מענטשן דערמאָנען זייער שטאַרק חיות. מען קען אַפילו אָנ-ווייזן אויף גאַנצע שבטים, למשל, דער שבט איינאָסן (אויף סאַכאַלין און אויפן אינזל יעססאָ), וואָס האָבן אַזאַ האָריק אויס-זען, אַז די שכנים רעכנען זיי פאַר אָפּשטאַמנדיקע נישט פון מענטשן, נאָר פון חיות. פאַרצייטנס האָט מען אַזעלכע עקיקע און האָריקע מענטשן באַשולדיקט אין באַציונגען מיט די „כוחות פון טומאה", מ'האָט זיי געהאַלטן פאַר „דינער" און „קינדער" פונם טייוול און זיי אונטערגעוואָרפן אכזריותדיקע רדיפית, אַפילו געהרגעט, פאַרברענט א. א. וו. אָבער איצט איז אונז אַדאַנק דאַרווינען קלאָר געוואָרן, אַז אין דידאָזיקע מענטשן איז נישטאָ קיין שום ספעציעלס: זיי דערמאָנען אונז בלויז וועגן דער שוין לאַנג פאַרגאַנגענער צייט, ווען אונזערע פאָר-עלטערן זענען נישט ענלעך געווען צו אונז. מיט איין וואָרט, די אַלע פאַקטן זאָגן אונז וועגן דעם, אַז אַ מענטש האָט זייער נישט קיין „איידעלן יחוס", אַז דערדאָזיקער „צלם אלהים" שטאַמט אָפּ פון אַזעלכע בעלי-חיים, וואָס האָבן געהאַט עקן, זענען געווען באַדעקט מיט געדיכטע האָר, האָבן געהאַט לייכט-באַוועגלעכע אויערן א. א. וו.

נאָר אויב ס'איז אַזוי, אויב דער מענטש שטאַמט פון דער חיות-וועלט, טאָ ווער זשע זענען געווען זיינע פאָר-אבות, זיינע נאָנטסטע קרובים? וועלכע בעלי-חיים שטייען צו אים צום נאָנטסטן?

לויטן אויסערלעכן אויסזען וועט קיינער נישט אַוועקשטעלן אין איין רייע מיט אַ מענטש אַ קו אָדער אַ ווילדן חזיר, אָבער

ווען מאַלפּעס וועט יעדער, וואָס האָט זיי געזען, זאָגן, אַז זיי זענען מער אָדער ווייניק ענלעך צו אַ מענטש, אַז דידאַזי-קע בעלי-חיים שטייען נענטער פון אַלע צו די בריות, וועלכע זענען, לויטן חומש, באַשאַפן געוואָרן „בדמות אלהים ובצלמו". אַזוי, למשל, קוקן די ווילדע אויף די מאַלפּעס, ווי אויף „פאַר-וואַנדלטע מענטשן" און די אָרטיקע איינוווינער פון די אינזלען באָרנעאָ אָדער סומאטרא, ווו עס לעבט איינע פון די מערק-ווירדיקסטע מאַלפּעס, האָבן זי אָנגערופן אָראַנג-אוטאַנג, וואָס באַדייט אין זייער שפּראַך „דער וואַלד-מענטש". זיי מיינען, אַז דער אָראַנג-אוטאַנג, פּונקט ווי דער מענטש, קען פולשטענדיק רעדן, נאָר ער האָט מורא מען זאָל אים נישט צווינגען צו אַרבעטן און דעריבער שווייגט ער, פאַרשטעלנדיק זיך בכיוון פאַר אַ שטומען. הייסט עס, אַפילו פאַר האַלב-ווילדע, ווייניק-אַנט-וויקלטע פעלקער איז קלאָר, אַז אַ מענטש און אַ מאַלפּע זענען קרובהשע ווענס.

פון אַלע ראַסן האָט פאַר אונז די גרעסטע באַדייטונג די קליינע גרופּע העכסטע אָדער מענטש-ענלעכע מאַלפּעס. צו זיי געהערן פיר מינים: דער גאָרילאַ, דער שמיפּאַנז (אין אַפריקע), דער אָראַנג-אוטאַנג און דער גיבבאָן (זאָנדישע אינזלען). זיי זענען אַלע איינוווינער פון טראָפּישע וועלדער, האָבן נישט קיין עק, נישט קיין נעגל און זענען זייער ענלעך צום מענטש, סיי לויטן אויסערלעכן אויסזעען, סיי לויטן געבוי פונם גוף, סיי לויטן אויסדרוק פונם פּנים (מימיק).

די געלערטע האָבן אויפגעציילט, אַז אַרום פיר הונדערט טיילן פונם קערפּער (אברים) זענען דיזעלבע ביי זיי און ביי אונז. דאָס פּנים ביי דידאָזיקע מאַלפּעס און אויך די הענט-פלאַכן און די זוילן פון די פיס און די פינגער זענען שטענדיק נאַ-קעטע, האָבן נישט קיין האָר, די אויגן זענען געריכטעט פאָרויס, ציין איז דאָ 32 און אויף דער ברוסט נאָר איין פּאָר וואָרצלען. די נקבות האָבן, פּונקט ווי פרויען, מאָנאַטלעכע בלוט-פליסונגען (מענסטרואַציעס) פון דער געבער-מוטער און געבוירן געוויינלעך נאָר איין קינד. די הענט זענען געבויט אַזוי ווי ביי אַ מענטש, נאָר זיי זענען לענגער, ווייל דעם בעל-חי קומט אויך צו קריכן אויף דיביימער. די פיס אונטערשיידן זיך בכלל קנאַפּ פון

מענטשלעכע, אָבער די פינגער זענען לעגגער, ווי ביי אונז און דער גראָבער פינגער — דער כאַפּ־פינגער — גייט פריי אָפּ פון די אַנדערע. אַזאַ מין געבוי פונם פוס־טריט ביי די העכערע מאַלפּעס איז, פאַרשטייט זיך, אויך אַרויסגערופן דורך זייערע לעבנס־באַדינגונגען אין וואַלד אויף די ביימער, אבער אויך אייניקע מענטשלעכע שבטים, ווען עס קומט אויס אָפט צו קריכן איבער ביימער, קענען אויך פיל פרייער באַוועגן מיט די פיס, ווי, למשל, מיר. ביי אַ דערוואקסענעם גאָרילא זענען די פיס באַזונדערס שטאַרק ענלעך צו מענטשלעכע און דאָס דער־קלערט זיך דורך דעם פשוטן אומשטאַנד, וואָס דער גאָרילאַ קריכט נישט בלויז איבער ביימער, נאָר גייט אויך אויף דער ערד. בכלל גערעדט, דער גלייכער גאַנג, מיט וועלכן עס צייכנט זיך אויס דער מענטש, ווערט אָבסערווירט אויך ביי די העכערע מאַלפּעס, וואָס גייען אויף צוויי פיס, אמת, איינגעהויקערט און אָנשפּאַרנדיק זיך אָדער מאַכנדיק מיט די לאַנגע הענט, כדי איינצוהאַלטן דעם גלייכגעוויכט. מיט איין־וואָרט, דער נפקיה־מיניה פונם מענטש און העכערער מאַלפּע איז נישט קיין גרויסער און איז אַרויס־גערופן דורך די פאַרשידענע לעבנס־באַדינגונגען.

דער גרעסטער אונטערשיד איז אינם געבוי פונם שאַרבן. די מענטש־ענלעכע מאַלפּעס האָבן אַ קליינעם מוח, דערפאַר איז ביי זיי דער שטערן זייער קליין, שטאַרק פאַרצויגן אויף הינטן; זייער שאַרבן איז קלענער, ווי דער מענטשלעכער. אוודאי, צוליב דעם זענען די העכסטע מאַלפּעס אָן אַן ערך נידעריקער פונם מענטש לויט זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג. אָבער דאָך זע־נען די גייסטיקע פעיקייטן פון דידאָזיקע מאַלפּעס גאַנץ באַ־דייטנדיקע. זיי לעבן משפּחהווייז אין די וועלדער. דערביי מאַכט דער פאָטער פון דער משפּחה אויף ביינאַכט אַ נעסט אויפן בוים און וואַכט אַליין די גאַנצע נאַכט, אָפּהיטנדיק די משפּחה פון רויב־חיות. זיי לעבן אָפט אין געזעלשאַפטן און זאָרגן זיך, פונקט ווי מענטשן, וועגן זייערע קינדער און אַדאָפּ־טירן אַפילו די יתומים־מאַלפּעס; זיי האָבן ליב, ווען מען קויבט זיי, און זענען בייז, ווען מען לאַכט פון זיי; זיי פילן

פאַרוואַנדערונג און נייגיריקייט ; ס׳איז ביי זיי זייער אַנטוויקלט דאָס נאָך-מאַכן, זיי זענען זייער פאַרשטענדיק און גיבן אַרויס פאַרשידענע קלאַנגען, וואָס ווערן פאַרשטאַנען דורך אַנדערע מאַלפעס. פיל פון זיי האָבן ליב טיי, קאַווע, בראָנפן און אַפילו טאַבאַק. דאָס אַלץ באַשטעטיקט די נאָענטקייט פונם מענטש צו די העכסטע מאַלפעס.

אָבער די וויסנשאַפט איז געגאַנגען נאָך ווייטער און מיר האָבן איצט אין אונזער רשות אַזאַ מין אופן פון אויספאָרשן, וואָס באַווייזט אוממיטלבאַר און אומבאַשטרייטלעך, אַז דער מענטש געפינט זיך אין בלוט-קרובהשאַפט מיט די מענטש-ענלעכע מאַלפעס.

די געלערטע האָבן דערוויזן, אַז דאָס בלוט פון קרובהשאַנאָנט שטייענדיקע אײנע צו די אַנדערע ראַסן פון בעלי-חיים איז כמעט אידענטיש לויט זיין באַשטאַנד, און דאָס בלוט פון פרעמדע, ווייט-אָפּשטייענדיקע איינע פון דער אַנדערער ראַסן איז שטאַרק פאַרשידן. אין דער היינטיקער מעדיצין ווערן נישט זעלטן אָנגעווענדט בלוט-איבערגיסונגען פון קערפער פון איין מענטש אין קערפער פונם צווייטן און דידאָזיקע איבערגיסונגען זענען אומשעדלעך פאַר ביידע צדדים. ווי ס׳האָט באַוויזן דער געלערטער פרידענטאַל, אויב מען זאָל איבערגיסן דאָס בלוט פון נאָענטע ראַסן פון בעלי-חיים, למשל פונם גוף פון אַן אייזל אינם גוף פון אַ פערד, אָדער פון גוף פון אַ הונט אין גוף פון אַ וואָלף, וועט דאָס בלוט פון ביידע בעלי-חיים בלייבן אומפאַרענדערט און ביידע בעלי-חיים וועלן בלייבן לעבן. אויב אָבער מען זאָל איבערגיסן דאָס בלוט נישט פון נאָענטע ראַסן, למשל, פון אַ קאַץ אין אַ קיניגל, אָדער פון אַ פוקס אין אַ האָז, ווערט דאָס בלוט פון ביידע בעלי-חיים צעשטערט, ווערט עס גיפטיק און די בעלי-חיים שטאַרבן. הייסט עס, אַז לויט דער ווירקונג פונם בלוט פון אייניקע בעלי-חיים אויפן בלוט פון די אַנדערע קען מען אורטיילן וועגן דער נאָענטקייט פון זייער קרובהשאַפט.

און אָט איז געלונגען פעסטצושטעלן, אַז דאָס בלוט פונם מענטש ווירקט אויף אַ צעשטערנדיקן אופן, אַלס סם, אויפן בלוט פון די נידריקע מאַלפעס און אַנדערע זויגערס, אָבער

נישט אויפן בלוט פון די מענטש-ענלעכע מאַלפּעס. דאָס איבערגיסן דאָס בלוט פון די העכערע מאַלפּעס אין אַ מענטש און, פאַרקערט, פונם בלוט פונם מענטש אין העכערע מאַלפּעס רופט נישט אַרויס קיין שום שעדלעכע פאָלגן.

לאָמיר אויך אָנווייזן דערויף, וואָס די אָנשטעקנדיקע עלעמענטן פונם מענטש טראָגן זיך לייכט איבער אויף די מענטש-ענלעכע מאַלפּעס און זיי ווערן קראַנק אויף מענטשלעכע קרענק. למשל, ס'איז געלונגען אָנצושטעקן אַ שימפּאַנזע אַפילו מיט סיפיליס, ד. ה. מיט אַ קרענק, וואָס רעכנט זיך פאַר אַ ריין-מענטשלעכער, מיט וועלכער עס שטעקט זיך נישט אָן קיין איין בעל-חי. נישט ווייניקער איז אינטערעסאַנט אויך דאָס, וואָס אין די לעצטע יאָרן האָט מען אָנגעהויבן צו מאַכן אָפּעראַציעס פון איבערזעצן ביי אַ מענטש די אייעלעך, די זרע-אָרגאַנען פון די מאַלפּעס און דער מענטש בלייבט נישט נאָר לעבן, נאָר ער ווערט „פאַריונגערט", פילט זיך פיל מער מונטער, ווי פריער*).

ס'איז בכן נישטאָ קיין שום ספק דערין, אַז צווישן דעם מענטשלעכן שטאַם און צווישן דער פאַמיליע פון מענטש-ענלעכע מאַלפּעס עקזיסטירט אַ בלוט-קרובהשאַפט, הייסט עס, אַז סיי אַ מענטש, סיי אַ מאַלפּע שטאַמען אָפּ פון איין שטאַם, פון איין געמיינזאַמען קרוב. דאָס זענען כּמו קרובהשע צווייגן, וואָס האָבן אַ בשותפותדיקן אָנהייב אין דער וועלט פון בעלי-חיים. דערפון איז געדרונגען, אַז אַ מענטש שטאַמט נישט פון אדם וחוה, ווי עס זאָגט וועגן

*) אַ באַזונדערן אינטערעס שטעלט מיט זיך פאָר די מעלדונג, וואָס האָט זיך באַוויזן וועגן וואָראָנאָווס עקספּערימענטן. דעמדאָזיקן געלערנטן איז געלונגען קינסטלעך צו באַפרוכפּערן אַ זי-שימפּאַנזע מיט מענטשלעכער זרע און די מאַלפּע איז שוואַנגער געוואָרן פון אַ מענטש. דאָס וואָלט דאָך, פאַרשטענדלעך, געווען גאַנץ אוממעגלעך, ווען צווישן מענטש און העכערער מאַלפּע וואָלט נישט געווען קיין קרובהשע פאַרבינדונג.

דעם דיבל, נאָר איז אַ נאָכקומער פון אַ מאַלפּע-ענלעכער חיה!

אָבער דאָ וועט מען זיכער פרעגן: צי הייסט דאָס, אַז אַ מענטש שטאַמט אָפּ פון אַ מאַלפּע — פון אַ גאָרילאַ צי פון אַן אַנדערער? מיר ענטפערן דערויף: ניין, מען קען נישט זאָגן, אַז דער מענטש שטאַמט אָפּ פון די איצט לעבנדיקע פאָרמען פון העכערע מאַלפּעס. די זאַך איז נישט אַזוי פשוט: סיי דער מענטש, סיי די מענטש-ענלעכע מאַלפּעס האָבן אַ געמיינזאַמע אָפּשטאַמונג, ד. ה. די מאַלפּעס זענען נישט כמו ווי זיידעס פונם מענטש, נאָר אַן ערך ווי גליד-שוועסטער-קינדער. מיר צוזאַמען מיט די העכסטע מאַלפּעס האָבן געהאַט עפּעס אַ געמיינזאַמען שטאַם-פאָטער, וואָס איז אַליין נישט געווען נישט קיין מאַלפּע און נישט קיין מענטש, נאָר סיי דאָס, סיי יענץ צוזאַמען. פון אַזאַ מין געמיינזאַמען שטאַמפאָטער האָבן זיך אַנטוויקלט, אַזוי ווי צוויי צווייגן פונם זעלבן וואָרצל, פון איין זייט די היינטיקע פאָרמען פון די מענטש-ענלעכע מאַלפּעס, פון דער צווייטער זייט — דער מענטשלעכער שטאַם.

אַזוי אַרום ברענגט אונז די וויסנשאַפט צוזאַמען מיט דאַרווינען צום אויספיר, אַז צווישן מענטש און די נאָנטסטע צו אים מאַלפּעס האָבן באַדאַרפט עקזיסטירן געוויסע מיטעלע צווישן-פאָרמען. צי זענען אָבער דאָ פאַקטן, וואָס באַשטעטיקן דידאָזיקע מיינונג? יאָ, געוויסע פאַקטן איז שוין די געלערטע געלונגען אַרויסצוקריגן.

בעת די אויסגראָבונגען אויפן אינזל יאַווא דורכן געלערטן דיובואַ אין יאָר 1891 זענען געפונען געוואָרן רעשטלעך פון אַ סקעלעט, וועלכן מען האָט צוערשט צוגערעכנט דאָ צו אַ מאַלפּע, דאָ צו אַ מענטשלעך וועזן. מען האָט אין געדאַנק לויט די ביינער רעקאָנסטרויִרט דאָס בילד פונם דאָזיקן בעל-חי און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָסדאָזיקע וועזן איז געגאַנגען ווערטיקאַל, אויף צוויי פיס, אַזוי ווי אַ מענטש און נישט אויף

פיר, ווי אַ מאַלפּע, די פאָרם פון שאַרבן איז געווען אַ צווישן־פאָרם צווישן שאַרבן פון דעם סאַמע נידריקסטן (ווילדן) מענטש און צווישן שאַרבן פון די העכסטע מאַלפּעס, אַזוי אַז ער איז לויט זיינע גייסטיקע פעיקייטן געשטאַנען פיל העכער, ווי די מענטש־ענלעכע מאַלפּעס. דאָס אַלץ, ווי אויך אַ ריי אַנדערע סבות, געבן אַ גרונט צו דענקען, אַז דער געגעבענער בעל־חי איז נישט עפּעס אַן אויסגעשטאָרבענער טיפּ פון העכסטע מאַלפּעס, נישט עפּעס אַ באַזונדערער מענטש, נאָר איז אַ פאָרשטייער פון אַ באַזונדערן שטאַם, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן צווישן די מענטש־ענלעכע מאַלפּעס און צווישן מענטש. די געלערטע האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „פּיטעקאַנטראָפּ", אָדער, גלייכשטייענדיקער מאַלפּע־מענטש, זעענדיק אין אים אַ צווישנדיקע איבערגאַנג־פאָרם פון מאַלפּע צו מענטש. יעדנפאַלס, ווייזט אַלץ אָן דערויף, אַז דער דאָזיקער בעל־חי איז אַ פאָרם, וואָס איז נאָענט צום שטאַם־פאָטער פונם מענטש.

אַ חוץ דעמדאָזיקן, האָט מען ביי אויסגראָבונגען געפונען סקעלעטן פון „הייל־מענטשן" פון זייער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס זענען אין אַ סך זאַכן ענלעך געווען צו מענטשן, נאָר עטוואָס איז נאָך געבליבן אויך פון אַ מאַלפּע. למשל, ביי זיי איז נישט קיין גאָר גלייכער חוט־השדרה, אַ גראָבער פינגער פונם פוס, וואָס גייט עטוואָס אָפּ אין דער זייט, אַן אַרויסשטעקנדיקער קינבאַק, אַ שאַרבן, וואָס איז עטוואָס אויסגעצויגן אויף אַרויף. געוויס, ווייזט דאָס אַלץ אויף דערויף, אַז די הייל־מענטשן זענען געווען ענגער פאַרבונדן מיט מאַלפּעס, ווי דער היינטיקער מענטש, צוזאַמען דערמיט פאַרוואַנדלט דאָס אַלץ אין אַ באָבע־מעשה די ביבלישע פאָרשטעלונג וועגן דעם, אַז דער מענטש איז אַ „געטלעך באַשעפעניש", אַז די וועלט איז באַשאַפן אויסשליסלעך פאַרן מענטש א. א.וו.

אַלזאָ פון שטאַנדפּונקט פון דאַרוויניזם איז נישט געווען קיין שום אדם, קיין שום חוה און בכלל קיין שום „ערשטער" מענטש קיינמאָל, פּונקט ווי ס'איז נישט געווען קיין ערשטער פראַנצויז, ערשטער דייטש אָדער ערשטער רוס. דער מענטש איז נישט מיט אַמאָל דערשינען אויף דער

ערד, נאָר האָט זיך שטופנווייז אַנטוויקלט פון דער חיות-וועלט. און בכלל, דאָס אַלץ, וואָס ס'עקזיסטירט, שטאַמט אָפּ פון עפּעס אַנדערש, וואָס איז מער איינפאַך, אינם פּראָצעס פון שטופנווייזער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג.

מיר האָבן שוין אָנגעמערקט, אַז די אויפרודערונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דערדאָזיקער לערע וועגן דער אָפּשטאַמונג פונם מענטש איז געווען זייער שטאַרק. מצד אַלע רעאַקציאָנערע כוחות פון דער געזעלשאַפט האָט זיך אַ שאָט געטון אַ שפע פון פאָרווורפן, אָנפאַלן, קללות, אָפּלייקענונגען, זידלערייען א. א. וו. אָבער דידאָזיקע אַלע „קריטיקער" האָבן פאַרשטאַנען די לערע פון דאַרווינען, דעם אפּיקורוס (לויט זייער מיינונג פסעוודאָ-לערע), אַזוי ווי יענע רוסישע טשינאָווניצע, וועלכע באַטראַכט, אַז דער גאַנצער זין פון דאַרוויניזם, פון דערדאָזיקער מאַלפּע-לערע, באַשטייט אין דער געמיינער הנחה, אַז אָט זי, די חשובע טשינאָווניצע, שטעלט מיט זיך פאָר נישט עפּעס מער, ווי אַ מאַלפּע, אַן אָנגעטוענע אין אַ קאָפּקע (טשעפּעק).

ווי די מעשה זאָל נישט זיין, האָט, לויט דער מיינונג פון דער מערהייט קענער פון דאַרווינען, דערדאָזיקער געלערטער „דעטראָניזירט" דעם מענטש, באַליידיקט זיין „כבוד". דאָס הויפּט-געפיל ביי די דאַרוויניסטן איז געווען דאָס געפיל פון באַליידיקונג. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט פאַר זייער באַליידיקנדיק, אַז „זיין מאַיעסטעט", דער מענטש, איז אַנטשטאַנען נישט דורך אַ וווּנדער, אַדאַנק אַ געטלעכן „יהי" פון ערד-שטויב, נאָר מיטן כוח פון נאַטירלעכן אָפּקלייב אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ פון מאַלפּע-ענלעכע בעלי-חיים אָדער פון אַ געמיינזאַמען מיט די העכסטע מאַלפּעס האַלב-חיהדיקן שטאַם-פאָטער.

פיל זענען געווען מסכים אָנצונעמען דאַרווינס לערע וועגן דער עוואָלוציע פון דער בעלי-חיים- און געוויקסן-וועלט, אָבער פאַרן מענטש האָבן זיי געפאָדערט אַן אויסנאַם פון די נאַטור-געזעצן, כדי איינצוהאַלטן דעם גלויבן אין זיין „איידעלער" אָפּשטאַמונג, אין זיין שאַפונג „בצלם אלהים". נאָר די צייט איז געגאַנגען, די שטרייטן און טומל אַרום דאַרווינס לערע זענען שטילער געוואָרן, וויל פאַקטן נאָך פאַקטן האָבן

„עקשנותדיק", טראָץ די ווונשן פֿונם קלער, באַשטעטיקט אירע גרונט-פּרינציפּן. און איצט איז דידאָזיקע לערע צוזאַמען מיט אַלע אירע גרונט-אויספֿירן אַלגעמיין אָנערקענט אין דער לערע וועגן דער אָרגאַנישער נאַטור. זי ליגט אַפילו אין יסוד פֿון דער ביאָלאָגיע.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אינטערעסאַנט אויפֿמערקזאַם צו מאַכן אויף פֿאָלגנדיקן: פֿונם געזאָגטן איז קלאָר, אַז דער דאַרוויניזם באַהויפּטעט גאָרנישט, אַז אַ מענטש שטאַמט אָפּ דירעקט פֿון איינער פֿון די איצט-לעבנדיקע פֿאָרמען פֿון מענטש-ענלעכע מאַלפּעס. דאַרווין האָט געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו וואָרענען פֿאַר אַזאַ אויספֿיר, אונטערשטרייכנדיק, אַז „מיר דאַרפֿן נישט אַריינפֿאַלן אין אַ טעות, אָננעמענדיק, אַז דער שטאַמפֿאָטער פֿונם מענטש איז געווען אידענטיש אָדער אַפילו ענלעך צו וועלכער ס'איז פֿון די איצט עקזיסטירנדיקע מאַלפּעס"*). אויב דאָס איז באַהויפּטעט געוואָרן, איז נישט דורך די אָנהענגער פֿון דער עוואָלוציע-לערע, נאָר גאָר דורך אירע קעגנער. די דאַרוויניסטן באַהויפּטן נאָר, אַז אַלע פֿאַקטן ווייזן אָן דערויף, אַז דער מענטש און די העכסטע מאַלפּעס זענען קרובים, שטאַמען אָפּ פֿון געמיינזאַמע פֿאָר-עלטערן, נאָר ווער דידאָזיקע פֿאָר-עלטערן זענען געווען איז דערווייל אומבאַוווסט. מען קען נאָר זאָגן, אַז געוויסע געגעבענע דערלויבן צו טראַכטן, אַז די-דאָזיקע געמיינזאַמע אבות האָבן געמוזט זיין מער מענטשלעך, ווי די איצט לעבנדיקע מאַלפּעס.

די זאַך באַשטייט דערין, וואָס פֿיל אונטערשידן צווישן מענטש-ענלעכע מאַלפּעס און מענטש ווערן פֿאַרגלעט, שיידן זיך נישט אַרויס אַזוי שאַרף, אויב מיר וועלן איבערגיין פֿון באַטראַכטן די דערוואַקסענע פֿאָרמען צו די יונגע קינדער און צו די עמבריאָנען ביז צו זייער געבורט. למשל, דער שאַרבן פֿון אַ יונג גאָרילאַ-קינד דערמאָנט פֿיל מער דעם שאַרבן פֿון אַ מענטש, ווי דער שאַרבן פֿון אַ דערוואַקסענעם גאָרילאַ. די הענט ביי אַ קינד נישט לאַנג פֿאַר זיין געבוירן זענען פֿון דערזעלבער לענג, ווי די פֿיס. און נאָך פֿריער, זענען זיי, ווי ביי די מאַלפּעס,

*) דאַרווין: „די אָפּשטאַמונג פֿונם מענטש".

לענגער, ווי די פיס; די פינגער פון די פיס ביים מענטשלעכן עמבריאָן זענען ענלעך צו די פינגער פון אַ דערוואַקסענער מאַלפּע, ד. ה. זיי זענען לאַנג און דער גראָבער פינגער איז אַביסל באַוועגלעך (אפילו ביי אַ ניי-געבוירן קינד איז ער פיל מער באַוועגלעך, ווי ביי אַ דערוואַקסענעם). נאָר אַזוי ווי די עמבריאָנאַלע אַנטוויקלונג גיט אונז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אַנטוויקלונג-געשיכטע פונם געגעבענעם מין, טאָ איז דערלויבט צו רעכענען, אַז אין דער פאַרגאַנגענער צייט האָבן די אונז באַוווסטע העכערע מאַלפּעס געהאַט מער מענטשלעכע שטריכן, ווי איצט. הייסט עס, אַז מען קען די מענטש-ענלעכע מאַלפּעס כאַראַקטעריזירן, אַלס אַן אָפּגעטיילטן צווייג פון די שטאַם-פאָטערס פון דער מענטשהייט, וועלכע האָבן, צופּאַסנדיק זיך צו די ספּעציעלע לעבנס-באַדינגונגען, אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ געמוזט פאַרלירן אייניקע זייערע אור-שפּרינגלעכע סימנים. וואָס שייך דעם צווייטן צווייג, האָט ער זיך געפונען אין מער גינסטיקע באַדינגונגען און האָט צוליב דעם, פאַרבאַהאַלטן און אַנטוויקלט זיינע אורשפּרינגלעכע אייגנשאַפטן, בילדנדיק סוף-כּל-סוף דעם מענטשלעכן שטאַם.

אויב מיר וואָלטן געוואָלט דעם מהות פונם דאָזיקן אויס-פיר אויסדריקן עטוואָס גראָב, וווּלגאַר, וואָלטן מיר אין אַ גע-פּרעסטער פאָרמולירונג געזאָגט: „נישט דער מענטש שטאַמט אָפּ פון אַ מאַלפּע, נאָר אַ מאַלפּע פון אַ מענטש".

און אָט פאַר דערדאָזיקער רעדאַקציע פונם אויספיר פון דער וויסנשאַפט וועגן דעם געמיינזאַמען אור-פאָטער פונם מענטש און מענטשע-ענלעכע מאַלפּעס, האָבן זיך אָנגעכאַפּט, ווי אַן אַ רעטונג-אַנקער, די גייסטלעכע און די אַנדערע קעגנער פון דער עוואָלוציע-לערע אין איר אָנווענדונג אויפן מענטש, באַמיענדיק זיך דאָס אויסצונוצן, כּדי צו ראַטעווען די ביבלישע לעגענדע וועגן דער איבערנאַטירלעכער אָפּשטאַמונג פונם מענטש. זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרזיכערן, אַז אפילו דער דאַרוויניזם אָנער-קענט די באַזונדערע שטעלונג פונם מענטש אין דער אָרגאַני-שער נאַטור, אַז אפילו דידאָזיקע „אַפּיקורסישע לערע" איז סוף-כּל-סוף געווען געצוווּנגען אָפּצוזאָגן זיך פון דער „דערנידריקנ-

דיקער״ פאַר אונז אידיי וועגן דער חיהשער אָפּשטאַמונג פונם מענטשלעכן מין. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי „דערוויזן״, אַז דער „כבוד פונם מענטש״ איז ווידער גראַטעוועט, ווייל אפילו די וויטעסטע פאָר-עלטערן פונם מענטש האָבן געהאַט נישט קיין מאַלפּישע, נאָר מענטשלעכע אייגנשאַפטן.

נאָר די אַלע באַמיונגען, פונקט ווי אַלע אַנדערע אַנאַלאָגישע, זענען גאָרנישט ווערט און זענען נאָר אויסגערעכנט אויפן אַריינטראָגן אַ צעמישונג אין די מוחות לשם דער הערשאַפט פון דער הייליקער פינסטערקייט. אין בעסטן פאַל, ווי עס באַמערקט ריכטיק דער באַוווּסטער געלערטער, בוטטעל-רעענען, „האָבן מיר דאָ צו טון אַפּנים מיט אַ זעלבסט-נאַרעריי, מיט אַ נישט-קלאָרקייט פון די פאָרשטעלונגען, אַראַנק וועלכער מען פאַרבינדט מיט דעם בעל-חי, וואָס ווערט אָנגערופן מענטש אין וויסנשאַפטלעכן זין, די שטריכן פונם היינטיקן מענטש״*).

דער וויכטיקסטער פעריאָד אין דער געשיכטע פונם מענטש איז געווען יענער, ווען אונזערע „מאַלפּעס-ענלעכע״ פאָר-עלטערן זענען פון פיר-פיסיקע בעלי-חיים געוואָרן צוויי-פיסיקע, ד. ה. ווען זיי זענען צוליב באַשטימטע סבות געוואָרן גלייך-שטייענדיקע, גלייך-גייענדיקע און גלייך-לויפנדיקע בעלי-חיים. אַז דער מענטש איז ווירקלעך אַמאָל געווען אַ פיר-פיסיקער בעל-חי, וועגן דעם זאָגן עדות אַזעלכע דערשיינונגען, ווי למשל, פאַלן פון אַרויספאַלן פון דער געבערמוטער ביי פרויען און דאָס זיין אונטערגעוואָרפן ברוכן (שבר). ווען דער מענטש וואָלט שטענדיק געווען אַ צוויי-פיסיקער בעל-חי, ווען ער וואָלט נישט געווען דער נאָנטסטער קרוב פון די מאַלפּעס, וואָלטן ביים היינטיקן מענטש נישט געווען אַזעלכע באַזונדערקייטן, אַזעלכע אומנאָרמאַלע דערשיינונגען.

נאָר פאַרוואָס זענען דווקא אונזערע מאַלפּע-ענלעכע פאָרעלטערן איבערגעגאַנגען צום באַוועגן זיך אויף צוויי פיס? דידאָזיקע פראַגע איז נאָך נישט אינגאַנצן אויפגעקלערט דורך די

---

*) בוטטעל-רעענען: „פון דער געשיכטע פון דער אָפּשטאַמונג פון דער מענטשהייט״.

געלערטע. ס'איז מעגלעך, אַז אונזערע פיר-פיסיקע קרובים איז אויסגעקומען זיך צו געפינען אין אַ געגנט, ווו ס'זענען געווען בלויז באַזונדערע הויך-שטאַמיקע ביימער אַזוי, אַז אונטער דער ווירקונג פון די אויסערלעכע באַדינגונגען איז זיי אויסגעקומען צו ענדערן דעם אופן פון זייער קלעטערן איבער די ביימער. צוליב דעם האָבן זיך זייערע ענד-גלידער אַלץ מער און מער פאַרענדערט און אָנגעהייבן אָנצונעמען די פאָרם פון מענטשלעכע הענט און פיס.

ס'איז מעגלעך אויך, אַז דאָס איז געשען דערפאַר, וואָס אונזערע פאָר-עלטערן זענען געווען געצוווּנגען צו לעבן נישט נאָר אין וואַלד, נאָר אויך אין אָפענע ערטער און דעריבער האָבן זיי זיך אומפאַרמיידלעך געמוזט אַראָפּלאָזן פון די ביימער און באַוועגן זיך אויף דער ערד. אָבער באַוועגן זיך אויף אַלע פיר איז זיי געווען זייער אומבאַקוועם. דערצו האָבן געשטערט די הענט, ד. ה. די פאָדערשטע ענד-גלידער, וואָס זענען געווען צוגעפּאַסט נאָר צום קלעטערן. קלאָר, אַז ביי זיי איז געווען נאָר איין אויסוועג, דהיינו, באַנוצן זיך נאָר מיט די הינטערשטע ענד-גלידער, ד. ה. מיט די פיס. פאַרשטענדלעך, אַז בעסער פון אַלע האָבן זיך באַוויזן אויף צוויי פיס יענע אינדיווידואומען, וואָס זענען געשטאַנען גלייך. די אָבער, וואָס האָבן דערין געמאַכט ווייניק פאָרשריטן, האָבן נישט געקענט אַזוי שנעל אַנטלויפן פון רויב-חיות און זענען אומגעקומען. אויף אַזאַ אופן האָט אויך דאָ געווירקט דער אָפּקלייב: ס'זענען געבליבן לעבן די צוויי-פיסיקע, ס'זענען אויסגעשטאָרבן די פיר-פיסיקע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז דאָס פאָרגעקומען נישט מיט אַמאָל, נאָר בהדרגה, אין פאַרלויף פון זייער אַ לאַנגער צייט. וויכטיק איז אָבער דאָס, וואָס די פוס-טריט פונם מענטשלעכן אור-פאָטער זענען איבערגעפאָרמירט געוואָרן און צוליב דעם זענען די הענט פריי געוואָרן פון זייער פריערדיקער „באַשטימונג". זיי זענען אַלץ מער און מער געוואָרן אומבויטיק אַלס אָרגאַנען פון אָנלענען זיך און פון קלעטערן און מען האָט זיי געקענט אויסנוצן פאַר אַנדערע געברויכן.

בכן, זענען אונזערע פיר-פיסיקע פאָראָבות אַדאַנק דער פאַרענדערונג פון דער

לעבנס־סביבה געוואָרן צו ״פּיסיקע ברואים״.
אָבער וואָס־זשע אַזוינס האָט זיי, סוף־כל־סוף געצווּנגען איבער־צוגיין אין אַ מענטשלעכן צושטאַנד? וואָס האָט זיי אויסגע־טיילט פון דער חיות־וועלט און געמאַכט פאַר דעם ״מלך היקום״? אויף דערדאָזיקער פראַגע האָבן מיר אַ גאַנץ געניזעם און באַ־שטימטן ענטפער, וואָס איז געגעבן געוואָרן נישט דורך דאַר־ווינען, נאָר דורך די גרויסע לערער פונם פּראָלעטאַריאַט — מאַרקס און ענגעלס.

ווי מיר ווייסן, לעבן פיל־בעלי־חיים, באַזונדערס פון צווישן דער צאָל גראָז־פרעסערס, און אויך אייניקע אינזעקטן, אין גאַנצע גרופּן, קהלות (משפחות, סטאַדעס, טאַבונעס א. א. וו.); צו דעם באַוועגט זיי דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, ד. ה. די זאָרגן וועגן געווינען שפּייז, וועגן שוץ פאַר די שונאים, וועגן פאָרזעצן דעם דור א. א. וו. הייסט עס, די געזעלשאַפט איז אַ געצייג פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ, אַ מיטל פון צופּאַסונג צו דער נאַטור און צו דער אַרומיקער לעבנס־סביבה.

פאַרשידענע באַדינגונגען פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ פאַרלאַנ־גען אַ פאַרשידענע צופּאַסונג און, ממילא, פאַרשידענע אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע פאָרמען, אַ פאַרשידענעם געבוי אָדער לעבנס־שטייגער פון די קהלות פון די בעלי־חיים. ביי די בינען, מוראַשקעס, מאַלפּעס, ביבערן און אַנדערע בעלי־חיים באַמערקן מיר אַ כסדרדיק געזעלשאַפטלעך (סאָציאַל) לעבן, שטענדיקע קעגנ־זייטיקע הילף און אַ שטענדיקע אַרבעט־צעטיילונג. דאָס איז די צום מערסטן אַנטוויקלטע פאָרם פון די געזעלשאַפטן פון די בעלי־חיים.

וואָס שייך דעם מענטש, קען ער נישט עקזיסטירן אַליין; קיין איזאָלירטע, ד. ה. פולשטענדיק איינזאַמע מענטשן, איז קיינמאָל נישט געווען. אַ מענטש איז נישט קיין בעל־חי בכלל, נאָר, ווי ס׳האָט שוין באַמערקט דער אַנטיקער דענקער, אַרי־סטאָטעלעס, אַ ״געזעלשאַפטלעכער בעל־חי״ ד. ה. ער איז אַ טייל נישט בלויז פון דער בעל־חיים־וועלט, נאָר אויך פון אַ באַשטימטער פאַריייניקונג פון בעלי־חיים. דער מענטש שטאַמט אָפּ פון פאָר־אבות — מאַלפּעס־ענ, עכע ברואים, וואָס האָבן אין

משך פון פיל דורות געלעבט אין מער אָדער ווייניק גרויסע סטאַדעס. אויסערהאַלב דער געזעלשאַפט, אָן צוזאַמענאַרבעט מיט צו זיך ענלעכע ברואים, וואָלט דער איינזאַמער מענטש געווען אַ הילפלאָז נעבעכדיק באַשעפעניש, וואָלט ער נישט געקענט זיך פאַרשאַפן קיין שפייז, ראַטעווען זיך פון רויב-חיות און בכלל אויסקעמפן זיין עקזיסטענץ. נאָר בלויז אַדאַנק דעם, וואָס די מענטשלעכע ברואים זענען געווען באַוואָפנט מיטן בעסטן קאַמף-געציי — מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָבן זיי זיך דערהויבן ביז צו זייער איצטיקן מצב.

אַלזאָ, אויך אין דער היגזיכט שליסט זיך איין דער מענטש אין דער לייטער פון די בעלי-חיים: ער געהערט צו דער צאָל בעלי-חיים, וואָס לעבן כסדר אין אַ געזעלשאַפט פון צו זיך ענלעכע.

פונדעסטוועגן, אַנטשטייט די פריערדיקע פראַגע: פאַרוואָסזשע איז די מענטשלעכע געזעלשאַפט דערגאַנגען צו אַזאַ הויכער מדרגה פון אַנטוויקלונג, אַז זי האָט זיך אָפּגעריסן פון די חיהשע עקזיסטענץ-באַדינגונגען? פאַרוואָס האָבן אַנדערע געזעלשאַפטלעכע בעלי-חיים, למשל, די העכערע מאַלפּעס, נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו שטעלן זיך אויפן זעלבן אַנטוויקלונגוועג, ווי דער מענטשלעכער מין?

אַ רעליגיעזער מענטש ענטפערט, פאַרשטענדלעך, זייער לייכט אויף דידאָזיקע פראַגן, ער רעכנט, אַז גאָט האָט געשאַפן דעם מענטש לויט זיין רעצעפּט („האָט אין אים אַריינגעבלאָזן אַ רוח-חיים“), אַז אַ מענטש אונטערשיידט זיך פון אַ חיה מיט זיין שכל א. א. וו. דאַרווין האָט, אָפּוואַרפנדיק די געטלעכע אייגנטימלעכקייט פונם מענטש, באַוויזן, אַז דער אונטערשיד צווישן די גייסטלעכע כשרונות פונם מענטש און פון די בעלי-חיים איז גאָרנישט אַזוי גרויס, ווי עס דאַכט זיך געוויינלעך. „ווי גרויס עס זאָל נישט זיין דער חילוק אינם שכל צווישן מענטש און בעל-חי, — האָט ער געשריבן — בלייבט ער פאָרט אַ חילוק אין דער מדרגה, אָבער נישט אינם אינהאַלט“*). אָט

*) דאַרווין: „די אָפּשטאַמונג פונם מענטש“

פאַרוואָס מיר מוזן, כדי צו לעזן דידאַזיקע פראַגע, קודם-פל ענטפערן אויף אַ צווייטע פראַגע: צי קעמפט דער מענטש פאַר עקזיסטענץ, פאַסט ער זיך צו צו דער נאַטור, ווי אַלע בעלי-חיים, אָדער גאַנץ אַנדערש?

לאָמיר אָננעמען, אַז אַ וועלכער ס׳איז בעל-חי וועט זיך געפינען אין אַ נייער געגנט, וואָס שיידט זיך אונטער פון זיין פריערדיקן ווין-אָרט. ווי אַזוי-זשע וועט ער זיך געוויינלעך צופאַסן צו די נייע לעבנס-באַדינגונגען? ער „ענטפערט” (רעאַגירט) אויף דידאָזיקע באַדינגונגען מיט זיין אייגענעם גוף אין זין פון פאַרשידן קעגנווירקן די אומגינסטיקע נאַטור-דערשיינונגען. למשל, אויב דער בעל-חי פאַלט אריין פון וואַרימע אין מער קאַלטע לענדער, וועט דאָ אים בהדרגהדיק אַנטשטיין אַ האָר-צודעק. אַ פאַרקערטע פלאַץ-ענדערונג פונם בעל-חי, פון מער קאַלטע אין מער וואַרימע לענדער, וועט אַרויסרופן אַ געוויסע פאַרקלענערונג פונם האָר-צודעק.

אָבער אַ מענטש האָט שוין נישט דידאָזיקע אייגנשאַפט צו ענטפערן מיט זיין גוף אויף פאַרשידענע לעבנס-באַדינגונגען. כאָטש ער האָט, אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע בעלי-חיים, די גרעסטע פעיקייט זיך צוצופאַסן צו די סאַמע פאַרשידנסטע לעבנס-באַדינגונגען, אָבער ער פאַרדאַנקט די אַלע זיינע דערפאָלגן נישט זיין גוף, נאָר אַ גאַנץ אַנדער „געצייג”, נעמלעך, אָנשטאָט דעם נ אַ ט י ר ל ע כ ן ג ע צ ײ ג, וואָס פעלט אים, האָט ער דערפונדן אַ ק י נ ס ט ל ע ך ג ע צ ײ ג.

דער פרימיטיווער מענטש, פונקט ווי יעדער בעל-חי, האָט נישט פראָדוצירט זיין שפייז, נאָר האָט זי פשוט צונויפגעזאַמלט אָדער פאַרכאַפּט מיט כוח; דאָס פראָדוצירן האָט ער, אַזוי צו זאָגן, איבערגעלאָזט פאַר דער נאַטור. דערביי איז אים, פאַרשטענדלעך, אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף מיט די פאַרשידנסטע שונאים: אויב ער איז נישט שטענדיק געווען קיין פראָדוצירער, אָבער אַ קעמפער איז ער געווען שטענדיק. באַזונדערס ביטער איז אים אויסגעקומען אין יענעם וויכטיקסטן אין זיין לעבן פעריאָד, ווען ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ וואַלד-חיה, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו לעבן אין אָפענע מקומות. ווייל, בשעת אין וואַלד האָט ער זיך באַהאַלטן אויף ביימער,

איז ער אויף אָפענעם שטח געבליבן איבערגעלאָזן אויף זיך אַליין. ס'איז קלאָר, אַז אין די נייע לעבנס-באַדינגונגען האָט דער מענטש געמוזט אָנווענדן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי ווי ס'איז דורכצולעבן צווישן אַ מאַסע שונאים. נישט האָבנדיק קיין פּאַסיקע נאַטירלעכע קאַמף-געצייגן, ד. ה. נישט קיין שאַרפע ציין, נישט קיין שטאַרקע נעגל, נישט קיין פעסטע הערנער א. א. וו., האָט ער נישט נאָר געמוזט זיך פאַרשאַפן שפּייז, נאָר אויך פאַרטיידיקן זיך פון כל-המינים ווילדע חיות. די שטרענגע לעבנס-נויטווענדיקייט האָט אים געצווּנגען אומבאַוווּסטזיניק זיך צו ווענדן ביי אַן אָנפאַל אויף אים צום שוץ מיט דער הילף פון שטיינער און שטעקנס, כדי אַזוי אַרום צו פאַרשטאַרקן די ווירקונג פון זיינע נאַטירלעכע געצייגן אָדער אָרגאַנען — די הענט. אָבער דער געברויך פון שטיינער און שטעקנס ביים פאַרטיידיקן זיך פון שונאים האָט סוף-כל-סוף דערפירט דערצו, אַז ער האָט אָנגעהויבן זיי פאַרענדערן, איבערמאַכן, צוגעבן זיי די אָדער יענע פאָרם פאַר מער באַקוועמען געברויך.

אַזוי אַרום האָט ער זיך שוין באַנוצט נישט בלויז מיט פאַרטיקע געצייגן, נאָר אויך מיט קינסטלעכע, געשאַפענע דורך זיינע הענט.

דאָס איז געווען דער צווייטער דעצידירנדיקער מאָמענט פון איבערגאַנג צום מענטשלעכן צושטאַנד. (מיר דערמאָנען, אַז דער ערשטער מאָמענט איז געווען די פאַרוואַנדלונג אין אַ צוויי-פיסיק באַשעפעניש), ווייל, באָר, ווען ער האָט זיך געמאַכט דאָס ערשטע קינסטלעכע געצייג, איז דער אור-פאָטער פונם מענטש געוואָרן אַ מענטש אינם ווירקלעכן זין פונם וואָרט. ווייל, ווי נאָר דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט צוגרייטן געצייג, איז אַנטשטאַנען די טעכניק. און שוין די ערשטע דערגרייכונגען אויפן געביט פון טעכניק האָבן פאַרלייכטערט דעם מענטש די מעגלעכקייט מיט מער דערפאָלג זיך צו פאַרטיידיקן פון רויב-חיות און מיט ווייניקער אָנשטרענגונגען זיך צו פאַרשאַפן שפּייז, געצייג און געווער זענען אין

דער ערשטער צייט (למשל, אַ שטיינערנע האַק) געווען דאָס־זעלבע, און דער מענטש האָט שוין מער געקענט זיך דערוויי־טערן פון די ביימער, וואָס האָבן אים פאַרדעקט מיט זייער שאָטן, נישט מורה־האָבנדיק דערביי פאַר אַ מאַנגל אין שפּייז; ער האָט זיך אפילו געקענט לאָזן אין וואַלדלאָזע סטעפּעס אָן מורא אומצוקומען פון שטאַרקע רויב־חיות.

הייסט עס, אַז צוזאַמען מיט דעם אַנטשטיין פון דער טעכניק, האָט דער מענטש באַקומען אַ מעגלעכקייט באַדייטנדיק אויפצוהייבן דעם ניוואָ פון זיינע עקזיסטענץ־מיטלען, ד. ה. איבערצוגיין איבער די ראַמען פון די לעבנסמיטלען, וואָס ווערן אים פאַרשאַפט דורך דער נאַטור אין פאָרם פון זיינע נאַטיר־לעכע אָרגאַנען (הענט, פיס א. א. וו.). למשל, אויב פריער האָט דער מענטש נישט געקענט פאַנגען קיין פייגלען און זיי זענען פאַר אים געווען גלייכגילטיק, איז אָבער פון דעם מאָמענט אָן, ווען ער איז, איבערגייענדיק פון איין געצייג צום צווייטן, דער־גאַנגען צו אַ פּשוטסטן פייל, האָבן פייגלען פאַר אים שוין באַקומען אַ באַדייטונג און ער האָט זיי אָנגעהויבן צו פאַנגען. זיינע עקזיסטענץ־מיטלען האָבן זיך פאַרברייטערט. ווען אָבער דער מענטש איז אַרויסגעגאַנגען פונם אור־וואַלד אויף די מיט גראָז באַדעקטע פליינען און האָט אָנגעהויבן קינסטלעך אַרויס־צובאַקומען פייער, האָט דער ניוואָ פון זיינע עקזיסטענץ־מיטלען אָנגעהויבן זיך אויפצוהייבן אַלץ העכער און העכער, אַזוי אַרום, אונטערשיידט זיך דער מענטש פון די בעלי־חיים דערמיט נאָר, וואָס ער קען שטענדיק פאַרברייטערן זיינע עקזיסטענץ־מיטלען; דערדאָזיקער אונטערשיד איז אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פון דעם פּראָדוצירן אַרבעטס־געצייגן, ד. ה. אַלס פּראָדוקט פונם אַנטשטיין פון דער טעכניק.

מיר קענען זיך אפילו נישט פאָרשטעלן אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן נישט האָבן קיין שום באַגריף וועגן קיין שום געצייג, וואָס זאָלן נישט זיין ביכולת אויסצואַרבעטן, פּראָדוצירן פאַר זיך וועלכע ס'איז אויסאַרבעטונגען, אין דערדאָזיקער פעיקייט

אויסצואַרבעטן געצייג באַשטייט דער עיקרדיקסטער, טיפּסטער אונטערשיד פונעם מענטש פון די בעלי-חיים.

אמת, מיט געצייג ביים פאַרשאַפן זיך שפּייז און ביים קאַמף מיט די שונאים באַנוצן זיך אויך אייניקע אַנדערע העכ-סטע בעלי-חיים. למשל, מאַלפּעס, וואָס ווערן געהאַלטן אין גע-פאַנגענשאַפט, קענען ווערן צוגעוווינט צו באַנוצן זיך מיט אַ לעפל, שיסל, לײלעך, מילך א. א. וו. פאַר צילן, וואָס דער מענטש ווייזט זיי אָן. טײלמאָל דערטראַכטן זיך די מאַלפּעס אַליין צוצודעקן זיך מיט בלעטער אויף ביינאַכט, צו מאַכן בשעת אַ רעגן פון בלעטער אַ מין דעכל צווישן די צווייגן, צו וואַרפן שטיינער און צווייגן פון ביימער אויף זייערע שונאים, צו כאַפּן אַ שטיין, כדי מיט אים צוצעהאַקן אַ האַרטן נוס אָדער אַ שטיקל האָלץ, כדי מיט אים צו גראַבלען אין די ציין. וועגן אַ העלפאַנט דערציילט מען, אַז ער רייסט אָפּ מיט זיין חוטם (טראָמבע) צווייגן און טרייבט מיט זיי אַוועק די פליגן. אָבער די אַלע בעלי-חיים באַנוצן גרייט געצייג, געפונען אין דער נאַטור, נישט פאַרענדערנדיק און נישט צופּאַסנדיק עס פאַר זייערע געברויכן. זיי זענען נישט פעיק אַליין אויפן קינסטלעכן אופן צו מאַכן געצייג, כדי דערמיט צו פאַרפולשטענדיקן זייערע אָרגאַנען — די ענד-גלידער, ציין, שנאָבל, נעגל א. א. וו. דעריבער שפּילן אינם לעבן פון די דערמאָנטע בעלי-חיים די געצייגן קיין מיליאָן-חלק נישט פון דער ראָל, וואָס זיי שפּילן אינם לעבן אפילו פון אַ ווילדן.

דער איינציקער בעל-חי, וואָס קען מאַכן אַרבעט-געצייג, איז דער מענטש*). און דידאָזיקע

*) נישט לאַנג, פונדעסטוועגן, האָט דער גרויסער קענער פונעם לעבן פון די מאַלפּעס, קעלער, באַוויזן מיט דער הילף פון עקספּערימענטן, אַז די מאַלפּע קען אין נויט-פאַל זיך מאַכן אַ פשוט, אָבער דאָך אָן ספק קינסטלעך געצייג, כדי צו דערגרייכן איר ציל. דער תוך פון דידאָזיקע עקספּערימענטן איז באַשטאַנען דערין, וואָס קעלער האָט געלייגט פאַר אַ יונגן שימפּאַנז הינטער אַ קראַטע באַנאַנעס אויף אַזאַ מין שטח, אַז מען זאָל צו זיי נישט קענען דערלאַנגען מיט דער האַנט, אַזוי אַז די מאַלפּע איז געווען געצווונגען אָנצוווענדן ספּעציעלע

קענטניש האָט ער געקענט אַנטוויקלען דערפֿאַר, וואָס ער גייט ניִשט אויף אַלע פֿיר און די פֿאָדערשטע ענד-גלידער (די הענט) זענען ביי אים ניִשט פֿאַרבונדן מיטן גיין. הייסט עס, אַז דער

מיטלען, כדי צו באַקומען די באַליבטע שפּייז. ווען דער שטח צווישן דער מאַלפּע און די באַנאַנעס איז געווען ניִשט זייער גרויס, האָט די מאַלפּע צוגערוקט צו זיך די באַנאַנעס מיט אַ שטעקן, ד. ה. זי האָט זיך באַנוצט פֿאַר אירע צוועקן מיט זאַכן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין דער נאָנט. ווען אָבער די באַנאַנעס זענען געלעגן אויף אַזאַ שטח פֿון דער מאַלפּע, אַז מיט דער הילף פֿון אַ שטעקן האָט מען זיי ניִשט געקענט קריגן, האָט די מאַלפּע, נאָך פֿיל אָנשטרענגונגען, אַרויס-געוויזן אַ פֿיל מער קאָמפּליצירטע טעטיקייט. אין רשות פֿון דער מאַלפּע האָבן זיך געפֿונען צוויי באַמבוס-שטעקנס אין דער פֿאָרם פֿון רערלעך פֿון פֿאַרשידענער גרעב. דערביי האָט מען מיט קיין איין שטעקן ניִשט געקענט דערגרייכן ביז צו די באַנאַנעס: צוליב דעם האָט מען באַדאַרפֿט אַריינשטעקן איין שטעקן אינעם צווייטן. און אָט האָט זיך די מאַלפּע אַרויסגעוויזן פֿאַר פֿעיִק אויף אַזאַ אַקט! גענלעך, אומגייענדיק לאַנג מיט דידאָזיקע שטעקנס, דערנענטערט די מאַלפּע צו-פֿעליק זיי צווישן זיך אַזוי, אַז זיי געפֿינען זיך אויף איין ליניע, דערביי איז דער דינערער אַריינגערוקט אין דער עפֿנונג פֿון דעם גרעבערן. תּיכּף לויפֿט די מאַלפּע צו צו די קראַטן און הייבט אָן מיטן דאָפּלטן שטעקן צוצורוקן צו זיך די באַנאַנעס, וואָס איר געלינגט טאַקע. אויב איין שטעקן איז אין צווייטן אַריינ-גערוקט צו-שוואַך, צעמישט דאָס ניִשט די מאַלפּע, זי נעמט דעם אַרויסגעפֿאַלע-נעם שטעקן, רוקט אים שטאַרקער אַריין אינעם צווייטן און באַקומט סוף-כּל-סוף די באַנאַנעס. אָבער באַזונדערס אינטערעסאַנט איז אָט וואָס: ווען מען האָט דער מאַלפּע געגעבן אַ ברייטע ליניע און אַ באַמבוס-שטעקן, אַזוי אַז די ליניע איז ניִשט אַריינגעקראָכן אין שטעקן אַריין, האָט די מאַלפּע אַרומגעביסן די ליניע פֿון די זייטן מיט די ציין, כּדי צו פֿאַרקלענערן איר ברייט, און האָט אַריינגעשטעלט די אַרומגעביסענע ליניע אינעם רערל אַריין. אין ביידע פֿאַלן שאַפֿט די מאַלפּע קינסט-לעך געציַיג, כּדי צו דערגרייכן דעם ציל, ד. ה. זי אַ ר ב ע ט. געוויס, דאָס איז בלויז אַ קערנדל פֿון מענטשלעכער אַרבעט, אָבער דאָך איז דערדאָזיקער אומ-שטאַנד אַן איבערצייגנדיקער עדות לטובֿת דער לערע וועגן דער עוואָלוציע פֿונם מענטש פֿון אַ מאַלפּע-ענלעכן שטאַם-פֿאָטער. און אויב די היינטיקע מאַלפּעס באַ-נוצן זיך ניִשט מיט אַזאַ אַרבעט, איז עס דערפֿאַר נאָר, ווייל לעבנדיק אין די טראָפּישע וועלדער, וואָס זענען רייך אין פֿאַרשידענע פֿרוכטן, האָבן זיי דערצו ניִשט קיין אויסעראָרדנטלעכע נויטווענדיקייט.

איבערגאַנג פון אונזערע חיות-ענלעכע פאָר-אבות צום גיין אויף צוויי פיס האָט פאַנאַנדערגעבונדן, באַפרייט ביי די באַשעפענישן די הענט, וואָס זענען דאָס פרימיטיווע אַרבעט-געצייג. אָט פאַרוואָס מיר קענען זאָגן: דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטלעכער בעל-חי, וואָס מאַכט אַרבעט-געצייג. אים אַנטשפּרעכט בעסער ווי אַלץ דער נאָמען „מענטש-מייסטער", ווייל נאָר פונם מאָמענט פון אַנטשטיין פון דער פעיקייט צו מייסטערן, צו מאַכן די פּשוטסטע, די איינפאַכסטע געצייגן, איז ער אַריין אין אַ נייעם עטאַפּ פון זיין אַנטוויקלונג: עס ענדיקט זיך זיין חיהשע אַנטוויקלונג און ס'הייבט זיך אָן די מענטשלעכע געשיכטע. זייט יענער צייט פאַרפולקאָמען זיך ביים מענטש, אַנטוויקלען זיך נישט די אָרגאַנען פון זיין קערפּער, נישט די פעל,ציין, נעגל א. א. וו. ווי ביי די חיות, נאָר די קינסטלעכע, דורך אים אַליין געמאַכטע אַרבעט- און קאַמף-געצייגן. ער פּאַסט זיך שוין נישט צו צו דער נאַטור, ווי דאָס טוען די בעלי-חיים, נאָר ער פּאַסט צו די נאַטור צו זיך — ער קעמפט פאַר עקזיסטענץ מיט דער הילף פון קולטור, ד. ה. פון איבעראַרבעטן די נאַטור, פון הערשן איבער איר (דאָס וואָרט „קולטור" איז אַ לאַטייניש און באַדייט „באַאַרבעטונג"). למשל, דעם פאַרשווונדענעם האָר-צודעק פאַרבייט דער מענטש דורך קליידונג, אַ נעסט פאַרוואַנדלט ער אין אַ הויז א. א. וו. מיט איין וואָרט, דאָס געצווונגענע „דו מוזסט!" ווערט אַלץ מער און מער פאַרביטן דורכן פרייען „איך וויל!".

דערדאָזיקער אונטערשיד צווישן מענטש און חיה איז נישט פאַרזען געוואָרן דורך דאַרווינען. ער האָט אָנגעשריבן: „דער מענטש האָט אַ גרויסע פעיקייט צוצופּאַסן זיך צו נייע לעבנסבאַדינגונגען, ער דערפינדעט געווער, מכשירים און אפילו אופנים, ווי אַזוי צו פאַרשאַפן זיך שפּייז און פאַרטיידיקן זיך. פאַרקערט, די נידריקערע בעלי-חיים מוזן פאַרענדערן זייער געבוי, כדי צו בלייבן לעבן ביי באַדייטנדיק פאַרענדערטע באַדינגונגען"*). דאָך

*) דאַרווין: „די אָפּשטאַמונג פון מענטש".

האָט דאַרווין נישט גענוג זיך קלאָר געמאַכט דעמדאָזיקן אומ־שטאַנד אינם לעבן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דאָס איז געטון געוואָרן נאָר דורך מאַרקסן און ענגעלסן, וועלכע האָבן דערגענצט די דאַרווינישע לערע וועגן דער אָפּשטאַמונג פונם מענטש דורך דער טעזע, אַז נאָר אַ דאַנק דער אַרבעט, ד. ה. אַ דאַנק דעם צוגרייטן און באַנוצן זיך מיט געצייג, האָבן די מאַלפּעס־ענלעכע באַשעפענישן אָנגעהויבן פאַרמענטש צו ווערן, פאַרוואַנדלט זיך אין מענטשן־בעלי־שכל.

ווירקלעך טאַקע, ביז יענעם פעריאָד, ווען אונזער ווייטער אור־פאָטער האָט אָנגעהויבן באַווירקן די נאַטור מיט דער הילף פון אַרבעט־געצייג (פאַרשפּיצטער שטיין, האַק, שטעקן א. א. וו.) איז זיין לעבנס־דערפאַרונג, פונקט, ווי די לעבנס־דערפאַרונג פון די חיות, געווען אייכטאָניק און נישטיק, ווייל דער קרייז זאַכן, וואָס האָבן פאַר אים געהאַט אַ באַדייטונג, איז געווען זייער אַ שמאָלער. און טאַקע צוליב דערדאָזיקער סבה האָט זיין שכל, פונקט ווי דער שכל פון די חיות, נישט געקענט זיך פאַרפול־קאָמען, פּראָגרעסירן. אָבער, אָנהייבנדיק פון יענעם פעריאָד, האָט זיך די מענטשלעכע דערפאַרונג אַלץ אויסגעברייטערט, אינם *זעונג־קרייז פונם מענטש האָבן אָנגעהויבן אַרייַנצוגיין אַלץ נייע און נייע זאַכן, וואָס האָבן פאַר אים אַ באַדייטונג*. דער מענטש האָט אינם אַרבעט־פּראָצעס, אַקטיוו באַווירקנדיק דידאָזיקע זאַכן און פאַרענדערנדיק זיי, כסדר געזען אַלץ נייע און נייע רעזולטאַטן פון זיין טעטיקייט, האָט באַאָבאַכטעט אַ כסדרדיקע פאַרענדערונג פונם מאַטעריאַל אין זיין פּראָדוקט, האָט אַנטדעקט אַלץ נייע אייגנשאַפטן, נייע „זייטן" אין פאַרשידענע זאַכן און צוליב דעם האָט זיך טאַקע אַנטוויקלט, פאַרפולקאָמט און אויסגעאיבט דער מענטשלעכער שכל.

ביים באַנוצן דאָס „נאַטירלעכע געצייג" — די נאַטירלעכע אָרגאַנען ווירקט אָנשטאָט דעם באַוווסטזיין דער אינסטינקט, ד. ה. די נאַטירלעכע געוווינהייט צו טאָן אַזוי אָדער אַנדערש ביי אַ געוויסן צונויפפאַלן פון אומשטענדן, און דערדאָזיקער אינסטינקט דיריגירט מיט אַלע טאַטן פונם בעל־חי. אָבער דאָס באַנוצן קינסטלעכע געצייגן מאַכט פאַר אומפאַרמיידלעך און אומבאַדינגט

אַ באַוווסטזיניקן אויספיר, ווייל מען מוז די אייגענע מעשים אונטערוואַרפן אַן אויסרעכנונג און קאָנטראָל. דערפאַר טאַקע איז נאָר זייט יענעם פּעריאָד, ווען דער מענטש האָט אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן און פאַרפולקאָמען זיין געצייג, האָט ער אָנגעהויבן שטופנווייז צו באַקומען די פעיקייט צו אור־טיילן. צוליב דעם האָט זיך ביים מענטש אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן אַ באַוווסטזיניקע באַציונג צו די אַרומיקע נאַטור־זאַכן, זיין טעטיקייט האָט אָנגענומען אַ צילמעסיקן בכּיוונדיקן כאַראַקטער, און דערמיט איז אַוועקגע־שטעלט געוואָרן אַ גרענעץ צווישן אים און די אַנדערע מינים פון דער בעלי־חיים־וועלט. אין דעם זין קען מען זאָגן, אַז די אַרבעט פון דענקען איז אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכע הענט, איז אַ פּראָדוקט פון אַרבעט.

אַנדערש געזאָגט, מוז מען אויספירן, אַז דאָס אויסאַרבעטן דאָס ערשטע סאַמע פּרימיטיווסטע און אייגפאַכסטע געצייג האָט שוין געבוירן דעם ערשטן שיין פון באַוווסטזיין אינם שכל פונם פּרימיטיוון מענטש. נאָר דערדאָזיקער אַקט האָט אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען די מענטש־ענלעכע מאַלפּע אין אַ מאַלפּע־ענלעכן מענטש.

עס אונטערליגט, אַלזאָ, קיין שום ספק נישט, אַז דער מענטש, אַלס קולטורעל וועזן, האָט זיך אַנטוויקלט נישט דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט די „הייליקע מתנה פון פאַרשטאַנד”, נאָר פאַר־קערט, דער פאַרשטאַנד האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער וויר־קונג פונם אַרבעט־פּראָצעס. אָדער, אויסדריקנדיק זיך אַנדערש, נישט דער מענטש מיט זיין פאַרשטאַנד האָט באַשאַפן דאָס אַרבעט־ און קאַמף־געצייג, נאָר פאַרקערט, דאָסדאָזיקע געצייג האָט געשאַפן דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. מיט איין וואָרט, די אַרבעט — דאָס איז דער אמתער „באַשעפער” פונם מענטש אַליין און פון זיין אַזוי גערופענעם „געטלעכן פונק” — דעם שכל! אָט פאַרוואָס ענגעלס האָט דערקלערט: „די אַרבעט שטעלט מיט זיך פאָר די ערשטע גרונט־באַדינגונג פונם גאַנצן מענטשלעכן לעבן און דאָס איז אין אַזאַ מאָס ריכטיק, אַז אין אַ געוויסן זין מוזן

מיר זאָגן: „די אַרבעט האָט באַשאַפן דעם מענטש אַליין"*).

ווי מען זעט, באַווייזט אונז דער דאַרוויניזם, ווי אַזוי עס זענען אַנטשטאַנען די מאַלפּעס־ענלעכע פּאָר־עלטערן פונם מענטשלעכן מין און דער מאַרקסיזם, דערגענצנדיק דידאָזיקע לערע, דערקלערט, פאַרוואָס גראָד דידאָזיקע חיות־ענלעכע אור־אבות זענען פאַרמענטשלעכט געוואָרן, געוואָרן מענטשן. אין רעזולטאַט מוז מען זאָגן: דאָס געזעלשאַפטלעכע סטאַדע־לעבן און דאָס אויסאַרבעטן, אויסמייסטערן פאַרשידענע אַרבעט־געצייג — אָט דאָס האָט אויסגעטיילט דעם מענטש פון דער חיות־וועלט און אים דערפירט צו זיין היינטיקן צושטאַנד.

דאָ וועט מען מסתמא פרעגן: „אָבער פאַרוואָס־זשע אַנטוויקלען זיך איצט נישט קיין מענטשן פון מענטש־ענלעכע מאַלפּעס?" אָבער נאָך דעם, וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרן, וועט שוין נישט שווער זיין צו ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַגע.

מיר האָבן געזען, אַז די פאַרוואַנדלונג פון די מינים און, הייסט עס, אויך די איבערגעבורט פון חיה אין מענטש, איז פאָרגעקומען בהדרגה, אויסערגעוויינלעך לאַנגזאַם, אין פאַרלויף פון הונדערטער טויזנטער יאָרן. פון דער אַנדערער זייט, איז די אַנטוויקלונג צווישן די פּאָר־עלטערן פונם מענטש געגאַנגען, צוליב די אונטערשידן אין די עקזיסטענץ־באַדינגונגען, אין צוויי ריכטונגען. נעמלעך, טייל פאָרמען האָבן געקענט זיך צופּאַסן דורך „פאַרמאַלפּען" זיך, ד. ה. דורכן אויסאַרבעטן חיהשע מאַלפּישע סימנים, די אַנדערע דורך „פאַרמענטשן" זיך, ד. ה. דורכן אַנטוויקלען די סימנים אין דער ריכטונג צום מענטש. אַזוי אַרום, האָבן פון די זעלביקע פּאָר־עלטערן געקענט אָפּשטאַמען, סיי די מענטשלעכע, סיי די מאַלפּישע פאָרמען, ד. ה. צוויי פאַרשידענע

*) ענגעלס: „די ראָל פון אַרבעט אינם אַנטוויקלונג־פּראָצעס פון דער מאַלפּע און מענטש" (זע אין זיין „דיאַלעקטיק פון דער נאַטור").

ראַסן בעלי־חיים. די מאַלפּעס זענען געווען זייטיקע צווייגן, וואָס האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די ספּעציעלע וואַלד־ און בוים־באַדינגונגען פון עקזיסטענץ. דער אַנדערער צווייג האָט געטראָפן, ווי מיר האָבן געזען, גאַנץ אַנדערע עקזיסטענץ־באַדינגונגען און צוליב דעם האָבן די פאַרגייער פונם מענטש באַקומען די סימנים, וועלכע האָבן באַגינסטיקט די אַנטוויקלונג פונם קאָפּ־מוח. דער וויכטיקסטער פון די סימנים, וואָס האָט זיי אָפּגעהאַלטן פון „פאַרמאַלפּען" זיך, איז געווען דאָס פאַרוואַנדלען זיך פונם כאַפּנדיקן פוס־טריט אין אַן אָרגאַן פון גלייך־שטיין און גלייך־גיין. ווען דער מענטש וואָלט דערוואָרבן וועלכע ס'איז מאַלפּישע סימנים, וואָלט דאָס אים געבראַכט גרויס שאָדן, ווייל ער וואָלט צוליב דעם, אָנגעווירן דאָס אַלץ, וואָס גיט אים צו אַ באַזונדערן מענטשלעכן כוח. דעסגלייכן, אויב אינם גוף פון דער מאַלפּע וואָלטן פאַרגעקומען אַזעלכע פאַרענדערונגען, וואָס וואָלטן זי דערנענטערט צו אַ מענטש, וואָלט זי געוואָרן אומפּעיק צו אַ מאַלפּישער וואַלד־עקזיסטענץ און זי וואָלט אומגעקומען. פון דער אַנדערער זייט, ווען אפילו אַזאַ מין מענטש־ווערנדיקע מאַלפּע וואָלט דאָך נישט אומגעקומען, וואָלט איר אויסגעקומען זיך צונויפצושטויסן מיטן היינטיקן מענטש און זי וואָלט געוויס נישט אויסגעהאַלטן דעם קאַמף מיט אים. מיט איין וואָרט, די היינטיקע מאַלפּעס, צופּאַסנדיק זיך צו זייערע באַדינגונגען פון וואַלד־לעבן, זענען אַזוי ווי אַוועק אין אַ זייט פון דער אַנטוויקלונג און האָבן שוין נישט קיין מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען אין אַן אַנדער זייט און פאַרמענטשלעכט צו ווערן.

איצטער שאַדט נישט כאָטש אין עטלעכע ווערטער אויפמערקזאַם צו מאַכן נאָך אויף איין פּונקט פון דאַרווינס לערע וועגן דער אָפּשטאַמונג פונם מענטש. דערדאָזיקער פּונקט איז נוגע די אַזוי גערופענע סאָציאַלע אינסטינקטן.

די מעשה איז די, וואָס די טעאָלאָגן אין זייער קאַמף מיט אַטעיזם „פאָרן" אַרויס אויף דער פראַגע וועגן דער „געהיימער" נאַטור פון דער מאָראַל. זיי דערקלערן, אַז די מאָראַל קען נישט זיין פון „ערדישער" אָפּשטאַמונג, ווייל די נאַטור ווייסט

נישט פון קיין גוטס און פון קיין שלעכטס. נאָר דער מענטש האָט אַ געוויסן, אַ באַגריף וועגן גוטס און שלעכטס, ווייל גאָט האָט ביים באַשאַפן דעם מענטש אַריינגעלייגט אין אים די שטרעבונג צו גוטס, דעם באַגריף פון גוטס; דאָס שלעכטע שטאַמט אָפּ פון דער בשר־ודם־נאַטור פונם מענטש, פון דער מאַטעריעלער וועלט, פון די זינד. דאַרף מען, אַלזאָ, דאָס אַנטשטיין פון דער מאָראַל צושרייבן צום געביט פונם „אַלערהעכסטן", פונם איבערנאַטירלעכן, געטלעכן.

דאַרווין האָט צעשלאָגן דידאָזיקע פרום־גלויביקע טעזע פון די טעאָלאָגן, ער האָט דערוויזן, אַז ס'איז נישט ריכטיק, אַז די מאָראַל איז מכלומרשט דאָס, וואָס שיידט אָפּ דעם מענטש פון חיות, ווייל די אָנפאַנג־יסודות פון דער מאָראַל, די וואָרצלען פון „דער שטימע פונם געוויסן" ליגן דווקא אין דער חיהשער אָפּשטאַמונג פונם מענטש. אַ מענטש איז דאָך אַ געזעלשאַפטלעכער „סטאַדע"־בעל־חי, אָבער אַדאַנק דעם סטאַדע-לעבן האָט זיך ביי די געזעלשאַפטלעכע בעלי־חיים געשאַפן און אַנטוויקלט דער „סאָציאַלער אינסטינקט" אָדער אַנדערש געזאָגט, די געזעלשאַפטלעכע אָנרעגונג. הייסט עס, אַז צוליב דעם לעבן אין סטאַדעס אָדער האָרדעס האָבן זיך ביים מענטש אַנטוויקלט די סאָציאַלע געפילן, באַקומענע דורך אים בירושה פון ווייטע פאָר־עלטערן.

אַזוי אַרום זענען דאָס „מאָראַלישע געזעץ", דאָס פליכט־געפיל, דאָס „געוויסן" אַלץ פּראָדוקטן פון דער חיות־וועלט, דאָס אַלץ האָט „ערדישע" וואָרצלען, דאָס אַלץ שטעלט מיט זיך פאָר אַ „חיהשן אינסטינקט", פונקט ווי, למשל, דאָס געפיל פון זעלבסט־שוץ, דער געשלעכטלעכער אינסטינקט, די מוטערלעכע ליבע, און נישט מער. דאָס מאָראַלישע געזעץ, „דער געבאָט פונם געוויסן" האָט שוין געלעבט אינם מענטש, ווען יענער איז נאָך געווען אַ סטאַדע־בעל־חי. ער פירט זיין אָפּשטאַמונג פון אַלטע צייטן, ווייל ער האָט געלעבט אינם מענטש די גאַנצע צייט, ווען יענער איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכע בריאה, ד. ה. די גאַנצע צייט, במשך וועלכער

דער מענטש עקזיסטירט איבערהויפּט. ווייל נאָר העלפנדיק איינער דעם צווייטן, לעבנדיק צוזאַמען, האַלטנדיק זיך „אַלע פאַר איינעם, איינער פאַר אַלע" האָבן די מענטשן געקענט באַזיגן די נאַטור. הייסט עס, די מענטשן האָבן אַלץ צו פאַרדאַנקען דערדאָזיקער מאָראַלישער שטרעבונג צו הילף, דעמדאָזיקן מאָראַלישן געזעץ, דידאָזיקע סאָציאַלע אָנרעגונגען. מיט איין וואָרט, דאַרווין האָט דערוויזן, אַז אין דער אָפּשטאַמונג פון די גרעסטע מאָראַלישע געבאָטן איז נישטאָ קיין שום איבערנאַטירלעכס, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט די באַדינגונגען פון אונזער חיה־שער עקזיסטענץ-סטאַדיע.

מיר זעען, אַלזאָ, אַז אַדאַנק דעם דאַרוויניזם האָט די וויסנשאַפט איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און פולשטענדיק צעשטערט די תנ"כישע מעשיות וועגן דער אָפּשטאַמונג פונם מענטש. אונזער מין קען זיך נישט באַרימען מיט „איידלקייט", מיטן יחוס פון זיין אָפּשטאַמונג: ער איז אַרויסגעקומען פון דער מלוכה פון די בעלי-חיים און האָט זיך אויפגעהויבן פון אַלע פיר אויף די פיס. ער האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד נישט מיט אַמאָל, נישט לויטן באַפעל פון אַ געטלעכער מאַכט, נאָר נאָך אַ לאַנגער רייע טויזנטער און מיליאָנען יאָרן פון אַנטוויקלונג פון די בעלי-חיים-ראַסן.

ס'איז נישט אמת, אַז דער מענטש איז צוערשט געווען „אַן זינד", פולקאָם, און נאָר אַדאַנק דער עבֿרה פון אדם און חוה האָט ער אַרויסגערופן גאָטס צאָרן און איז אומגעקומען. פונקט פאַרקערט! די געשיכטע פונם מענטש הייבט זיך אָן נישט פון פולקאָמענקייט און אָנזינדיקייט. נאָר פון אומפולקאָמענקייט, פון דער סטאַדיע פון אַ חיה: אונזער מין איז פון אַ נידעריקערן צושטאַנד איבערגעגאַנגען אין אַ העכערן. הייסט עס, אַז אין דער צייט, וואָס אַ רייע רעליגיעס, באַזירנדנדיק אויפן גלויבן פון אַלטן חטא, זאָגט אונז, אַז דער מענטש איז געגאַנגען צוריק אין זיין אַנטוויקלונג, האָט די וויסנשאַפט, פאַרקערט, דערוויזן אונז מיט דער הילף פון אַ

רייע פאַקטן און קלאָרע פאַר יעדן ניכטערן מענטשן געדאַנקען, אַז ער איז די גאַנצע צייט געגאַנגען פאָרויס. ער איז נישט אַרויסגעקומען פונעם גן-עדן אַלס מלך היקום, נאָר פון די אומדורכגענגלעכע אור-וועלדער און פון פינסטערע היילן אַלס האַלב-מאַלפּע-האַלב-מענטש. און דאָך האָט דער מענטש, אין חברשער צוזאַמענאַרבעט מיט פונקט אַזעלכע ווי ער, אַנטוויקלט אינם פּראָצעס פון פּראָדוקציע, פון אַרבעט, זיין שכל, איז אַריינגעדרונגען אין אַ גאַנצע רייע סודות פון דער נאַטור, האָט דורך עקשנותדיקער אַרבעט געשאַפן קאָמפּליצירטע מאַשינען, מיט וועמענס הילף ער האָט באַזיגט די נאַטור און איז געוואָרן דער פולשטענדיקער באַלעבאָס פון דער ערד. און ס'איז קיין סוף נישטאָ צו זיין טריומפאַלן שפּרייזן פאָרויס!

צוזאַמען מיט דער לערע וועגן דער געטלעכער אָפּשטאַמונג פונם מענטש פאַלט אויך דער צווייטער זייל פון דער רעליגיע — דער גלויבן אין אייביקן שכר „אויף יענער וועלט”. און ווירקלעך, דערדאָזיקער גלויבן באַזירט אויף דער פאָרשטעלונג וועגן אַ געטלעכער אומשטערבלעכער נשמה פונם מענטש און אויף דער אָנשויונג, וואָס פליסט אומפאַרמיידלעך דערפון אַרויס, אַז די אומשטערבלעכע נשמה בילדעט דעם עיקרדיקן אונטערשיד צווישן מענטש און חיה. די וויסנשאַפט האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער מענטש איז אַ בעל-חי, אַז ער איז אַ טייל פון דער חיות-וועלט, האָט זיך אַנטוויקלט במשך אַ לאַנגער רייע דורות. אויב אַזוי, אויב מען זאָל אָננעמען צוזאַמען מיט דער רעליגיע, אַז נאָר אַ מענטש האָט אַן אומשטערבלעכע נשמה, אַנטשטייט אַ פראַגע: ווי אַזוי-זשע זאָל מען אויפכאַפּן יענעם מאָמענט, ווען די חיה האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מענטש, וואָס האָט אַ נשמה? דעמדאָזיקן מאָמענט אויפכאַפּן איז אוממעגלעך, ווייל ס'איז נישטאָ קיין גרונט-אונטערשיד צווישן מענטש און חיה, ס'איז נישטאָ קיין שאַרפער איבערגאַנג פון איין דור צום צווייטן. הייסט עס, אַז ס'איז נישטאָ קיין גרונט-אונטערשיד צווישן דער נשמה פונם מענטש און דער נשמה פון אַ חיה! די פאָרשטעלונג וועגן אומשטערבלעכקייט פונם מענטש האָט פונקט אַזאַ גרונט

חי די פאָרשטעלונג וועגן אומשטערבלעכקייט פון אַ מאַלפּע אָדער בכלל וועלכע ס׳איז חיה. נאָר אויב עס פעלט דער גלויבן אין „יענער וועלט", אין עולם הבא, טאָ צי פעלט נישט אַמאָל צוזאַמען דערמיט אויך דער גלויבן אין גאָט?

די קאָנסעקווענטסטע פאָרשטייער פון קלעריקאַליזם וואַרפן געווענלעך אָפּ, סיי דאַרווינס לערע וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די מינים, סיי דעם פועל־יוצא, וואָס פליסט פון איר אַרויס וועגן דער חיהשער אָפּשטאַמונג פונם מענטש, נישט שפּאָרנדיק קיין כוחות, כדי ווי ווייט מעגלעך צו פאַרדרייען און „אויסצולאַכן" די גרונט־טעזן פונם דאָזיקן אויספיר. ס׳קען נישט זיין קיין רייד וועגן דעם, אַז מען זאָל מיט זיי דיסקוטירן, ווייל זיי האָבן נישט קיין שום אַרגומענטן: זיי אַרגומענטירן נישט קעגן, נאָר זיי וואַרפן פשוט אָפּ. וואָס שייך די מער „פּראָגרעסיווע" פאָרשטייער פון דער רעליגיע און בכלל די אָנהענגער פון פאַרשידענע פאָרמען פון „יעזואיטישער נאַטור־וויסנשאַפט", באַמיען זיי זיך אין געגעבענעם פאַל צו פאַרייניקן אומפאַרייגלעכע טעזן — „דאַרווינען און משהן"; די נאַטירלעכע לערע וועגן עוואָלוציע (די וויסנשאַפט) און דעם איבערנאַטירלעכן גלויבן אין נסים (די רעליגיע). צו דעם צוועק נעמען זיי אָן איין טייל פון דער עוואָלוציע־לערע, כדי, באַנוצנדיק זיך מיט אים, דעסטאָ בעסער צו פאַרניכטן דעם צווייטן און מער וויכטיקן טייל אירן.

באַזונדערס פיל האָט זיך אין דער הינזיכט באַמיט דער אונדז שוין באַוווּסטער יעזואיטישער פאַסטאָר וואסמאַן, וואָס „ראַטעוועט" די יחוסדיקע לאַגע פונם מענטש אין דער נאַטור דורך כל־ערליי אויסגעחכמהטע דרשות וועגן „קעגנזאַץ פון דער דאָפּלטער נאַטור פונם מענטש". ער לייקנט נישט אָפּ, אַז אויפן גרונט פון אַנאַטאָמישן און עמבריאָנאַלן פאַרגלייך פונם מענטש מיט אַ מאַלפּע קען מען קומען צו אַ פאָרשטעלונג, אַז אַ מענטש איז אַ בעל־חי, אָבער ער באַמיט זיך צו פאַרזיכערן, אַז די „ריין־זאָאָלאָגישע פאָרשטעלונג וועגן מענטש" האָט מכלומרשט נישט קיין ערנסטע באַדייטונג, ווייל מען האָט דערביי נישט

געלייגט קיין אַכט אויפן „וויכטיקסטן", אויף זיין „גייסטיק" לעבן. דעריבער זאָגט ער, אַז „נישט די זאָאָלאָגיע, נאָר בלויז די פסיכאָלאָגיע אַליין דאַרף, אין דער ערשטער רייע, באַשטימען דעם מהות און אָפּשטאַמונג פונם מענטש". און די פסיכאָלאָגיע, פאַרזיכערט ער, זאָגט אונז וועגן דעם, אַז די מענטשלעכע „נשמה" האָט אין זיך גאָרנישט קיין זאָאָלאָגישעס, קיין חיהשעס, אַזוי אַז דער „מהות" פונם מענטש איז איבערנאַטירלעך: דאָס דאָזיקע, מכלומרשט, באַווייזט טאַקע די שאַפונג פונם מענטש דורך גאָט! די אַלע צאָלרייכע וויסנשאַפטלעכע פאַקטן אָבער, וועלכע שרייען קעגן דעמדאָזיקן „פרום-גלויביקן" אויספיר, ווערן דורך וואסמאַנען אָדער איגנאָרירט, אָדער זיי ווערן אויף אַ שרעקלעכן אופן איבערגעדרייט און אויסגעלאַכט. נישט אומזיסט האָט העקקעל דערקלערט: „דאָס אַלץ, וואָס וואסמאַן זאָגט וועגן דער פראַגע פון אָנווענדן די עוואָלוציע-טעאָריע צום מענטש" איז אַ מייסטערהאַפטער מוסטער פון יעזואיטישער וויסנשאַפט, וואָס באַמיט זיך איבערצודרייען דעם קלאָרסטן אמת און פאַרדרייען אַלע פאַקטן אַזוי, אַז קיין איין לעזער זאָל זיך נישט קענען שאַפן וועגן דעם קיין אָנשוילעכע פאָרשטעלונג. אויב מען זאָל פאַרגלייכן דיזעלבע שרייבעכצן מיט די אַנדערע, אין וועלכע וואסמאַן פאַרטיידיקט, אויפן סמך פון אייגענע אויסגעצייכנטע פאָרשונגען, די עוואָלוציע-טעאָריע, אַלס אומבאַשטרייטלעכן אמת, קען מען פשוט נישט גלויבן, אַז איין און דערזעלבער מענטש האָט געשריבן דידאָזיקע פאַרשידענע זאַכן. אָבער ניין, פאַרשטיין קען מען דאָס יאָ, אָבער נאָר פונם שטאַנדפונקט פונם הייליקן איגנאַץ לאָיאָלאַ*), וואָס האָט נעגעבן זיין אָרדן דעם דעוויז: „דער ציל הייליקט די מיטלען", אַזוי אַז פאַרן גרעסערן שבח פונם רבונו-של-עולם איז יעדער ליגן דערלויבט און פאַרדינט אפילו אונטערשטיצונג"**).

מער אָדער ווייניק אַנאַלאָגיש צו וואסמאַנען טוען אויך די אַנדערע פאָרשטייער פון דער קירכלעכער „וויסנשאַפט".

*) איגנאַץ לאָיאָלאַ — דער גרינדער פון יעזואיטן-אָרדען (געלעבט אין יער העלפט פון XVI-טן יאָרהונדערט).

**) העקקעל: „דער קאַמף פאַר דער עוואָלוציע-אידיי".

למשל, זאנדער מאַכט דעם דאַרוויניזם אַזוי פיל ערנסטע הנחות, אַז ער דערלאָזט אפילו די אָפּשטאַמונג פונם מענטש פון אַנדערע בעלי-חיים, אָבער גלייכצייטיק לאָזט ער זיך איבער אַ טירל — די נשמה איז אין יעדן באַזונדערן פאַל באַשאַפן געוואָרן דורך אַ באַזונדערן שאַפונג-אַקט! און באַנוצנדיק זיך מיטן דאָזיקן טירל, באַמיט ער זיך צו באַווייזן, אַז דאַרווינס לערע וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די מינים און פונם מענטשלעכן שטאַם איז גאָרנישט אין ווידערשפרוך מיט דער ביבל און מיט די אידייען פון די „אַממערסטן געאַכטעטע קירכן-פּאַטערס".

געוויס, די כל המינים וואַסמאַנס און זאנדערסעס וועט נישט געלינגען אָפּצונאַרן דורך זייער קרומע פירושים און סאָפיסטישע דריידלעך די זעלבשטענדיק-דענקנדיקע וויסנשאַפטמענער. ס'איז אָבער שלעכט דאָס, וואָס דידאָזיקע רעאַקציאָנערן ברענגען נישט קיין קליינעם שאָדן, ווייל, אַרויסטרעטנדיק פאַרן „ברייטן פובליקום", ברענגען זיי אַריין אַ מישמאַש אין די מוחות פון די מאַסן דורך זייער אָנגעבלאָזענעם פּראַזן-געמיש. איבערצייגן זיי דורך וויסנשאַפטלעכע ראיות, וואָס זענען דיקטירט דורכן פאַרשטאַנד, איז אַן אומזיסטע אַרבעט, ווייל אין דעם טאַקע באַשטייט זייער אויפגאַבע — נישט אויפצוקלערן דעם תוך פון דער פראַגע, נאָר, פאַרקערט, וואָס מער זי צו פאַרטונקלען, פאַרמיסטיקן, און דאָס באַווייזט, פאַרשטענדלעך, אַן איבריק מאָל, אַז אַ „שלום צווישן פאַרשטאַנד און גלויבן" קען צושטאַנד קומען נאָר ביים תנאי, אַז מען איז מקריב דעם פאַרשטאַנד. דאָס זאָגט בלויז וועגן דעם, אַז וועגן שלום מאַכן צווישן וויסנשאַפט און רעליגיע קען קיין רייד נישט זיין. און נישט בחנם האָט דער צוזאַמענברוך פון דידאָזיקע אַלע „שלום-מאַכערישע" באַמיונגען, פון אַלע פרוּוון שלום צו מאַכן צווישן דער עוואָלוציע-לערע וועגן דער חיהשער אָפּשטאַמונג פונם מענטש און דער ביבלישער פאַבל וועגן געטלעכן באַשאַפן פונם מענטש, אַזוי דערשראָקן די סאַמע „סאָלידסטע" היינטיקע בורזשואַזיע, ד. ה. די בורזשואַזיע פון צפון-אַמעריקע, אַז זי האָט אָנגעהויבן פולשטענדיק אַרויסצוטרייבן דעם לימוד פון דאַרוויניזם פון די שולן. אָבער קיינע פאַרבאָטן וועט נישט געלינגען צו דערהרגענען

ייִדאָזיקע לערע, אויסצוואָרצלען זי פונם געביט פון דער וויסנשאַפט אָדער אַרויסצוטרייבן פון איר די רעוואָלוציאָנערע, אַנטי-רעליגיעזע אויספירן. דאַרווין אַליין, רעדנדיק וועגן די שאַרפע אָנפאַלן אויף זיין טעאָריע, האָט רויק באַמערקט: „מען קען נאָר אויף אַ צייט איינהאַלטן דעם שטראָם פון אמת, אָבער קיינעם וועט קיינמאָל נישט געלינגען אויף לאַנג אים צו פאַרצוימען דעם וועג“.

VIII

די באַציונג פון דאַרווינען צו דער רעליגיע

מיר האָבן דאָ איבערגעגעבן אין די די אַלגעמיינסטע שטריכן אייניקע פון די הזיפּט-טעזן פון דאַרווינס לערע אין צוזאַמענהאַנג מיט די אויספירן, וואָס פליסן פון זיי אַרויס. פונם געזאָגטן איז נישט שווער צו זעען, אַז דער דאַרוויניזם איז דורכויס מאַטעריאַליסטיש אָדער אַטעיסטיש, אפּיקורסיש, ווייל אַרויסטרייבנדיק פון דער באַלעבטער נאַטור יעדן באַגריף פון כוונה, פון פאַרשטענדיקער צילמעסיקייט, האָט ער נישט איבערגעלאָזט קיין שום אָרט פאַר קיין גאָט. נישט אומזיסט האָט דער באַוווסטער געאָלאָג סעדזשוויק (איינער פון די, וועמען דאַרווין האָט גערעכנט פאַר זיין לערער), אַ קעגנער פון דאַרוויניזם, אַ נאָמען געגעבן דידאָזיקע לערע „שעדלעכער אַטעיסטישער מאַטעריאַליזם". און אויך דאַרווין אַליין האָט גערופן זיין לערע מיטן נאָמען „דאָס עוואַנגעליום פונם שטן" און האָט דעריבער אין וויץ גערופן העקסלין „דער אַפּאָסטאַל פונם עוואַנגעליום פון שטן".

אָבער די אָנהענגער פונם קלעריקאַליזם, אויסשעפּנדיק אַלע זייערע פרוכטלאָזע אַרגומענטן קעגן דאַרוויניזם און איבער-גייענדיק צוליב דעם „פון אָנגריף צו פאַרטיידיקונג", הייבן אָן „שלום צו מאַכן" צווישן דערדאָזיקער לערע, אָנווייזנדיק אויפן פאַקט, אַז דאַרווין אַליין, האָט געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון גאָט. זיי פאַרזיכערן אפילו, אַז ער איז געווען אויף אַזוי פיל רעליגיעז, אַז ער פלעגט אויספירן אייניקע קירלעכע מנהגים. אַזוי, למשל, דערציילן

זיי, אַז ווען ס'איז איינמאָל געקומען צו דאַרווינען איינער פון זיינע פריינט, האָט די דינערשאַפט דערקלערט, אַז זי איז נישט דרייסט צו מעלדן וועגן זיין קומען, ביז דאַרווין וועט נישט ענדיקן דאָס דאַווענען צו גאָט.

צי איז דאָס באמת אַזוי? צי איז דען דאַרווין אין דער ווירקלעכקייט געווען אַ רעליגיעזער מענטש?

ווען ער וואָלט געווען רעליגיעז, וואָלט דאָס געווען טיף קעגנזעצלעך צו זיין גאַנצער לערע, צו דעם אַלעם, וואָס ער האָט געבויט אין דער וויסנשאַפט במשך זיין גאַנץ לעבן. נאָר דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס דאַרווינס רעליגיעזקייט, זיין דאַווענען א.א.וו. איז אַ מיט, אַ בבא-מעשה, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די, פאַר וועמען זי איז גינסטיק. אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן דעם שעפער פון דאַרוויניזם, רעדט וועגן דעם, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום גרונט צו רעכענען אים פאַר אַ גלויביקן אין גאָט. אמת, אין די שלוס-שורות פון דער „אָפּשטאַמונג פון די מינים" וואַרפט זיך אין די אויגן די אומגעריכטע פראַזע: „ס'איז דאָ אַ גרויסקייט אין דער אָנשויונג, לויט וועלכער דער באַשעפער האָט צוערשט אַריינגעבלאָזן לעבן צוזאַמען מיט זיינע אַלע דערשיינונגען אין איינער אָדער אַ באַגרענעצטער צאָל פאָרמען". דאָך טרעפט זיך דאָסדאָזיקע דערמאָנען גאָט מער אין ערגעץ נישט ביי דאַרווינען און דאָס גיט גאָרנישט דעם קלער קיין גרונט צו זאָגן: „אַהאַ, אפיקורסים, איר זענט אַריינגעפאַלן! אייער דאַרווין רעדט קעגן אייך: אויב ער אַליין דערמאָנט אין זיין הויפּט-ווערק גאָט, איז דאָך קלאָר, אַז די עוואָלוציע-לערע, זייענדיק ריכטיק פאַרשטאַנען, איז נישט פיינטלעך צו דער רעליגיע".

די מעשה איז אָבער, וואָס די ציטירטע פראַזע ביי דאַר-ווינען דריקט נישט אויס קיין שום רעליגיעזעס: דאָס וואָרט „באַשעפער" באַנוצט ער על-פּי געוויינהייט אָנשטאָט דעם אויסדרוק „די נישט-באַוווסטע קראַפט פון דער נאַטור". אינם בריוו צו העקסלי האָט ער פאַרטייטשט, אַז מיט דער פראַזע האָט ער געוואָלט בלויז אויסדריקן, אַז „דער אופן פון אָפּשטאַמען פון די אָרגאַניזמען איז אונז פולשטענדיק אומבאַוווסט".

ד. ה. אַז מיטן טראַדיציאָנעלן אויסדרוק האָט ער פאַרביטן דעם באַגריף וועגן אומבאַוווּסטן נאַטירלעכן. ער האָט דידאַזיקע פראַזע געהאַלטן פאַר זייער נישט קיין געלונגענע און האָט באַדויערט, וואָס ער האָט זי באַנוצט. אַזוי האָט ער, למשל, געזאָגט אינם בריוו צו הוקערן: „ס'וועט פאַרביי נאָך אַ געוויסע צייט, ביז מיר וועלן זעען, אַז „שליים, פּראָטאָפּלאַזמע א. א. וו."... שאַפן אַ נייעם בעל-חי. נאָר איך האָב שוין לאַנג באַדויערט, וואָס איך האָב נאָכגעגעבן דעם פּובליקום און געלאָזט אין גאַנג דעם אויסדרוק „שאַפונג" אין דער פאָרם, ווי עס באַנוצט אים דער חומש. איך האָב אונטער דעמדאָזיקן אויסדרוק פאַרשטאַנען בלויז דאָס „באַווייזן זיך" פון לעבן אין רעזולטאַט פון אַן אונז געוויסן אומבאַקאַנטן פּראָצעס". די טעאָלאָגן האָבן, אַלזאָ, נישט וואָס צו טשעפען זיך פאַרן דאָזיקן אומגליקלעכן, איינציקן אינם גאַנצן בוך, אויסדרוק. און דערפאַר איז דאָס מאָל פולקאָם גערעכט דער העפטיקער קעגנער פון דאַרוויניזם, טיכאָמיראָוו, ווען ער באַמערקט, אַז דאָס דערמאָנען דעם באַשעפער דורך דאַרווינען איז געווען אַ „הנחה", וואָס פירט צו גאָרנישט און וואָס שטייט, אין תּוך גענומען, אין סתירה מיט דער דאַרוויניסטישער וועלט-אָנשויונג.

דאָך האָט די פראַגע וועגן דאַרווינס באַציונג צו דער רעליגיע אַ באַזונדערן אינטערעס. דעריבער מיין איך, אַז עס שאַדט נישט איר ווידמען כאָטש עטלעכע זייטן, נאָך מער דערפאַר, ווייל אין די ביכער וועגן דאַרוויניזם ווערט זי געוויינלעך נישט אָנגערירט.

אין דער פאַרעפנטלעכטער נאָך זיין טויט אויטאָביאָגראַפיע און באַזונדערס אין זיינע בריוו צו פאַרשידענע פּערזאָנען איז אַנטהאַלטן אַ גענוג רייכער מאַטעריאַל, וואָס דערמעגלעכט אונז צו אורטיילן וועגן דאַרווינס וועלט-אָנשויונג און באַזונדערס וועגן זיינע מיינונגען בנוגע רעליגיע. מיר ווילן דאָ ברענגען נאָר עטוואָס פונם דאָזיקן מאַטעריאַל.

נישט לאַנג פאַר זיין טויט האָט דאַרווין געשריבן: „ווען כ'גיב אַ טראַכט, ווי ווילד עס זענען אויף מיר אָנגעפאַלן די שפּעטע אָנהענגער פון דער קירך, ווערט פּשוט קאָמיש צו דערמאָנען זיך, אַז כ'האָב אַליין אַמאָל געהאַט בדעה צו ווערן

אַ פאַסטאָר״*). די זאַך איז די, וואָס דאַרווינס פאָטער האָט געוואָלט האָבן זיין זון פאַר אַ דאָקטאָר, אָבער ער האָט שנעל באַמערקט, אַז אַזאַ קאַריערע שמעקט נישט דעם זון און דערי-בער האָט ער אים פאָרגעלייגט צו ווערן אַ גלח. כאָטש דער יונגער דאַרווין „האָט מיט פאַרגעניגן זיך אָפגעשטעלט אויפן געדאַנק צו ווערן אַ דאָרפישער פאַסטאָר״, האָט ער דאָך גע-בעטן אַ צייט אויף צו באַטראַכטן זיך. און איבערלעזנדיק אַ רייע ביכער וועגן טעאָלאָגיע, ווי אויך די „הייליקע שריפט״, האָט ער איינגעפונען, אַז ער קאָן אָן שום אינערלעכע סתירה ווערן אַ פרעדיקער פון דער אָפיציעלער רעליגיע, פון די דאָג-מען פון דער אַנגליקאַנישער קירך. אין יאָר 1831, זייענדיק אַלט 22 יאָר, האָט דאַרווין געענדיקט דעם קורס פונם טעאָלאָ-גישן פאַקולטעט און האָט באַקומען דאָס רעכט צו פאַרנעמען דעם פאָסטן פון אַ גלח. אָבער ער האָט נישט געטראַכט וועגן צוזוכן זיך אַ פאַסיקן פאָסטן, ווייל אין זיין נשמה האָבן אָנגעהויבן אַנטשטיין ספקות וועגן דער פראַגע וועגן דעם, צי קען ער ווערן אַ גלח. איינער פון זיינע פריינט, הערבערטס, דערציילט וועגן דעם: „צווישן אונז איז פאָרגעקומען אַן ערנ-סטער געשפרעך וועגן זיין פלאַן צו ווערן אַ גלח. און איך דערמאָן מיך, אַז דאַרווין, אָנווייזנדיק אויף דער פראַגע, וועלכע דער בישאָף שטעלט ביים הייליקן די גלחים וועגן דעם, צי דער געהייליקטער איז איבערצייגט, אַז צו דעם שריט באַוועגט אים דער רוח-הקודש, האָט ער מיך געפרעגט וועגן דעם, צי קען איך ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַגע פאָזיטיוו, און ווען איך האָב אים געענטפערט, אַז איך וואָלט דאָס נישט געקענט טון, האָט ער מיר געזאָגט: „איך קען דאָס אויך נישט טון און דעריבער קען איך נישט ווערן קיין גלח״.

דערצו איז געשען עטוואָס, וואָס האָט דאַרווינס לעבן געגעבן גאָר אַ נייע ווענדונג און האָט באַשטימט זיין ווייטער-דיקע טעטיקייט: ער האָט אָנטייל גענומען אין דער פינף-יעריקער רייזע אַרום דער וועלט אויף דער שיף „ביגל״ אַלס זאַמלער פון נאַטור-וויסנשאַפטלעכע קאָלעקציעס. נאָך זייענדיק

*) דאַרווין: „אויטאָביאָגראַפיע״.

אַ סטודענט-טעאָלאָג האָט ער זיך באַקענט מיט צוויי אָנגע-
זעענע נאַטור-פאָרשער, וואָס האָבן אים גערן גענומען אויף
עקסקורסיעס, ד. ה. אויף מאַכן פאַרשידענע ווויסנשאַפטלעכע
אָבסערוואַציעס, זאַמלען קאָלעקציעס א. א. וו. דאָס האָט אין
אים אַרויסגערופן א הייסע ליבע צו די נאַטור-וויסנשאַפטן,
צום שטודירן די נאטור-דערשיינונגען, צו צונויפשטעלן קאָלעק-
ציעס א. א. וו. און פון דעם מאָמענט אָן, ווען ער האָט באַ-
קומען אַן איינלאַדונג צו פאָרן אויף דער שיף „ביגל" אַלס
קאָלעקציאָנער איז זיין גורל ענדגילטיק געווען באַשטימט: זיין
פאַראינטערעסירונג האָט זיך געווענדעט נאָר אין איין זייט, אין
דער זייט פון נאַטור-וויסנשאַפט. אונטער דער ווירקונג פון פאַר-
טיפן זיינע ידיעות אויפן געביט פון נאַטור-וויסנשאַפט און באַ-
זונדערס אונטער דער השפעה פון אַנטשטיין אין זיין קאָפ פון
דער גרויסער עוואָלוציע-אידיי, הייבט אָן זיין באַציונג צו דער
רעליגיע זיך צו ענדערן.

אָט וואָס ער אַליין זאָגט וועגן דעם: „בשעת מיין רייזע
אויף דער שיף „ביגל" בין איך געווען אַ דורכויס גלויביקער
אָרטאָדאָקסאַלער קריסט... אָבער אין דער צייט פון אָקטאָבער
1836 יאָר ביז יאַנואַר 1839 יאָר בין איך שטופנווייז געקומען
צו דער איבערצייגונג, אַז דעם תנ"ך טאָר מען נישט גלויבן
מער, ווי די הייליקע שריפטן פון די הינדוסן... דערנאָך האָב
איך מיך אָנגעהויבן פאַרטראַכטן איבער דעם פאַקט, וואָס כדי
צו גלויבן אין די נסים, וועלכע ליגן אינם יסוד פון קריסטנ-
טום, וועט אַ מענטש מיט אַ געזונטן פאַרשטאַנד פאָדערן גאַנץ
גענויע באַווייזן, און אַז אין דער מאָס, ווי מיר באַקענען זיך
מיט די פעסט-איינגעשטעלטע געזעצן פון דער נאַטור, ווערט
די מעגלעכקייט פון נסים אַלץ ווייניקער און ווייניקער וואַר-
שיינלעך. כ'האָב אויך נישט געקענט נישט ווענדן די אויפמערק-
זאַמקייט דערויף, וואָס די מענטשן פון דער צייט פון דער
אַנטשטייונג פונם קריסטנטום זענען געווען שרעקלעך אומוויסנ-
דיק און לייכט-גלויביק און אַז מען קען נישט דערווייזן, אַז די
עוואַנגעליומס זענען אָנגעשריבן טאַקע אין דער צייט, ווען
ס'זענען פאָרגעקומען די געשעענישן, וואָס זענען אין זיי באַ-
שריבן... דידאָזיקע אַלע געדאַנקען... האָבן אויף מיר געהאַט אַ

גרויסע ווירקונג און אונטער זייער השפעה בין איך ביסלעכווייז געקומען צו דער איבערצייגונג וועגן דעם, אַז דאָס קריסטנטום שטעלט מיט זיך נישט פאָר קיין געטלעכע התגלות... אָבער מיר האָט זיך נישט געוואָלט גאָר אָפּזאָגן זיך פון מיין אמונה... פונדעסט-וועגן איז מיר געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער צו געפינען ראיות, וואָס זאָלן מיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פונם קריסטנטום. אַזוי האָט זיך אין מיין נשמה אַריינגעגנבעט דער אומגלויבן אַזוי לאַנגזאַם, אַז איך האָב דערביי נישט געפילט קיין שום שווער, אומאנגענעם געפיל".

דאַרווין באַמערקט, אַז ער האָט „ספּעציעל שטאַרק זיך אָנגעהויבן פאַרטראַכטן איבער דער פראַגע וועגן עקזיסטענץ פון אַ פּערזענלעכן גאָט נאָר אין אַ גאַנץ שפּעטן פּעריאָד פונם לעבן", ד. ה. אין יענער צייט, ווען אין זיין קאָפּ האָט זיך ענדגילטיק פאַרפעסטיקט די אידיי וועגן אָרגאַנישער עוואָלוציע און ווען אים איז קלאָר געוואָרן, אַז דער באַוועגער, די „שפּרונג-פעדער" פון דערדאָזיקער עוואָלוציע איז אַ פולקאָם סטיכישער פּראָצעס — דער נאַטירלעכער אָפּקלייב. אָנווייזנדיק אויף די „אַלגעמיינע אויספירן", צו וועלכע ער איז „נישט-ווילנדיק גע-קומען", זאָגט ער: „דער אַלטער באַווייז פאַר עקזיסטענץ פון אַ ציל אין דער נאַטור, וואָס האָט זיך מיר פריער אויסגעזען דעצידירנדיק, ווייזט זיך אַרויס איצט, נאָך דעם ווי ס'איז אַנט-דעקט דאָס געזעץ וועגן נאַטירלעכן אָפּקלייב, פאַר פאַלש. מיר קענען דאָך שוין נישט מער טראַכטן, אַז, למשל, דאָס שיינע צוויי-שאַלנדיקע מייערקעפּל איז געבויט געוואָרן דורך עפּעס אַ פאַרשטענדיק באַשעפעניש, אַזוי ווי אַ טיר-זאַוויאַסע איז געבויט דורך אַ מענטש. אין דער פאַראַנדערלעכקייט פון די אָרגאַ-נישע וועזנס און אין דעם אופן פון ווירקן פונם נאַטירלעכן אָפּקלייב איז פאַראַן, ווי מיר שיינט, נישט מער צוועקמעסיקייט, ווי אין דער ריכטונג, אין וועלכער דער ווינט בלאָזט".

דעמדאָזיקן אויספיר האָט דאַרווין געהאַלטן פאַר אַן עיקרדיקן, ער האָט אים אָפט און באַזונדערס פאַרטיידיקט, ווייל ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן די מעגלעכקייט פון מאַכן שלום צווישן דער אידיי פון גאָט און דעם נאַטירלעכן אָפּקלייב.

אַזוי, למשל, זאָגט ער אינם בריוו צו לאיעלן: „איך האָב מיך שטאַרק פאַרטראַכט איבער אייערע ווערטער וועגן דער נויטווענדיקייט אָנצונעמען אַ שטענדיקע אריינמישונג פון דער שעפערישער קראַפט, איך זע דערין נישט איין קיין שום נויטווענדיקייט און דאָס צולאָזן אַזאַ מין אריינמישונג קען, לויט מיין מיינונג, מיין גאַנצע טעאָריע פון נאַטירלעכן אָפקלייב מאַכן ווערטלאָז". אין אַ צווייטן בריוו צום זעלבן פריינט שטרייכט ער אונטער, אַז ווען ער וואָלט געווען איבערצייגט דערין, אַז די טעאָריע פון נאַטירלעכן אָפקלייב נויטיקט זיך אין דערגענצונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו רעליגיעזע באַגריפן, וואָלט ער זי אָפגעוואָרפן אַלס „אומטויגלעכן חפץ"; דערווייל אָבער — זאָגט ער — „גלויב איך פעסט אין איר, ווייל איך קען נישט אָננעמען, אַז זי קען דערקלערן אַזוי פיל פאַקטן, ווי זי טוט דאָס, זייענדיק פאַלש". דערביי איז כדאי צו באַמערקן, אַז לאיעל, נישט וועלנדיק זיך שטעלן אויפן דאָזיקן אפיקורסישן „גראָבן" שטאַנדפונקט, שטעלט דאַרווינען אַ „קיצלדיקע" פראַגע וועגן דעם, וואָס וואָ.ט דאַרווינען געקענט איבערצייגן אין דער עקזיסטענץ פון אַ ציל. דערויף ענטפערט דאַרווין, אַלס שטרענג-קאָנסעקווענטער נאַטור-פאָרשער, קורץ און פשוט: „ווען איך וואָלט געזען, ווי אויף דער ערד לאָזט זיך אַראָפ אַ מלאך, כדי אונז אויסצולערנען גוטס, און ווען אים וואָלטן געזען אויך אַנדערע מענטשן, אַזוי אַז איך וואָלט געווען איבערצייגט, אַז איך בין נישט אַראָפ פון זינען, דאַן וואָלט איך געגלויבט אין אַ פאָר-כוונה. אָבער דאָס זענען דאָך קינדערשע פלאַפלערייען!"

אויף יעדן טריט זעט דאַרווין פאַקטן, וואָס שרייען בוכשטעבלעך וועגן דעם, אַז אין דער נאַטור עקזיסטירט נישט קיין שום ציל און וועלכע מאַכן אַזוי אַרום פאַר „פאַלש" די סאַמע „דעצידירנדיקסטע" ראיה פון עקזיסטענץ פונם וועלט-פאַרשטאַנד. אמת, ער האָט דאָס נישט אויסגעדריקט אין קיין שאַרפער פאָרם, אָבער דאָך האָט ער גענוג קלאָר (און צוזאַמען דערמיט אויך „קאָרעקט") געגעבן צו פאַרשטיין זיינע לעזער, אַז ס'איז אַזוי דווקא. למשל, זיין בוך, וואָס איז געווידמעט דער ראָל פונם קינסטלעכן אָפקלייב, האָט ער פאַרענדיקט דווקא מיט

אַזעלכע מיני געדאַנקען. נעמלעך, דאַרווין שטעלט אַ פראַגע: צי האָבן מיר אַ רעכט אָנצונעמען, אַז די פאָרם פון די ברוך־שטיקער, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון אַ פעלז און אַראָפּגעפאַלן אין אַ טאָל און וואָס ווערן דורכן מענטש באַנוצט אויף צו בויען זיינע הייזער, זענען פון פאָרויס באַשטימט. אַוודאי האָבן מיר אַזאַ רעכט נישט, ווייל די פאָרם פון יעדן שטיק איז אָפּהענגיק פון אַ לאַנגער רייע תּנאים, וואָס זענען אונטערגעוואָרפן די אומפאַרענדערלעכע נאַטור־געזעצן: פון די אייגנשאַפטן פון דעם מין מינעראַל, פון דער ריכטונג פונם ברוך א. א. וו. נאָר אויב די פאָרויס־באַשטימטקייט, פאָרויס־אָנגעצייכנטקייט האָט דאָ קיין אָרט נישט, טאָ אויף וואָס פאַראַ סמך קענען מיר משער זיין, אַז די אונטער־מינים פון די היימישע בעלי־חיים און געוויקסן זענען בכּיוון פאָרויס־באַשטימט דורכן אַלוויסנדיקן בורא לטובת פּי־צוכטער אָדער גערטנער? „צי האָבן זיך דער קראָפּ און די עק־פעדערן פון דער טויב געענדערט לויט אַ פאָר־באַשטימונג, כּדי צו געבן אַ מעגלעכקייט די, וואָס ווילן, אויסצוהאָדעווען פאַרקריפּלטע ראַסן פון אויפּגעבלאָזענע און טראָמבע־טויבן? צי האָט זיך לויט אַ פאָר־באַשטימונג געענדערט דער גאַנצער געבוי און די מאָראַלישע אייגנשאַפטן פון אַ הונט אין אַזאַ מאָס, אַז ס׳האָט זיך געבילדעט אַן אכזריותדיקע ראַסע, מיט וועלכער מען יאָגט אַן אָקס צוליב דער ווילדער הנאה פונם מענטש? נאָר אויב מיר אָנערקענען דעמדאָזיקן פּרינציפּ פאַר באַנקראָט כאָטש אין איין פאַל... בלייבט נישט דער מינדסטער גרונט פאַר דער איבערצייגונג, אַז די פאַרענדערונגען, וואָס זענען דיזעלביקע אין תּוך און אָפּהענגיק פון דיזעלבע געזעצן, וועלכע זענען געווען, דורכן נאַטירלעכן אָפּקלייב די סבּה פונם אויסבילדן זיך פון די פולקאָמענסטע מינים בעלי־חיים, נישט אויסשליסנדיק דעם מענטש, אַז דידאָזיקע פאַרענדערונגען, זאָג איך, זענען בכּיוון געווען געריכטעט צו אַ געוויסן ציל״*).

באַזונדערס אָפּט איז אויסגעקומען דאַרווינען זיך אָפּצושטעלן אויף דערדאָזיקער פראַגע אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט

*) דאַרווין: „פאַרהייזלישטע בעלי־חיים און קולטיווירטע געוויקסן“.

פריינט פון דער געלערטער-וועלט. אַזוי, למשל, פאַרענדיקט ער
איין בריוו זיינעם צום רעליגיעז-געשטימטן געלערטן גריי מיט
פאָלגנדיקע ווערטער: „נאָך עטלעכע ווערטער וועגן „פּאָרויס-
באַשטימטע געזעצן" און „אומבאַשטימטע געזעצן". איך זע אַ
פויגל, וואָס איז מיר נויטיק צום עסן. איך נעם אַ ביקס און
דערהרגע אים, איך טו דאָס מיט אַ כוונה. אַ בליץ דערהרגעט
אַן אומשולדיקן און גוטן מענטש, וואָס שטייט אונטער אַ בוים.
מיינט איר דען, אַז גאָט האָט מיט אַ כוונה דערהרגעט דעם-
דאָזיקן מענטש? פיל מענטשן און אפשר די מערהייט מענטשן
מיינט אַזוי. איך אָבער קען אַזוי נישט טראַכטן און טראַכט,
ווירקלעך, נישט אַזוי. אויב איר טראַכט אַזוי, טאָ צי גלויבט איר
אין דעם, אַז אויב אַ שוואַלב האָט אַראָפּגעשלונגען אַ מוקל,
טאָ האָט גאָט געהאַט בכוונה, אַז דווקא דערדאָזיקער שוואַלב
זאָל אַראָפּשלינגען דווקא דעמדאָזיקן מוק און אין דעם ספּעציעלן
מאָמענט? מיר דאַכט זיך, אַז דער מענטש און דער מוקל האָבן
זיך געפונען אין דערזעלביקער לאַגע. אויב אָבער נישט דער טויט
פונם מענטש, נישט דער טויט פונם מוק שטעלן מיט זיך נישט פאָר
קיין רעזולטאַט פון פאָר-כוונה, זע איך נישט קיין שום גענוג שטאַרקן
גרונט פאַרן אָננעמען, אַז זייער געבורט אָדער אָפּשטאַמונג זאָל אומ-
באַדינגט זיין פאָר-באַשטימט". און אין אַ צווייטן בריוו צו זיין פריינט
שרייבט ער: „אויב שוין עפּעס וואָס איז אַ רעזולטאַט פון פאָר
באַשטימונג אָדער פון פאָר-כוונה, איז דאָס, אָן ספק, דער מענטש.
דאָס זאָגט אונז אונזער „אינערלעכער באַוווסטזיין" (וואָס איז,
אמת, אַ שלעכטער וועג-ווייזער). און פונדעסטוועגן קען איך
נישט מסכים זיין דערמיט, אַז די רודימענטאַלע ברוסטן פונם
מאַנספּאַרשוין זענען פאָר-באַשטימט. ווען איך וואָלט געזאָגט
אַז איך גלויב אין דעם, וואָלט דערדאָזיקער גלויבן מיינער גע
ווען פונקט אַזוי אומוואַרשיינלעך, ווי דער גלויבן פון אַן אָר
טאָדאָקסאַלן קריסט אין דער איינהייט פון דריי פּערזאָן". אָבער
צום מערסטן כאַרקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז איינער
פון דאַרווינס בריוו צו וועדזשווּד. דאָרט לעזן מיר, צוויש
אַנדערס: „דער גייסט וויל נישט שלום מאַכן מיט דער הנחה
אַז דידאָזיקע וועלט, ווי זי זאָל נישט זיין, זאָל מיט זיך פאָר
שטעלן אַ רעזולטאַט פון עפּעס אומפּלאַנמעסיקס; דערוויי

אָבער, דאָרט, ווו מען וואָלט באַדאַרפט דערוואַרטן די גרעסטע פּלאַנמעסיקייט, נעמלעך, אינם געבוי פון אַ פּילנדיק וועזן, געפין איך נאָך ווייניקער באַווייזן לטובת דער פּלאַנמעסיקייט. אַזאַ גריי און אייניקע אַנדערע קוקן אויף יעדער פאַרענדערונג אָדער, לכל הפּחות, אויף יעדע פּרוכטבאַרע פאַרענדערונג, ווי אויף עפּעס, וואָס איז פאַר-באַשטימט דורך דער השגחה... דאָך, ווען איך פרעג אים, צי קלערט ער, אַז די השגחה האָט פאָרויס-באַשטימט צוליב דעם מענטשלעכן פאַרגעניגן אַזאַ, למשל, פאַר-ענדערונג, דורך וועלכער פון אַ ווילדער פעלד-טויב באַקומט זיך דורך אָנזאַמלען באַשטימטע שטריכן, אַ טויב מיט אַ פאַרגרע-סערטן קראָפּ אָדער, מיט אַ פאַרלענגערטן עק, — ווייסט ער נישט, וואָס מיר צו ענטפערן. און ווען ער אָדער אַן אַנדערער אָנערקענט, אַז דידאָזיקע פאַרענדערונגען זענען צופעליקע, אויף וויפיל מיר האָבן נישט צו טון מיט קיין ציל (אוודאי זענען זיי נישט צופעליק אין שייכות צו דער סבה פון זייער אַנט-שטייונג), זע איך נישט קיין שום גרונט, וואָס זאָל רעדן דער-פאַר, אַז די פאַרענדערונג, אַדאַנק וועלכער ס'האָט זיך אויסגעע-בילדעט דער אויסגעצייכנט צוגעפּאַסטער צו זיינע לעבנס-באַדינ-גונגען פּיקהאָלץ, זאָל זיין באַשטימט דורך דער השגחה".

דידאָזיקע אַרגומענטן האָט דאַרווין געהאַלטן פאַר זייער ערנסטע, וואָגיקע און בוצט זיי דעריבער אָפּט אויס אין זיין קאָרעספּאָנדענץ, וואַריאירנדיק זיי אויף פאַרשידענע אופנים, אויסלייגנדיק זיי „אי אַזוי, אי אַנדערש". למשל, ער האָט גע-שריבן לאַיעלן: „האַלט איר זיך דען ביי דער מיינונג, אַז די שטופנוויז אַנטשטייענדיקע ענדערונגען אין דער גרויס פונם קראָפּ פון דער בלאָז-טויב, וואָס דער מענטש האָט אָנגעזאַמלט צוליב באַפרידיקן זיין קאַפּריז, זענען אַ רעזולטאַט פון אַן אומ-באַוווסטער „שאַפונג-קראַפט"? אויב מיר האַלטן, אַז די אַלמעכ-טיקע און אַלוויסנדיקע גאָטהייט האָט אַלץ באַדאַרפט איינאָרדנען און אַלץ וויסן, דאַן מוז מען אויף דערדאָזיקער פראַגע ענטפערן פּאָזיטיוו. דאָך מוז איך זיך מודה זיין, אַז איך קען נישט ענטפערן דערויף פּאָזיטיוו. מיר זעט זיך אויס אומזיניק, אַז דער בורא עולם האָט באַדאַרפט זאָרגן וועגן קראָפּ פון אַ טויב פּשוט צוליב באַפרידיקן אַ נאַרישן קאַפּריז פון אַ מענטש. אויב-זשע

איר זענט מסכים מיט מיר, אַז אין געגעבענעם פאַל דאַרף מען נישט האַלטן פאַר נויטיק די אַריינמישונג פון דער גאָטהייט, דאַן זע איך נישט קיין שום גרונט צו גלויבן אין דער אַריינמישונג פון דער גאָטהייט אינם לעבן פון די בעלי־חיים, פאַר וועמענס ווילזיין עס זענען אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויסגעקליבן געוואָרן וועלכע ס'איז וויכטיקע און דערשטוינענדיקע אייגנטימלעכקייטן. שטעלט אייך פאָר אַ בלאָז־טויב, וואָס גייט אַריין אין וואַסער און איז ביכולת, אַדאַנק דעם אויפגעבלאָזענעם קראָפּ, זיך צו האַלטן אויפן וואַסער בשעתן זוכן שפּייז. וויפיל פאַרוווּנדערונג וואָלט אַזאַ דערשיינונג אַרויסגערופן! מיט וואָלטן דאָ געהאַט צו טון מיט אַ צופאַסונג לויטן געזעץ פון הידראָסטאַטישן דרוק א. א. וו. א. א. וו. איך פערזענלעך זע נישט קיין שום שוועריקייטן און סתירות אינם געדאַנק וועגן דעם, אַז דער נאַטירלעכער אָפּקלייב מאַכט די סאַמע פאַרשידנסטע טראַנספאָרמירונגען, אויב נאָר זיי אַנטשטייען דורך שטופּנווייזע איבערגאַנגען. און פון דערפאַרונג ווייס איך, ווי שווער ס'איז אָנצווייזן אויף וועלכער ס'איז פאַרפולקאָמונג, בנוגע וועלכער ס'זאָלן נישט זיין באַקאַנט כאָטש עטלעכע איבערגאַנג־שטופן".

שילדערנדיק די אַנטוויקלונג פון זיינע אָנשויונגען בנוגע רעליגיע, ווייזט דאַרווין אָן, אַז ער קען נישט פאַרבייגיין דעם אומשטאַנד, וואָס די עקזיסטענץ פון אומגליק, שלעכטס, ליידן געפינט זיך אין שאַרפן און אומפאַרייגלעכן קעגנזאַץ מיט דער הנחה פון אַלוויסנדיקער און אַלגוטער גאָטהייט. „קיינער — זאָגט ער — קען נישט באַשטרייטן, אַז אויף דער וועלט איז דאָ אַ סך ליידן. טייל מענטשן האָבן זיך באַמיט צו דערקלערן דידאָזיקע ליידן, אויף וויפיל עס רעדט זיך וועגן מענטש, מיט דער השערה, אַז די ליידן דינען פאַר זיין מאָראַלישער פאַרפולקאָמונג. אָבער די צאָל מענטשן אין דער גאַנצער וועלט איז גאַנץ אומבאַדייטנדיק אין פאַרגלייך מיט דער צאָל פון אַלע אַנדערע פילנדיקע באַשעפענישן, וואָס ליידן זייער שטאַרק, נישט פאַרפולקאָמענדיק זיך גאָרנישט אין מאָראַלישער הינזיכט. דידאָזיקע זייער אַלטע ראיה קעגן דער עקזיסטענץ פון וועלכער ס'איז סבה ראשונה האָט זיך מיר אויסגעזען

פאַר זייער גרינטלעך; אין דערזועלבער צייט קען די עקזיסטענץ פון אַ גרויסער צאָל ליידן זייער גוט פאַרייניקט ווערן מיט דער אידיי פון אַנטוויקלונג פון די אָרגאַנישע וועזנס דורך פאַרענדערונג און נאַטירלעכן אָפּקלייב".

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָבן אַ גרויסן אינטערעס פאָלגנדיקע שורות פון דאַרווינס בריוו צו גריי: „כ'האָב לגמרי נישט געהאַט בדעה צו שרייבן אין אַטעיסטישן גייסט. אָבער כ'בין זיך מודה, אַז איך קען נישט אומעטום זען קיין באַווייז פון פאָר-כּוונה און ווילטון מיט דער קלאָרקייט, ווי דאָס זען אַנדערע און ווי איך וואָלט עס אַליין געוואָלט זען. מיר דאַכט זיך, אַז אויף דער וועלט עקזיסטירט צופיל אומגליק. איך קען זיך נישט איבערצייגן דערין, אַז דער אַלגוטער און אַלמעכטיקער גאָט וואָלט בכּיוון געשאַפן פאַראַזיטן מיט דער באַשטימונג, אַז זיי זאָלן לעבן אינם גוף פון לעבעדיקע אָרגאַניזמען; איך קען נישט אָננעמען, אַז אַזאַ גאָט האָט באַשטימט דער קאַץ, אַז זי זאָל זיך אָפּשפּילן מיט די מייז, איידער זי טויט זיי".

ווי מען זעט, קומט דאַרווין, פאַרטראַכטנדיק זיך איבער די טעאָלאָגישע אַרגומענטן, וואָס ווערן אַרויסגערוקט, כּדי צו באַווייזן די עקזיסטענץ פון גאָט, נישט ווילנדיק צום אויספיר, אַז זיי זענען גאָרנישט ווערט, אַז זיי ווידערשפּרעכן די גרונט-יסודות פון זיין לערע. אָבער ער ווענדעט זיין קריטישן בליק נישט בלויז אויף אַרגומענטן פון לאָגישן מין, וואָס שטיצן זיך אויפן פאַרשטאַנד, נאָר אויך אויף די „ראיות פון געפיל", וואָס פליסן אַרויס, לויט די דערקלערונגען פון די טעאָלאָגן, פון אונזער „אינערלעך געפיל". דאַרווין שרייבט: „אין דער היינטיקער צייט איז דער געוויינלעכסטער באַוויז פון עקזיסטענץ פון אַ פאַרשטענדיקן גאָט דאָס אָנווייזן אויף דער טיפער אינערלעכער איבערצייגונג און אויף די געפילן, וואָס דער גרעסטער טייל מענטשן פילט אין זיך אַליין. פריער האָבן דידאָזיקע געפילן מיך געמאַכט גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון גאָט (כאָטש, ווי מיר דאַכט זיך, איז דאָס רעליגיעזע געפיל קיינמאָל נישט געווען שטאַרק אַנטוויקלט אין מיר). אין מיין „טאָג-בוך" האָב איך

איינמאָל אָנגעשריבן, אַז „ס'איז אוממעגלעך קלאָר איבערצוגעבן אַלע יענע הויכע געפילן פון פאַרוואונדערונג, אַנטציקונג און ענוה, וועלכע פילן אָן און דערהייבן אונזער גייסט, ווען די געפינסט זיך צווישן דער הערלעכער נאַטור פון בראַזילישן וואַלד". איצטער וואָלט דאָס שיינע פּראַכטפולע בילד פון בראַזילישן וואַלד אין מיר נישט דערוועקט אַזעלכע געפילן און איבערצייגונגען. מיך וואָלט מען געלונגען געקענט פאַרגלייכן מיט אַ מענטש, וואָס האָט פאַרלוירן די פעיקייט אונטערצושיידן די קאָלירן; דער גלויבן, וואָס איז פאַראַן ביי אַלע מענטשן, וועגן דער עקזיסטענץ פונם רויטן קאָליר מאַכט נישט דעם פאַקט פון פאַרלירן מיין פעיקייט אויפצונעמען אים פאַר אַ באַווייז פאַר זייער גלויבן. דערדאָזיקער באַווייז וואָלט געהאַט אַ ווערט, ווען מענטשן פון אַלע ראַסן וואָלטן אַרויסגעוויזן דיזעלבע אינערלעכע איבערצייגונג אין דער עקזיסטענץ פון גאָט. אָבער מיר ווייסן, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי. דעריבער קען איך נישט מסכים זיין דערמיט, אַז די פאַרשידענע אינערלעכע איבערצייגונגען און געפילן קענען ווערן באַטראַכט, ווי וואָגיקע באַווייזן פון דער עקזיסטענץ פון גאָט. די גייסטיקע שטימונג, וואָס איז אין מיר אַרויסגערופן געוואָרן אונטערן איינדרוק פון הערלעכע בילדער און האָט זיך געפונען אין ענגער פאַרבינדונג מיטן גלויבן אין גאָט, אונטערשיידט זיך נישט פיל פון יענער שטימונג, וואָס ווערט אָפט אָנגערופן דאָס געפיל פון דערהויבענעם. און ווי שווער ס'איז נישט צו דערקלערן דאָס אַנטשטיין פונם דאָזיקן געפיל, האָבן מיר פונדעסטוועגן דאָסזעלבע רעכט צו זעען אין אים אַ באַווייז פון עקזיסטענץ פון גאָט, ווי מיר זעען אַזאַ באַווייז אין די אומבאַשטימטע אָבער שטאַרקע געפילן, וואָס ווערן אין אונז אַרויסגערופן דורך מוזיק".

דאָך האָט דאַרווין קיינמאָל נישט אונטערגעשטראָכן אין זיינע ווערק די מאַטעריאַליסטישע און אַטעיסטישע זייט פון זיין וועלט-אָנשויונג און האָט נישט ליב געהאַט, ווען מען האָט אים גערופן מאַטעריאַליסט און אַטעיסט. אַזוי, למשל, שרייבט ער גרייען: „איך בין פולקאָם מסכים מיט אייך דערין, אַז מיינע אָנשויונגען זענען נישט אומבאַדינגט אַטעיסטיש". טיילוויז דערקלערט

זיך דאָס דערמיט, וואָס ער האָט זיך נישט פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע, נישט שטודירט די געשיכטע פון פריידענקעריי און האָט דעריבער געהאַט אַן אומקלאָרע פאָרשטעלונג וועגן מאַטעריאַליזם און אַטעיזם, נאָך מער, ווייל די גאַנגבאַרע פאַרשפרייטע אין דער בורזשואַזער סביבה פאָרשטעלונג וועגן מאַטעריאַליסטן און אַטעיסטן האָט זיי געשילדערט אין זייער אַ פאַרקריפלטער פאָרם, אויף אַ זייער נישט צוציענדיקן אופן. אין די אויגן פון אַ בורזשואַ זענען דאָך די אַטעיסטן אַ „מין" גראָבע, אומגעבילדעטע מענטשן „אָן צערעמאָניעס", וואָס זענען פרעמד יעדע אידעאַלע געזעלשאַפטלעכע שטרעבונגען און ווילן דערשיטערן „אַלע יסודות" פון דער געזעלשאַפט (ליין — „פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט"). דערצו האָט דאַרווינען באַזונדערס געמאַטערט די פראַגע וועגן דער „אָפּשטאַמונג פון דער וועלט", כאָטש ער האָט דענסטמאָל נישט געקענט, לייגנדיק די האַנט אויפן האַרץ, מסכים זיין מיט דער ריין־רעליגיעזער לייזונג פון דערדאָזיקער פראַגע (און וועגן אַ קאָנסעקווענטער מאַטעריאַליסטישער לעזונג האָט ער נישט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף). אָט פאַר וואָס ער שטרייכט שטענדיק אונטער אין זיינע בריוו, אַז וועגן דער פראַגע האָט זיך ביי אים אין קאָפּ געשאַפן אַ „מישמאַש", אַז ער איז „אינגאַנצן פאַרקראָכן אין אַ בלאָטע" א. א. וו. צום ביישפיל, ער שרייבט גרייען: „איך קען נישט אָננעמען, אַז די וועלט, אין דער פאָרם ווי זי שטעלט זיך פאָר, זאָל זיין אַ רעזולטאַט פון אַ צופעליקייט און, פונדעסטוועגן, קען איך נישט קוקן אויף יעדער זאַך באַזונדער, ווי אויף אַ רעזולטאַט פון פאָרבאַשטימונג. מיט איין וואָרט, כ'בין אויף אייביק פאַרקראָכן אין אַ בלאָטע אָן האָפנונג אַרויסצוקריכן פון איר". אויף דערדאָזיקער אומפעיקייט זיינער „אויפצופלאָנטערן די פראַגע" באַקלאָגט ער זיך אָפט, דערביי דערקלערט ער זי (אינם בריוו צו גרעהעם) דערמיט, וואָס ער איז „אומדערפאַרן אין אַבסטראַקטן דענקען".

אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע באַמערקונגען, באַווייזנדיק די־

אומבאַגרינדעטקייט פון די געוויינלעכע באַווייזן פון דער עקזיסטענץ פון גאָט, זאָגט דאַרווין סוף-כל-סוף: „אַ מער וואָגיקער קוואַל פונם גלויבן אין גאָט איז די גרויסע שוועריקייט, גיכער אוממעגלעכקייט זיך פאָרצושטעלן, אַז דידאָזיקע אומענדלעכע און וווּנדערלעכע וועלט, וואָס נעמט אַרום דעם מענטש מיט זיין פעיקייט אַריינצוקוקן אין עבר און אין עתיד, זאָל זיין אַ רעזולטאַט פון אַ בלינדער צופעליקייט אָדער נויטווענדיקייט. טראַכטנדיק וועגן דערדאָזיקער פראַגע, הייב איך אָן צו פילן אַ נויטווענדיקייט אין אָפּזוכן אַ וועלכע ס׳איז סבה ראשונה, הייב איך אָן טראַכטן וועגן אַ פאַרשטענדיקן גייסט, וואָס איז אַנאַלאָגיש, ביז אַ געוויסער מדרגה, מיט אַ מענטש. און דאַן פאַרדינ איך דעם נאָמען טעיסט. דערדאָזיקער אויספיר האָט זיך ביי מיר באַזונדערס אָנגעוואָרפן, אויף וויפיל איך געדענק, דאַן, ווען איך האָב געשריבן מיין „אָפּשטאַמונג פון די מינים". זייט דאַן איז ער ב ה ד ר ג ה און נאָך לאַנגע וואַקלענישן ש וו אַ כ ע ר ג ע וו אָ ר ן".

אין צוזאַמענהאַנג מיטן דאָזיקן מאָמענט איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאָלגנדיק אָרט פון אַ בריוו צו אַ „האָלענדישן סטודענט": „דער פאַקט, וואָס מען קען זיך נישט פאָרשטעלן די אַנטשטייונג פון דערדאָזיקער שיינער און וווּנדערלעכער וועלט מיט די זי באַווינענדיקע פאַרשטענדיקע ברואים, אַלס רעזולטאַט פון אַ פשוטן צופאַל, — דערדאָזיקער פאַקט איז פאַר מיר דער הויפּט-באַווייז לטובת אָננעמען די עקזיסטענץ פון גאָט; אָבער איך בין קיינמאָל נישט געווען ביכולת צו אַנטשיידן די פראַגע, צי איז דאָס ווירקלעך אַ ווערטפולער באַווייז. איך ווייס אויסגעצייכנט, אַז אויב מיר זאָלן דערלאָזן די עקזיסטענץ פון אַ סבה ראשונה, וועט זיך דערויף אונזער גייסט נישט באַרויקן און וועט אָנהייבן זיך פאַרטראַכטן דעריבער, פון וואַנען האָט זיך די סבה גענומען און ווי אַזוי איז זי אַנטשטאַנען. דערביי קען איך אויך נישט אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פונם פאַראַנען זיין פון אַן אומצייליקער מאָס ליידן אין דער גאַנצער וועלט. איך מוז אויך ביז אַ געוויסער מאָס מיך בויגן פאַר דער מיינונג פון אַ גאַנצער רייע וויכטיקע מענטשן,

וואָס האָבן געגלויבט אין גאָט, אָבער איך פאַרשטיי דערביי ווייער גוט, וואָס פאַרא שוואַכער באַווייז דאָס איז“.

מיר האָבן נישט די מעגלעכקייט זיך אָפּצושטעלן אויפן פאַנאַנדערקלייבן זיך אינם דאָזיקן טייל פון דאַרווינס אָנשויונגען און באַווייזן, ווי אַזוי מען דאַרף צו זיי צוגיין פונם שטאַנדפּונקט פון קאָנסעקווענטן אַטעיזם*). אָבער עס שאַדט נישט צו באַמערקן דעם אומשטאַנד, וואָס דאַרווין, אַפּנים רעכענענדיק זיך מיט דער „פרומקייט“ פון זיינע קאָמפּאַטריאָטן, האָט זייער נישט גערן, זייער אומאַנטשלאָסן אַרויסגעזאָגט עפנטלעך זייןווירקלעכע „אויפריכטיקע“ מיינונג וועגן רעליגיעזע פראַגן, און כאָטש ער דערציילט אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע באַמערקונגען, אַז „במשך צוויי יאָר האָט מיך אַ סך אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק וועגן רעליגיע“, האָט ער מיט דער צייט אַלץ ווייניקער און ווייניקער זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דידאָזיקע פראַגן, אַלס מיט אומוועזנטלעכע און פרוכטלאָזע און ער איז געווען זייער נישט צופרידן, ווען מען האָט אים געצוווּנגען וועגן זיי זיך אַרויסצוזאָגן. למשל, ווען עפּעס אַ „דייטשער סטודענט“ האָט שריפטלעך געפרעגט ביי דאַרווינען, ווי אַזוי ער באַציט זיך צו די הויפּט-דאָגמען פון דער קירך, האָט דאַרווין אַפילו נישט געענטפערט אַליין, נאָר דאָס איבערגעגעבן צו טון זיין זון. דער לעצטער האָט געשריבן: „מיין פאָטער האַלט זיך ביי דער מיינונג, אַז די עוואָלוציע-טעאָריע איז פאַריינלעך מיטן גלויבן אין גאָט, נאָר איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, אַז פאַרשידענע מענטשן געבן פאַרשידענע דעפיניציעס דערפון, וואָס זיי פאַרשטייען אונטער גאָט“. אָבער דער סטודענט איז געבליבן נישט-באַפרידיקט דורך דעמדאָזיקן נישט-קלאָרן אומבאַשטימטן ענטפער און דעריבער האָט ער זיך אַ צווייט מאָל געווענדעט מיט אַ בריוו צו דאַרווינען. דאַרווין האָט געענטפערט זייער נישט גערן, אָנהייבנדיק דעם בריוו מיט אַזעלכע ווערטער: „איך בין זייער פאַרנומען, איך בין אַלט, מיין געזונט איז שלעכט און איך קען נישט געפינען קיין צייט אויף צו ענטפערן פולשטענדיק

*) זע וועגן דעם, גורעוו: „די וועלט-קענטניש פונם אפּיקורוס“.

אויף אייערע פראַגן״. ווייטער שרייבט ער דאָך, אַז „די וויסנ־שאַפט האָט קיין עסק נישט מיט קריסטוסן״ און ווייזט אָן, אַז פון זיין פּערזענלעכן שטאַנדפּונקט, „איז נישטאָ קיין שום גרונט צו קלערן, אַז ווען ס'איז האָט געהאַט אַן אָרט וועלכער ס'איז גילוי־שכינה״. און ווען דער רעדאַקטאָר פון אַ וויסנשאַפטלעכער אויסגאַבע, עבּאָט, האָט געבעטן ביי דאַרווינען אַן אַרטיקל וועגן דער באַציונג פון וויסנשאַפט צו רעליגיע, האָט דאַרווינען דערקלערט: „איך האָב בכלל קיינמאָל נישט געטראַכט פיל און סיסטעמאַטיש וועגן דער באַציונג פון רעליגיע צו וויסנשאַפט אָדער וועגן דער באַציונג פון מאָראַל צו דער געזעלשאַפט און אויב איך וועל אין משך פון אַ לענגערער צייט נישט ווענדן מיינע געדאַנקען אויף דידאָזיקע זאַכן, וועל איך, ווירקלעך, נישט זיין ביכולת אָנצושרייבן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל האָבן אַ ווערט פאַר אייער אויסגאַבע״. אָבער עבּאָט האָט זיך פאַרעקשנט און האָט געבעטן אַ דערלויבניש צו פאַרעפנטלעכן כאָטש אייניקע ערטער פון דאַרווינס בריוו צו אים, אָבער דאַרווין האָט דערויף נישט מסכים געווען, אַרויסרוקנדיק ווידער דעם פריערדיקן אַרגומענט. ער האָט געשריבן עבּאָטן: „איך בין אין אַ באַדייטנ־דיקער מאָס נישט געשטימט אַרויסצוזאָגן זיך עפנטלעך וועגן רעליגיעזע טעמעס, ווייל מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב נישט גענוג גרינטלעך געטראַכט וועגן דער־דאָזיקער פראַגע, אַז איך זאָל קענען אַרויסטרעטן פאַר דער געזעלשאַפט... ווייל אַלץ, וואָס עס ווערט פאָרגעלייגט דעם פּובליקום, דאַרף זיין רייף באַטראַכט און אויסגעדריקט אין זייער אַ פאָרזיכטיקער פאָרם״.

אין בריוו צו פאָרדייסן האָט דאַרווין געשריבן: „וואָס שייך מיינע אייגענע אָנשויונגען, איז דאָס אַ פראַגע, וואָס האָט פאַר קיינעם נישט, חוץ פאַר מיר, וועלכע ס'איז באַדייטונג, נאָר אַזוי ווי איר פרעגט מיך וועגן דעם, מוז איך אייך זאָגן, אַז איך וואַקל מיך זייער אין מיין מיינונג... אין די עקסטרעמסטע מינוטן פון וואַקלונגען בין איך קיינמאָל נישט געווען אַן אַטעיסט אין דעם זין פון אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון גאָט. אין אַלגעמיין, כאָטש נישט שטענדיק, דאַכט זיך מיר (און וואָס

עלטער איך ווער, אַלץ עפטער דאַכט זיך מיר אויס אַזוי, אַז דאָס וואָרט „אַגנאָסטיקער" וואָלט ריכטיקער אויסגעדריקט מיין גייסטיקן צושטאַנד". און אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע מעמואַרן זאָגט ער: „די געהיימניספולע פראַגע וועגן דער התחלה פון אַלע התחלות איז פאַר אונז אומלייזלעך און איך, פון מיין זייט, מוז זיך באַגנוגענען מיטן באַשיידענעם גורל פון אַן *אַגנאָסטיקער*".

דאָס געזאָגטע, רעכן איך, איז גענוג דערצו, אַז מען זאָל אָנערקענען דאַרווינען פאַר אַן אומגלויביקן געלערטן: *ער האָט אָפּגעלייקנט די מעגלעכקייט פון אַ געטלעכער אַנטפּלעקונג און האָט אָפּגעוואָרפן די טעאָלאָגישע באַווייזן פון דער עקזיסטענץ פון גאָט*, ווייל פאַר אים איז קלאָר געווען, אַז אינם לעבן פון דער וועלט מישט זיך נישט אַריין קיין שום באַשעפער און אַז קיין שום וועלט־פּלאַנמעסיקייט אָדער פאַרשטענדיקע צילמעסיקייט עקזיסטירט נישט אין דער נאַטור. ער האָט זיך בלויז געפּלאָנטערט וועגן דער פראַגע פון דער „התחלה פון אַלע התחלות", *אָפּהאַלטנדיק זיך* פון לייזן דיזאָזיקע פראַגע אין זין פון ענדגילטיק אָפּלייקענען יעדע התחלה, יעדן אָנפאַנג פון דער וועלט און אין זין פון אָנערקענען די אייביקייט פון דער וועלט, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער געזען, אַז די צווייטע פון די מעגלעכע לייזונגען, די טעאָלאָגישע, איז נישט באַפרידיקנדיק, ווייל אונזער גייסט קען נישט מסכים זיין מיטן אָננעמען אַ סבה ראשונה, אַן אָנפאַנג אין דער צייט. מיט איין וואָרט, ער האָט געהאַלטן, אַז וועגן דער עקזיסטענץ פון עפּעס אַ גאָט אין דער פאָרם, ווי דאָס לערנען אונז אַלע העכערע רעליגיעס (קריסטנטום, יידנטום, איסלאַם), קען ער בשום אופן נישט זיין איבערצייגט און דעריבער האָט יעדער קולט, יעדער גאָט־דינסט (דאַוונען, רעליגיעזע מנהגים א. א. וו.) אַבסאָלוט קיין שום לאָגישן יסוד נישט. אָבער דאָזעלבע זאָגט דאָך אונז אויך דער אַטעיזם, אַזוי אַז „*אויף וויפיל עס רעדט זיך וועגן דער פּראַקטישער זייט פון דער פראַגע, איז דאַרווין געווען אַן אַטעיסט*! אָבער ער איז נישט געווען קיין קאָנסעקווענטער און *אָפענער* אַטעיסט, ער האָט

קיינמאָל נישט אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, וואָס דער דאַרוויניזם דערפירט אומפאַרמיידלעך צו דער אָפּלייקענונג פון גאָט. הייסט עס, זיין טאַקטיק איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אָנערקענט פאַר פולשטענדיק נישט באַגרינדעט, פאַר נישט אויסהאַלטנדיק די קריטיק פון פאַרשטאַנד, יעדע איבערצייגונג וועגן דער עקזיסטענץ פון גאָט און אין דערזעלבער צייט אויפן סמך פון דעם נישט אָפּלייקענען די מעגלעכקייט פון עקזיסטענץ פון גאָט, נישט שפּאַרן זיך מיט די, וואָס קלערן „טאָמער איז דאָך עפּעס וואָס דאָ". פונדעסטוועגן דאַרף מען באַמערקן, אַז אין פּריוואַטן שמועס האָט זיך דאַרווין טיילמאָל אָפּגעזאָגט פון דערדאָזיקער „דאָפּלטער בוכהאַלטעריע" און פלעגט מאַכן, כאָטש אין אַ נישט אינגאַנצן אַנטשיידענער פאָרם, אַטעיסטישע אויספירן, און האָט זיך דערוואַגט צו נעגירן די עקזיסטענץ פון גאָט. וועגן דעם דערציילט אונז געגוג בפרטות דער איידעם פון קאַרל מאַרקס, דער נאַטור-פאָרשער עוועלינג, וואָס האָט געהאַט מיט דאַרווינען אַן אינטערעסאַנטן שמועס וועגן רעליגיעזע טעמען.

אין געשפּרעך מיט עוועלינגן האָט דער זקן דאַרווין געזאָגט אַ האַלב יאָר פאַר זיין טויט: „איך האָב אָפּגעוואָרפן די קריסטלעכע רעליגיע ערשט זייענדיק אַלט פערציק יאָר". מען האָט אים געפרעגט וועגן דער סבה פון אַזאַ גרויסער לאַנגזאַמקייט. „מיט אַן איבערצייגדיקער אויפריכטיקייט, — דערציילט עוועלינג, — האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט פשוט נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן דעם. זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט האָט אַזוי פיל פאַרשלונגען זיין גאַנצע צייט, אַז ביי אים איז נישט געבליבן קיין פרייע צייט פאַרן געניטעם שטודירן די טעאָלאָגישע פראַגן. אָבער אַ געוויסע אויפמערקזאַמקייט האָט ער דאָך געווידמעט דערדאָזיקער פראַגע. אויף די ווייטערדיקע פראַגן האָט ער געזאָגט, אַז אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיך באַמיט צו געפינען אַ באַרעכטיקונג פונם קריסטנטום. אויף דער פראַגע, פאַרוואָס-זשע האָט ער אָפּגעוואָרפן דאָס קריסטנטום, האָט דאַרווין געגעבן אַ פשוטן, אָבער פיל-זאָגנדיקן ענטפער: „ס'איז נישטאָ קיין פאַקטישע באַווייזן". און די דאָזיקע ווערטער זענען אַרויסגעגאַנגען פונם מויל פון אַ מענטש, וואָס

האָט געוויינלעך זייער געגוי און פון אַלע זייטן אָפּגעוויגן די באַווייזן"*). און ווירקלעך, אויב מיר זאָלן נעמען אין אַכט, ווי אומענדלעך געוויסנהאַפט דאַרווין פלעגט אויספאָרשן יעדן וויסנשאַפטלעכן באַווייז, ווי סקרופולעז, געגוי, פּרעציז און ערלעך ער פלעגט פאָרשטעלן אַלע זייטן פון דעם פּראָבלעם, ווי פּינקטלעך און געגוי ער פלעגט אָפּוועגן יעדן „פּאַר" און „קעגן", וועלן מיר פאַרשטיין די צעשמעטערנדיקע באַדייטונג פון די ווערטער: „ס'איז נישטאָ קיין פאַקטישע באַווייזן!".

עוועלינג דערציילט, אַז ווען ער איז אַריינגעגאַנגען צו דאַרווינען מיט ביכנערן, וואָס האָט אָפן און דרייסט פאַרשפּרייט די אידייען פון אַטעיזם, האָבן זיי נישט געהאַט קיין שום כּוונה צו ווענדן דעם געשפּרעך מיטן זקן אין דער זייט פון דער רעליגיע. אָבער זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך צו באַגריסן, ווי זיי האָבן דערהערט פון דאַרווינען די פראַגע: „פאַרוואָס רופט איר זיך אַטעיסטן?" און ווען זיי האָבן אים אויסגעלייגט זייערע באַווייזן, איז קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט זיך ביז איצט געהאַלטן ביים פאַרשפּרייטן אין דער „געזעלשאַפט" פאַלשן טייטש פון רער באַדייטונג פונם וואָרט „אַטעיסט". עוועלינג און ביכנער האָבן פאַר אים אויסגעלייגט די גרונט-אידייען פון אַטעיזם. זיי האָבן געזאָגט דאַרווינען, אַז זיי זענען דערפאַר אַטעיסטן, ווייל ס'זענען נישטאָ קיין שום באַווייזן פון דער עקזיסטענץ פון גאָט, אַז דאָס אויסטראַכטן אַ נאָמען אָדער אַ באַצייכענונג דערקלערט גאָרנישט קיין דערשיינונגען, אַז די סומע פונם מענטשלעכן וויסן איז באַגרענעצט דורכן נאַטירלעכן און אַז צו דער הילף פון איבערנאַטירלעכן ווענדעט מען זיך ערשט דאַן און דאָרט, ווו עס ענדיקט זיך דאָס וויסן. ענדלעך האָבן זיי אים אָנגעוויזן, אַז אַזוי ווי די עקזיסטענץ פון גאָט איז נישט דערוויזן, זענען זיי אָן אַ גאָט און לייגן דעריבער זייערע אַלע האָפנונגען אויף ד ע ר וועלט, און נאָר אויף דער וועלט. מען האָט לייכט געקענט באַמערקן, אַז בשעתן אויסלייגן דידאָזיקע אָנשויונג איז אין דאַרווינען תּיכּף פאָרגעקומען אַן ענדערונג. און ווירקלעך, ער האָט פּונקט ביי פּונקט מסכּים

*) עוועלינג: „טשאַרלז דארווין (לעבן און טעטיקייט)".

געוועזן מיט דידאָזיקע באַווייזן, אָנגעמענדיק איין אַטעיסטישע טעזע פון עוועלינגן און ביכנערן נאָך דער צווייטער. און צום סוף האָט דאַרווין געזאָגט זיינע געסט: „איך קלער פונקט אַזוי, ווי איר, אָבער אָנשטאָט דעם וואָרט „אַטעיסט", וואָלט איך בעסער געוואָלט דעם נאָמען „אַגנאָסטיקער". וועגן דעם האָט מען אים באַמערקט, אַז אַן „אַגנאָסטיקער" איז נאָר אַ סאַלאָן-אַטעיסט, און אַן אַטעיסט איז אַן אַגרעסיווער אַגנאָסטיקער: „זאָגן, אַז מיר ווייסן נישט, צי עס עקזיסטירט אַ גאָט, איז דאָך בוכשטעבלעך גלייך-באַדייטנדיק מיט דער באַהויפטונג, אַז ביי אונז איז נישטאָ קיין פאָרשטעלונג וועגן גאָט, אָבער אָננעמענדיק דעמדאָזיקן ווייניקער-באַשטימטן און ווייניקער-קאָמפּראָמיטירנדיקן נאָמען, וואַרפן מיר צו אַ ביין דעם צערבער*), דער געזעלשאַפט". דאַרווין האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט: „פאַרוואָסזשע זענט איר אַזוי אַגרעסיוו? צי געווינען מיר עפּעס פון דעם פרווו איינצופלאַנצן דידאָזיקע אידייען ביי די מאַסן? דאָס איז אַלץ זייער גוט פאַר דערצויגענע, געבילדעטע, דענקנדיקע מענטשן, נאָר צי זענען די מאַסן שוין רייף פאַר דעם?".

מיר זעען אַלזאָ, אַז דאַרווין האָט געפילט, אַז זיין וועלט-אָנשויונג איז דורכויס אַטעיסטיש, אָבער אין דערזעלבער צייט איז פאַר אים קלאָר געווען, אַז דער אַטעיזם איז אַ „צופיל" רעוואָלוציאָנערע אידיי, ווייל זי אַנטהאַלט אין זיך אַן עלעמענט פון „אַגרעסיווקייט", קעמפערישקייט. נאָר אַזוי ווי דערדאָזיקער עלעמענט „שרעקט" אים, ווייל ער רעכנט, אַז דאָס „איינפלאַנצן" אַזעלכע אידייען „ביי די מאַסן" וועט ברענגען דערצו, אַז די „דענקנדיקע מענטשן" (ריכטיקער: די פאָרשטייער פון דער בורזשואַזיע) וועלן דערפון בלויז „פאַרשפילן", האַלט ער פאַר באַקוועמער זיך צו רופן אַגנאָסטיקער. וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ לערע דער אַגנאָסטיציזם?

דאָסדאָזיקע וואָרט איז אַריינגעפירט אין דער וויסנשאַפט דורך העקסלי, וועלכער האָט דערמיט באַצייכנט די „פילאָזאָפיע פון נישט-וויסן", וועלכע באַהויפטעט, אַז כאָטש אין דער וועלט

*) דעם צערבער — דעם כּלב.

געטלעכע ווירקונגען, כאָטש דאָרט איז אַלץ געזעצמעסיק, אַלץ באַטירלעך, באַדינגט דורך מאַטעריעלע סבות, אָבער מיר קענען נישט באַהויפּטן און נישט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון גאָט: דידאָזיקע פראַגע וועלן מיר קיינמאָל נישט לעזן.

אָט וואָס עס שרייבט וועגן דערדאָזיקער לערע ענגעלס:

„ווירקלעך, וואָס עפּעס אַנדערש שטעלט מיט זיך פאָר דער אַגנאָסטיציזם, אויב נישט אַ פאַרשעמט-פאַרדעקטן מאַטער-יאַליזם? דעם אַגנאָסטיקערס קוק אויף דער נאַטור איז דורכויס מאַטעריאַליסטיש. אין דער וועלט הערשן געזעצן, וואָס שליסן אַבסאָלוט אויס יעדע ווירקונג אויף איר פון אויסן. אָבער, גיט פאָרזיכטיק צו דער אַגנאָסטיקער, מיר זענען נישט ביכולת צו דערווייזן די עקזיסטענץ אָדער נישט-עקזיסטענץ פון אַ העכער וועזן אויף יענער זייט פון דער אונז באַוווסטער וועלט. דער-דאָזיקער פאָרבאַהאַלט האָט געקענט האָבן אַ ווערט אין יענער צייט, ווען לאַפּלאַס האָט אויף נאַפּאָלעאָנס פראַגע: פאַרוואָס אין דער „הימלישער מעכאַניק" פונם גרויסן אַסטראָנאָם, ווערט קיינמאָל נישט דערמאָנט דער בורא, שטאָלץ געענטפערט: „כ'האָב נישט געהאַט קיין נויטווענדיקייט אין אַזאַ היפּאָטעזע". אָבער אין דער היינטיקער צייט לאָזט אונזער פאָרשטעלונג וועגן דער וועלט און איר אַנטוויקלונג נישט איבער אַבסאָלוט קיין שום אָרט פאַר קיין באַשעפער אָדער פירער; און דאָס אָנער-קענען אַ העכסט וועזן, וואָס איז אויסגעשלאָסן פון דער וועלט, וואָלט געווען סתירהדיק אין זיך אַליין און אַ חוץ דעם וואָלט עס, ווי מיר דאַכט זיך, געווען אַ מיט גאָרנישט אַרויסגערופענע באַליידיקונג פונם געפיל פון רעליגיעזע מענטשן"*).

ווי מען זעט, *איז דאַרווינס אַגנאָסטיציזם נאָר בלויז אַ פאַרשעמטער אַטעיזם, אַ סאַלאָנמעסיקער מאַטעריאַליזם*, וואָס פאַרבאַהאַלט פאַר די „נישט רייפע פאַר דער וויסנשאַפט מאַסן" זיין „אַגרע-סיוון" (אָנגרייפנדיקן) כאַראַקטער. אמת, פרענסיס דאַרווין, דער זון פונם שעפער פון דאַרוויניזם, באַמיענדיק זיך דורכצופירן אַ

*) ענגעלס: הקדמה צו דער ענגלישער אויסגאַבע „פון אוטאָפּיע צו וויסנשאַפט".

שאַרפע גרענעץ-ליניע צווישן אַגנאָסטיציזם און אַטעיזם, איז אַרויסגעטרעטן מיט געוויסע „פירושים" וועגן דער דערמאָנטער מעלדונג פון עוועלינגן. דאַרווינס זון האָט נאָך זיין פאָטערס טויט געשריבן: „עוועלינג האָט פובליקירט דעם אינהאַלט פון איינעם פון זיינע געשפרעכן מיט מיין פאָטער. די לעזער פון עוועלינגס בראָשור קענען טראַכטן, אַז צווישן די אָנשויונגען פון מיין פאָטער און עוועלינגן איז דאָ אַ גרויסע ענלעכקייט, אָבער דערווייל איז דאָס נישט אַזוי. איך באַהויפט דאָס," טראָץ דעם וואָס איך בין איבערצייגט, אַז עוועלינג האָט גאַנץ ריכטיק איבערגעגעבן דעם אַרויסגעטראָגענעם דורך אים איינדרוק וועגן די אָנשויונגען פון מיין פאָטער. עוועלינג האָט זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז די אויסדרוקן „אַגנאָסטיקער" און „אַטעיסט" פאַלן אין דערווירקלעכקייט צונויף. לויט זיין מיינונג, הייסט אַן אַטעיסט אַזאַ מענטש, וועלכער, נישט פאַרלייקענענדיק די עקזיסטענץ פון גאָט, לעבט אָן גאָט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל ער איז נישט זיכער אין דער עקזיסטענץ פון דער גאָטהייט. אין דעם געשפרעך האָט מיין פאָטער זיך אויסגעדריקט אין דעם זין, אַז אים איז ליבער די נישט-אַגרעסיווע פאָזיציע פון אַן אַגנאָסטיקער. עוועלינג געפינט, אַז די אָפּוועזנהייט פון אַגרעסיווע טענדענצן אין די אָנשויונגען פון מיין פאָטער מאַכן זיי פאַרשידן פון זיינע אייגענע אָנשויונגען נאָר אין אַן אומבאַדייטנדיקער מאָס, אָבער, לויט מיין מיינונג, פירט אַזאַ מין אונטערשיד אומבאַדינגט דורך אַ שאַרפע גרענעץ צווישן מיין פאָטער און דעם קלאַס דענקער, צו וועלכע עס געהערט עוועלינג".

וואָס-זשע איז דער „מוסר-השכל" פון פרענסיס דאַרווינס דערקלערונג? ער זאָגט נישט, אַז עוועלינג האָט נישט ריכטיק איבערגעגעבן דעם געשפרעך מיטן פאָטער, — פאַרקערט, ער שטרייכט אונטער, אַז ער האָט דעמדאָזיקן געשפרעך איבערגעגעבן „דורכויס ריכטיק" — אָבער ער באַמיט זיך אויף זיין אופן אויסצוטייטשן דעמדאָזיקן געשפרעך, כדי נישט צו „פאַרשעמען" דעם אָנדענק וועגן זיין פאָטער אין דער „אַנשטענדיקער געזעלשאַפט", ווו יעדער אויפריכטיקער אַטעיסט ווערט גערעכנט פאַרן „לעצטן מענטש", פאַר אַן אומווירדיקן מיטגליד פון דער

„געבילדעטער (ריכטיקער, בורזשואַזער) געזעלשאַפט". אָבער ס'איז צופיל בולט, אַז פרענסיס דאַרווינס קאָמענטאַרן באַשטעטיקן נאָר דאָס, אַז דאַרווין איז באמת געווען אַן אַטעיסט, אַז זיין אַגנאָסטיציזם איז געווען אַ „קאָנווענציאָנעלער ליגן" פאַר דער היפּאָקריטישער עפנטלעכער מיינונג פון זיין בורזשואַזיע, ד. ה. אַ העפלעכע פאָרם פון אַפּיקורסות — אַן אַטעיזם פאַר דער בורזשואַזיע, פאַרן סאַלאָן, אָבער נישט פאַר דער גאַס, פאַר די מאַסן.

ווי עס זאָל דאָרט נישט זיין, איז פאַר דער וויסנשאַפט וויכטיק נישט דאָס, צי האָט דאַרווין נעגיר'ט אָדער נישט נעגירט אין דער אָדער יענער פאָרם די אידיי פון גאָט, נאָר דאָס, אַז זיין לערע, אַז דער דורך אים אַנטדעקטער געזעץ פון אַנטוויקלונג פון דער באַלעבטער נאַטור, צעשטערט ענדגילטיק די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען וועגן דער אָפּשטאַמונג פונם מענטש און פון די לעבעדיקע וועזנס, ווייזנדיק אונז קלאָר, אַז דער מענטש איז נישט געשאַפן דורך גאָט „בצלם אלהים", נאָר האָט זיך שטופנווייז אויסגעטיילט פון דער חיות-וועלט צוליב באַשטימטע נאַטירלעכע סבות. וויכטיק איז דאָס, וואָס דער קאָנסעקווענטער, נישט-פאַרדרייטער דאַרוויניזם, איז, לויט זיין תוך, אַטעיסטיש. ס'איז קיין וווּנדער נישט דעריבער, וואָס אַזעלכע אָגעזעענע דאַרוויניסטן, ווי העקקעל, ק. טימיריאַזעוו א. א., וואָס האָבן נישט מורא געהאַט דורכצוטראַכטן ביזן סוף אַלע אויספירן, וואָס פליסן אַרויס פון דאַרווינס לערע, זענען געווען עקסטרעמע אַפּיקורסים. און בכלל מוז מען קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז די מערהייט פון די וויכטיקסטע נאַטור-פאָרשער שטייט „סטיכיש" (לויט לענינס אויסדרוק), אַליין דאָס נישט חושד זייענדיק, אויפן שטאַנדפּונקט פון מאַטעריאַליזם און זענען אַלזאָ אומבאַוווּסטזיניקע אַטעיסטן. דאָס שטערט אָפּט גאָרנישט דעם געלערטן — ווי מיר האָבן געזען אויפן ביישפּיל פון דאַרווינען — בוכשטעבלעך זיך אויפצוקאָכן ביים בלויזן דערמאָנען דאָס וואָרט „מאַטעריאַליזם" און צו פאַרזיכערן מיט דער פולער ענערגיע, אַז זיינע וויסנשאַפטלעכע אָנשויונגען האָבן קיין שום שייכות

נישט מיטן „שערלעכן" אַטעיזם. אָבער דאָס שטאַמט בלויז דערפון, וואָס אין דער קלאַסן־געזעלשאַפט האָט די וויסנשאַפטלעכע וועלט־אָנשויונג אַ קלאַסן־כאַראַקטער, ד. ה. עס עקזיסטירט נישט קיין וויסנשאַפט אין אַלגעמיין, נאָר אַ וויסנשאַפט, וואָס איז דורכגעזאַפט מיט בורזשואַזן גייסט.

ווירקלעך טאַקע, מיט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען פאַרנעמען זיך, כידוע, נישט קיין קערפּערלאָזע באַשעפענישן, וואָס לעבן אויסער צייט און רוים, נאָר רעאַלע מענטשן, געלערטע, וואָס געהערן, געוויינלעך, צום בורזשואַזן קלאַס, זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין דער סביבה פונם דאָזיקן קלאַס און וואָס שפּיגלען דעריבער אָפּ אין זייערע קעפּ אַלע פאַראורטיילן פון דערדאָזיקער סביבה. קיינער קען זיך דאָך אַליין נישט אויפהייבן פאַר די האָר. אַ מענטש, וואָס שטייט מיטביידע פיס אויפן באָדן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און געפינט זיך פולקאָם אונטער איר היפּנאָז, איז נישט־ווילנדיק דורכגענומען מיט אַ געוויסער קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע און די דאָזיקע פּסיכאָלאָגיע לייגט אַרויף איר שטעמפּל אויף דער וויסנשאַפטלעכער און פילאָזאָפישער וועלט־אָנשויונג פונם געגעבענעם מענטש. אַחוץ דעם, געפינען זיך אין די הענט פון דער בורזשואַזיע, אַלס הערשנדיקן קלאַס, די ביבליאָטעקן, אויסגאַבן, מוזייען, אָבסערוואַטאָריעס, לאַבאָראַטאָריעס און בכלל אַלע מיטלען פון וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. דערדאָזיקער אומשטאַנד שטעלט די געלערטע אין אַ דירעקטער אָדער אומדירעקטער אָפּהענגיקייט פון די הערשנדיקע קלאַסן און זיי מוזן פרייוויליק אָדער נישט צוגעבן די אויספירן פון זייער וויסנשאַפט אַ באַשטימטן בורזשואַזן כאַראַקטער. אויב דער געלערנטער טוט דאָס נישט, קען זיך טרעפן, אַז זיינע אויספירן וועלן קומען אין אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס מיט די איינגעשטעלטע טראַדיציעס פונם דאָזיקן קלאַס און געבן אַ טעאָרעטיש געווער זיין שונא — דעם פּראָלעטאַריאַט. טאַקע אַזאַ אַנטי־בורזשואַז, פּראָלעטאַריש געווער איז דאָך דער אַטעיזם, וואָס פירט לאָגיש צו דער אידיי פון פּראָלעטאַרישער, סאָציאַלער רעוואָלוציע, צו דער אידיי פון סאָציאַליזם. נישט אומזיסט האָט דער קעגנער פון

סאָציאַליזם, דער באַרימטער רעליגיעז-געשטימטער שרייבער, דאָסטאָיעווסקי, געזאָגט, אַז „דער סאָציאַליזם איז נישט בלויז אַן אַרבעטער-פּראַגע, נאַר בעיקר אַן אַטעיסטישע פּראַגע, אַ פּראַגע פון דער היינטיקער פאַרקערפּערונג פון אַטעיזם, אַ פּראַגע פון דעם טורם פון בבל, וואָס בויט זיך דווקא אָן אַ גאָט, נישט צוליב דערגרייכן דעם הימל פון דער ערד, נאָר כּדי צו דעראָבערן דעם הימל אויף דער ערד..."*).

אַלזאָ, אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט געפינען זיך אַפילו די ערלעכסטע צווישן די געלערטע, ווי, למשל, דאַרווין, אין אידעאָלאָגישער געפאַנגענשאַפט ביים הערשנדיקן קלאַס. ס'איז אויך קיין וווּנדער נישט, וואָס די פילאָזאָפיע פון קאָנסעקווענטן מאַטעריאַליזם און די פון איר אַרויספליסנדיקע אידייען פון אַטעיזם, אַלס אַזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין גוטן „שם" אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, זענען זייער שלעכט באַקאַנט די בורזשואַזע געלערטע: נישט וויסן זיי, נישט פאַרלירן קיין צייט אויף זיי שטודירן האָט זיך גערעכנט אַפילו פאַר אַ סימן פון באַזונדערס „גוטן טאָן". אין רעזולטאַט האָט די מערהייט געלערטע, אַפילו די זייער באַדייטנדיקע, קיין באַגריף נישט וועגן דעם, וואָס איז אַזוינס דער היינטיקער מאַטעריאַליזם אָדער אַטעיזם. זייערע אַרויסטרעטונגען קענען דידאַזיקע לערעס צום וויל-געפעלן פון דער בורזשואַזיע, זענען שטענדיק זייער אומערנסט, אויסגע-דראָשן און פּסעוודאָ-וויסנשאַפטלעך. מיט איין וואָרט, מען טאָר נישט פאַרמישן די שטימונגען פון די געלערטע מיט די אָב-יעקטיווע אויספירן פון דער וויסנשאַפט. די וויסנשאַפט, לויט איר מהות איז אַטעיסטיש און דעריבער טרייבט דער נאַטור-פאָרשער מיט זיינע פאָרשונגען „סטיכיש", קעגן זיין ווילן, אַרויס גאָט פון דער וועלט, דעריבער האַנדלט ער, אין טאַט, ווי אַן אַטעיסט.

*) דאָסטאָיעווסקי: „די ברידער קאַראַמאַזאָוו".

אינהאלט:

פארווארט: דארוויניזם, רעליגיע און רעאקציע . . 3

I. דער צוזאמענבראך פונם פרינציפ פון אומפארענדער-
לעכקייט פון דער נאטור . 20

II. צוזאמענבראך פון דער לערע וועגן דער שכלדיקער
צוועקמעסיקייט פון דער וועלט . 43

III. ווי אזוי דער קלער „מאכט שלום" צווישן דארוויניזם
און רעליגיע . 89

IV. ווי אזוי דער קלער „צעקלאפט" דעם דארוויניזם . 104

V. דאס לעצטע ווארט פונם אנטי-דארוויניזם . . 130

VI. צי איז דער דארוויניזם צעקלאפט ? . . . 137

VII. דער צוזאמענבראך פון דער ביבלישער לערע
וועגן מענטש . 167

VIII. די באציונג פון דארוויניזם צו דער רעליגיע . . 201